STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00518

MOSHEH LEYB HALPERN

Moshe Leib Halpern

Permanent preservation of this book was made possible by
Gerald & Cornelia Spindel
in memory of
their loved ones

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה לייב
האַלפּערן

ערשטער באַנד

אַרויסגעגעבן פון
משה לייב האַלפּערן קאָמיטעט
ניו-יאָרק, 1934

Copyright, 1934
By Rose Halpern
New York

Myold Printing Co., Inc.
161 Grand Street, N. Y.

משה לייב האַלפּערן

די איצטיקע אויסגאַבע פון משה לייב האַלפּערנס ליטעראַרישער ירושה באַשטייט פון צוויי בענד.

די פּאָרטרעטן פון משה לייב האַלפּערן, פרוי רויזעלע האַלפּערן און זייער זון אייזיק, וואָס געפינען זיך אין די צוויי בענד, האָט האַלפּערן אַליין געמאָלן. זיי ווערן דאָ רעפּראָדוצירט צום ערשטן מאָל.

דאָס איז נאָר אַ קליינער טייל פון די פּאָרטרעטן וואָס האַלפּערן האָט געמאָלן פון זיך און פון זיין פאַמיליע.

די צוויי לידער אין כתב־יד וואָס ווערן דאָ געבראַכט, זענען געדרוקט אין צווייטן באַנד. די צייכנונג, — אַ פייגעלע אויף אַ בוים, — וואָס געפינט זיך אויף די צוויי מאַנוסקריפּטן, איז האַלפּערנס באַליבטסטע צייכנונג. זייער פיל לידער האָט ער פאַרענדיקט מיט אָט דער צייכנונג.

צוזאַמען מיט די דאָזיקע צוויי בענד זענען ביז איצט דערשינען 4 ביכער פון משה לייב האַלפּערן. די ערשטע צוויי זענען:

„אין ניו־יאָרק“, — 1919, פאַרלאַג „ווינקל“, ניו יאָרק. „די גאָלדענע פּאַווע“ — 1924, פאַרלאַג „גרופּע אידיש“, קליוולאַנד, אָהייאָ.

מיר די רעוואָלוציאָנערן
אָבער ס'איז ריכטיק.

ער האָט זיך אַזוי לאַנג געיאָגט
אַז ער איז אַוואַנגאַרד
ביז ער האָט זיך אַליין דורך קאָפּעלעש פֿון שטרוי,
אָנגעצונדן אויפֿן קאָפּ
און אַט־אַזוי
מיט אויסגעשפּרייטע הענט
און מיט „געוואַלד, עס ברענט!"
איז ער די טרעפּ אַראָפּ
איז אַרונטער אין גאַס וואָס האָט אויך אָנגעטראָפֿן
מיטגעלאָפֿן
אויך מיט אויסגעשפּרייטע הענט
און מיט „געוואַלד עס ברענט!"
האָט נעבן מיר מײַן פֿרײַנד מיט מויל און אויגן
ווײַט־צעשפּרייטער צו מיר זיך צוגעבויגן
צו הערן וואָס איך זאָג
האָב איך א וואָרף געטאָן דאָס שטיקל קויכל
און אָפּגעווישט אַליין זיך מיט א טיכל
פֿון שטערן נאַס
בײַם קאַווע־גלאָז
און אויך אַרויס מיט אויסגעשפּרייטע הענט
און מיט געוואַלד עס ברענט
האָט אויך מײַן פֿרײַנד (שפּעטער מיט א טאָג)
באַגעגנט
און געפֿרעגט פֿאַרוואָס איך האָב זיך נישט געזעגנט
און פֿאַרוואָס איך האָב פֿאַרגעסן
און רעסטאָראַנט באַצאָלן פֿאַר מײַן עסן
האָב איך געענטפֿערט: „רעוואָלוציע"
~~האָט ער געזאָגט: „גראָטעסקע"~~
האָט ער אויף מיר א קוק געטאָן
און האָט געזאָגט: „גראָטעסקע"
האָב איך, ~~פֿאַרשטעלט זיך אַליין דורך באַצאָלן~~ פֿאַרגליכן
דערקלערט א צייל
דאָך שוין צוגעזאָגט אַז ער איז
האָב איך — פֿאַרשטעלט זיך
איז דאָך
אַזעלכע ווי מיר דאַרף
און אויף געלאָזטן ווײַטער קוקן און שאַרף
אַז מיר באַגעגנען שוין מיט אונזער פֿרײַנדשאַפֿט פֿאַרטיק.

איך און דו ניט אונדז און ניט דו
גיין אין בלאָנד וואָס שפּאַרט זיך צו
איינער צו דעם אַנדערן

זיך אָנגעטראָפן אויסגעריכט
ווי בעטלער צוויי מיט שטעקן און לאַמטערנליכט
באַנאַכט ביים וואַנדערן

ווי בעטלער צוויי וואָס האָבן זיך מיט טאָרבע און מיט וואַסערקריגל
דערזען ווי אין אַ שפּיגל
איינער אין דעם אַנדערן

ווען טויט אַ צו, אַ בריוו
דאָס אַלץ ווערט טריב
~~[illegible]~~
~~[illegible]~~
ניט איך האָב דיך פֿיינט
ניט דו האָסט מיך ליב

אינהאַלט

משה לייב האַלפּערן — — — — — — — — — — — אליעזר גרינבערג
(ביאָ־ביבליאָגראַפישע נאָטיצן) — — — — — — — — — — — — 15
צו דעם וואָס זוכט מיך — — — — — — — — — — — — — 33
ליכט מיין וואָרט — — — — — — — — — — — — — — — 35
די באַלאַדע פון משה קראַמגאָלד — — — — — — — — — — 39
דאָס ליד פון סוף זונטיק — — — — — — — — — — — — — 42
אָ, שמואל מיין ברודער — — — — — — — — — — — — — 45
סאַלוט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 48
זונאויפגאַנג אין מאַנהעטן — — — — — — — — — — — — 51
נאַכט אין מאַנהעטן — — — — — — — — — — — — — — 54
סאַקאָ־וואַנזעטי — — — — — — — — — — — — — — — 57
מיין זונעלע, ווען ער וועט זיין אַ מלך — — — — — — — — 59
פון מיין רויזעלעס טאָג־בוך — — — — — — — — — — — — 62
דער טויט פון דעם גאָלדגרעבער דזשים וואַלדאָר — — — — 66
אַן אַלטע מצבה — — — — — — — — — — — — — — — 73
דזשודאַאיזם — — — — — — — — — — — — — — — — 74
זומער־רעגן — — — — — — — — — — — — — — — — 77
אָוונט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 78
דיין קלייד — — — — — — — — — — — — — — — — — 79
פרעמדקייט צווישן אונדז — — — — — — — — — — — — 80
אָווערטאַס — — — — — — — — — — — — — — — — — 81
ער, וואָס רופט זיך פירער — — — — — — — — — — — — 84
די הייצער — — — — — — — — — — — — — — — — — 87
דאָס קלאָגליד פון דעם לעצטן קעניג — — — — — — — — — 90

יעזוס צו די קינדער — 92
דער פויגל מערציפינט — 95
אין דער וועלט — 97
דער אַלטער פירער ווייַנט — 98
ליד — 101
מאַך פאַר אים רעוואָלוציע, מאַך פאַר אים! — 103
געזאַנג — 106
אוים פּרינצן — 110
האַמער, סערפּ און שטערן — 113
אין אָוונט ווען די גלאָקן קלינגען — 115
די באַלאַדע פון מעסערטאַנץ — 119
מאָנומענט געטע — 123
מיר זענען זיך קאַטאַליש אין מאָנטרעאָל — 128
פון אַ ווינקל ערגעץ — 130
רעזומע — 131
אסתר — 133
די הייראַט — 135
פרויען — 136
אַמאָל — 137
לידער פאַר מיין פרוי — 138
באַם טויטנליכט — 142
באַרג, הימל, זון און רו — 144
ליד — 146
צו די רויטע אידעלעך — 148
דער טאַטע מיטן זון — 150
די צוקער־זיסע דאַמע — 153
אַ בריוו — 155
פון דעמזעלביקן בריוו — 158
מיין איינציקער זון — 161
ווען אַ פרוי איז אויסגעטאָן — 164
מיין סערענאַדע צו דיר — 165
אַ פאַרטאָג אין פרילינג — 167

געשטאָרבן דער סקעב — 170
יעוונוד אין מאָרגנשיין — 172
נישט דערוואקסן זענען מיר — 175
פון מיין אַלבאָם — 177
אין סענטראַל־פּאַרק — 180
ערגעץ — ווער ווייסט וואו? — 182
יענער און ער — 184
פיאָדאָר שאַליאַפּין — 186
כל נדרי — 188
לידער — 190
אָוונט — 192
גיי איך אַזוי — 193
איר מאַן, דער קאַפּעלמייסטער מאַכט פּראָבע פאַר זיך אַליין — 195
און עס חוזק'ט דער רוימער — 197
אַ ליד פון אַ ליבע — 202
דאָס ליד פון לונג־פו דעם לאָונדרימען — 206
דאָס ליד פון בויניסל דעם יתום — 210
דער משיח זוכער — 212
מיין שרייענדיקייט — 214
זאָל דאָס זיין אַ וואָרענונג — 217
דער פילאָזאָף מיט דער בולקע — 219
אין האָטעל „ראָיאַל“ — 222
אַ סאַמעטן קלייד — 226
דאָס ליד פון דעם געשטאָרבענעם פּאַן — 227
דער פּאַן האָט געזאָגט — 230
לאָס אַנדזשעלעס — 231
גיצמאַ, די גיטאַר, גיצמאַ — 235
האָב איך אַ לידל — 239
אַזוי כסדר — 242
אַרלעקין — 245
די פייער מענטשעלעד — 250
באַם פענצטער דיינעם, רויט און אָפן — 252

די באַלאַדע — דזשאָן ווילבלע — — — — — — — — — — — — 254

מיין פּעטער יונאַלע — — — — — — — — — — — — — — — — 258

זרחי צו מירטלען — — — — — — — — — — — — — — — 260

איך האָב דאָך געהאַט — — — — — — — — — — — — — — — — 261

זרחי עליו השלום — — — — — — — — — — — — — — — — 262

באַנגדיל קירליקי און די גאַסנפּרוי — — — — — — — — — — — 263

ווערט מירטל ברוגז — — — — — — — — — — — — — — — — 265

די רויטע רייטער און דער פּרינץ־ דער הונט — — — — — — — — 269

אַ יוגנט בילד פון משה לייב האַלפּערן.

משה לייב האַלפּערן

ביאָ־ביבליאָגראַפישע נאָטיצן

(1932—1886)

משה לייב האַלפּערן איז געבוירן געוואָרן דעם 2־טען יאַנואַר, 1886, אין דעם שטעטל זלאָטשאָוו, מזרח־גאַליציע. האַלפּערנ'ס זיידע פון פאָטער'ס צד, ישראל האַלפּערן, שטאַמט פון אדעס, רוסלאַנד. נאָך זיין חתונה האָט ער זיך באַזעצט אין גאַליציע.

משה לייב האַלפּערנ'ס פאָטער, אייזיק האַלפּערן, אָדער ווי מען האָט אים גערופן — „אייזיק דער שניטקרעמער" און משה לייבס מאַמע, פּעסל, וואָס שטאַמט פון אַן אַלטער משפּחה אָרענ־דאַרן, זיינען ביידע געבוירן געוואָרן אין גאַליציע. זיינע זיידעס, אויף וויפיל האַלפּערן האָט זיי געדענקט — זיינען געווען פאַר־מעגלעכע, גוטע און פריילעכע אידן. זיי האָבן זייער ליב געהאַט זייער אייניקל, משה לייב'ן — און ער זיי אויך. אין זיינע לידער האָט זיך משה לייב אָפט געבייזערט אויף עפּעס אַ זיידען, אַ איד אַ קמצן. ער האָט אָבער אַזאַ זיידן נישט געהאַט.

עמיצער האָט אים אַמאָל דערציילט וועגן אַזאַ זיידן — און נאָכדעם האָט אים דאָס געשטאַלט פון אַ איד, אַ קמצן נישט געלאָזט רוען און ער האָט קיינמאָל נישט פאַרביינגעלאָזט קיין געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט אים — אין לידער.

משה לייב האָט געהאַט צוויי שוועסטער, פרידא און ראַציע, און אַ ברודער שמואל, וואָס איז געשטאָרבן באַלד נאָך זיין געבוירן. אַ ליד אויף זיין טויט געפינט זיך אין ערשטן באַנד פון די לידער

וואָס גייען איצט אַרויס. דאָס ליד הייסט: „שמואל, מיין ברודער.“

משה לייב איז געווען דער עלטסטער פון די פיר קינדער.

אין די גאָר פריע קינדער־יאָרן האָט משה לייב אָנגעהויבן גיין אין חדר אַרייַן, וואו ער האָט געלערנט חומש, תנ״ך און שפּעטער אביסל גמרא. אָבער צוליב דעם רבין, דעם כעסן, האָט ער נישט איבעריקס ליב געהאַט דאָס חדר, און אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער אין אַ צאָל לידער געמאָלן אין גרוי דאָס גרויע לעבן פון זיינע חדר־יאָרן. ער האָט אויך באַזוכט די באַראָן־הירש שול פון זיין שטעטל.

זיין טאַטע איז געווען אַ איד אַ משכיל. ער האָט זיך ווייניק וואָס אויסגעטויגט אין געשעפט. קונים, וואָס פלעגן זיך דינגען און אים דרייען אומזיסט אַ קאָפּ, פלעג ער אַרויסשיקן פון קלייטל. ער האָט געהאַט אַ טבע צו פּראַווען ליצנות און אָפּטאָן שפּיצלעך. משה לייב האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון זיין טאַטנ׳ס משונה׳דיקע איינפאַלן און ער האָט זיך אָפּט באַרימט מיט זיי. ער האָט אַליין געהאַט אין זיך אַ היפּש ביסל פון זיין פאָטער׳ס איינגעבוירענער אומרו און גראָטעסקער פאַנטאַזיע.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז האַלפּערנ׳ס פאָטער געווען קולטוס־פּרעזידענט אָדער ראש־הקהל אין דעם שטעטל בוסק, גאַליציע.

קיין גענויערע ידיעות, וועגן משה לייב האַלפּערנ׳ס משפּחה האָבן מיר דערווייל נישט. און דאָס איז באמת מאָדנע. ער איז אין זיין שרייבן דורכאויס ס ו ב י ע ק ט י ו ו, כמעט אויטאָ־ביאָגראַפיש, און אין אַ צאָל לידער האָט ער באַזונגען, אָדער בעסער, אַ ר ו נ ט ע ר ג ע ז ו נ ג ע ן, זיין געבורטס־שטאָט זלאָטשאָוו — מיט דער שול און קלויסטער־שפּיץ. ער איז נישט מיד געוואָרן איבערצוגעבן אומצאָליקע מאָל אין זיינע לידער ריין־אינטימע געשעענישן. און דאָך האָט ער אין זיינע טאָגטעגלעכע שמועסן מיט פריינט כמעט גאָרנישט ניט דערציילט וועגן זיין אָפּשטאַם, וועגן זיין טאַטע־מאַמע, וועגן זיינע קינדער־יאָרן.

בטבע איז ער געווען אַ באַריידעוודיקער. אַלעמאָל טעמפּע־ראַמענטפול און אָפן (אָפטמאָל שוין צו אָפן) און דאָך איז ער זעלטן ווען אַריינגעפאַלן אין אַ אינטים־אויטאָביאָגראַפישן טאָן. ער האָט זעלטן אָנפאַרטרויט זיינע פריינט פאַקטיש איבערגעלעבטע דער־פאַרונגען — דערהויפּט די, וואָס זיינען שייך צו די ערשטע יאָרן נאָך זיין אָנקומען קיין אַמעריקע.

צום גליק איז האַלפּערנ׳ס דיכטונג אַזוי דורכגעוועבט און פאַר־קנופּט מיט זיין פּערזענלעכקייט, אַז זי אַליין, גיט גאַנץ אָפט אָנדייטן אויף דעם פּערזענלעכן לעבן פון משה לייב האַלפּערן.

* * *

אין די גאָר פריע קינדער־יאָרן האָט מען משה לייב׳ן אָפּגע־געבן, ווי געזאָגט, אין חדר צו דעם רבי׳ן יצחק אייזיק דעם גמרא מלמד. משה לייב האָט געהערט צו איין כיתה מיט נאָך עטלעכע אינגלעך, און זיי האָבן אַלעמאָל אַרויפגעקוקט צו אים און אים באַוואונדערט פאַר זיינע פעיאיקייטן און זיין געוואַגטקייט.

פאַרטאָג פלעגן די תלמידים אויפ׳ן וועג אין חדר אַריין זיך אָפּשטעלן אויפצו־וועקן פון שלאָף דעם לעצטן — משה לייב׳ן.

— „משה לייב, שטיי אויף, ס׳איז שפּעט!

— דער רבי איז שוין אין חדר?

— מסתמא וואַרט ער שוין דאָרט!

— וועט ער דאָך שוין סייוויסיי צווישקען מיט׳ן קאַנטשיק — לאָזט מיך בעסער שלאָפן.“

ר׳ אייזיק האַלפּערנ׳ס געשעפטן זיינען געוואָרן שלעכט, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ איד, אַ משכיל, אַ „וועלטלעכער“ האָט ער באַ־שטימט אַז ער וועט שוין פון זיין איינציקן זון, משה לייב׳ן, נישט מאַכן קיין סוחר. משה לייב האָט פון קליינערהייט אָן אַרויס־געוויזן פעיאיקייטן אין מאַלעריי, האָט אים זיין פאָטער אָוועקגעפירט צו „נפתלי מאַלער“, אַ שילדן־מאַלער, אויף פּראָבע.

נפתלי איז געווען שטאָלץ דערויף. ער גיט משה לייב׳ן אויס־צומאָלן אַ שילד פאַר אַ טאַבאַק־טראַפיק: אַ טערק מיט אַ לאַנגער

ליולקע: משה לייב מאָלט אויס אַ קאַריקאַטור פון אַ טערק מיט
ברייטע, געלאַטעטע הויזן אָן אַ ליולקע. ר' נפתלי כאַפּט זיך
פאַר'ן קאָפּ:

— סטייטש, אַלע טערקן אויף די שילדן האָבן נייע, גרינע הויזן!

— דאָס זיינען אייערע טערקן — ענטפערט משה לייב. —
איך האָב אַנדערש געזען דעם טערק!

— און די ליולקע?

— מען וועט אַרויסנעמען אַ ליולקע פון טראַפיק און אויפ־
הענגען אויף דער שילד. קאַרג ליולקעס האָט דער טראַפיקאַנט?

צו 12 יאָר, אין 1898, האָט האַלפּערנ'ס פאָטער אוועקגעפירט
משה לייב'ן קיין ווין. דאָרטן הויבט ער זיך פון דאָס ניי אָן צו
לערנען שילדנמאָלעריי.

אין ווין איז ער פאַרבליבן 10 יאָר צייט. ער האָט געלעבט
צווישן גויים. אין די אָווענטן האָט ער שטודירט די מאָדערנע
דייטשישע ליטעראַטור און זיך באַקאַנט מיט'ן סאָציאַליזם. ער
האָט געשריבן לידער אויף דייטש און האָט אפילו אָפּגעדרוקט צוויי
לידער אין אַ ווינער דייטש־אידישן זשורנאַל.

ער גיט זיך אָפּ אַ סך מיט ספּאָרט. ער שפּילט באַל, טאַנצט
און שווימט.

אין 1907 איז משה לייב, אַ פאַרגויאישטער, צוריקגעקומען קיין
זלאָטשאָוו. ער האָט געשריבן לידער אין דייטש און האָט אַ סך
גערעדט און דיסקוסירט אין דייטש וועגן סאָציאַליזם. אָבער באַלד
האָט ער זיך אָנגעהויבן טרעפן אָפט מיט די דיכטער ש. י. אימבער
און יעקב מעסטל. ביידע האָבן שוין געהאַט געדרוקט לידער. זיי
האָבן אַ סך דיסקוסירט מיט האַלפּערנ'ען און אים אויפגעוואָרפן
זיין „גויאישקייט." טיילווייז אונטער זייער ווירקונג האָט משה
לייב אײנגיכן אָנגעהויבן צו שרייבן לידער אין אידיש.

זיין ערשטע דערפאַרונג מיט אַ אידישן רעדאַקטאָר איז געווען
אַזאַ: ער האָט אוועקגעשיקט אַ ליד אין רעדאַקציע פון לעמבערגער
„טאַגעבלאַט." דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג איז געווען משה

קליינמאַן. האָט ער אים באַלד געענטפערט אַז ער קען דאָס ליד נישט דרוקן. עס איז צו גוט פאַר אַן אָנפאַנגער. ער גלויבט נים אַז האַלפערן זאָל עס אַליין האָבן געשריבן. משה לייב איז געפאַלן אויף אַ המצאה — ער האָט באַלד צוגעשיקט קליינמאַנען אַנדערע לידער, אונטערן נאָמען פון זיין שוועסטערל — פרידאַ האַלפערן. די לידער האָבן' ווייזט אויס, געפונען חן אין דעם רעדאַקטאָר'ס אויגן. זיי זיינען באַלד אָפּגעדרוקט געוואָרן. ערשט דעמאָלט האָט משה לייב אין אַ לאַנגען בריוו, אויף זיין אייגנאַרטיקן, גע־וואַגטן שטייגער, אַוועקגעגעבן אַ גאָב דעם רעדאַקטאָר. יענער האָט געקראָגן דרך ארץ פאַר משה לייב'ן און שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן, האָבן זיי זיך איבערגעבעטן. קליינמאַן האָט נאָך יענעם עפּיזאָד גערן געדרוקט האַלפערנ'ס לידער.

האַלפערן איז לאַנג נישט פאַרבליבן אין זלאָטשאָוו. אין יאָר 1908 איז ער אַוועק קיין אַמעריקע. ער איז אָנגעקומען קיין ניו יאָרק. עטלעכע טעג איז ער אָפּגעווען בא אַ פעטער וואָס האָט געוואוינט „דאַון־טאַון." ער האָט זיך באַלד אָבער אַרויסגעצויגן פון פעטער'ס הויז. אַ קורצע צייט איז ער געווען אַ קעלנער אין אַ רעסטאָראַן. אים איז נישט געלונגען צו האָבן אַ שטענדיקע באַ־שעפטיגונג. יאָרנלאַנג האָט ער געהונגערט, און נים איינמאָל איז אים אויסגעקומען איבערצונעכטיקן אויף אַ באַנק אין פאַרק. אין לידער — וועגן יענער צייט דערציילט ער וועגן זיך:

„אין שענקלעך אָרעמע פאַרלעב איך מיינע נעכט —

אַ שווערע גרויקייט גייט דורך אַלע מיינע טעג."

אַ בריוו פון זיין פאָטער, אַן ענטפער אויף משה לייב'ס בריוו, וואַרפט אַביסל ליכט אויף האַלפערנ'ס אָרעם און פינצטער לעבן אין יענער צייט. דער בריוו איז נישט דאַטירט. עס איז אָבער קענטיק, אַז ער איז געשריבן געוואָרן אין די ערשטע יאָרן' נאָך משה לייב'ס קומען קיין אַמעריקע. מיר ברענגען דאָ דעם בריוו אומגעענדערט אין דעם גאַליציאַניש־דייטשמערישן אידיש:

„ליבעס קינד לעב! מיט פריידיקע טרערין האבען וויר דיין בריעף געלעזען און ענדליך האסט דיך אמאל ערינערט אן דיינע עלטערן און זיי מיט א פּאָר ווערטער ערקוויקט. פערלאַנגען וויר דען מעהר פון דיר ווי א בריעף חאָטש א יעדע וואכע, ליעבעס קינד דענק ניכט דאס וויר האבען אן דיר פערגעסען א ניין עס געהט ניכט אוועק די מינוט דאס וויר זאָללען דיך פון די געדאַנקען אראָבלאָזן און דו זאָלסט ניכט דענקען דאס וויר פערלאָזען זיך אויף דיר ניין וויר וויסען די אמעריקאַנער גליקען וויר האפען וויר זאללען נאך האבען א בעסערע צייט וויר זאללען דיך קענען אהיים בעציהען אבער ניכט וויר זאללען פון דיר שיפסקאַרטען אדער געלד פערלאַנגען וויר פערלאַנגען נור עס זאָל דיר אליין גיט זיין איזט פיר אונז שוין גיט עס זאָל זיך דיר ניכט דאכטין אז דער ביסין וואס אונז עס מיר בעקומט אונז — —

— — די שרייבסט די האסט מורא מען זאָל דיך ניכט מיטשען ווי דעם גויעשען גאטט א ניין מען האָט דיך קיין מאהל ניכט געמיטשעט און היינט ווייטער ניכט דעם ביסין וואס וויר עסען וועללען וויר זיך מיט דיר טיילען אבי מיט דיר צוזאמען צו זיין די שוועסטערלעך דיינע האבען פאר פריידע געוויינט איך בעט דיך נאָך אמאהל די זאָלסט דיר ניכט איינרעדען דאס וויר האבען אין דיר פערגעססען די ביסט בייא אונז גלייך ליעב וויע יעדעס קינד קיין 20 קינדער האבען וויר ניכט איין גאטט זאָלל אינז העלפין וויר זאללען איממער מיט אייך צוזאממען זיין אין בייא אייך א גרויסע גדולה זעהן וויר גריססען אין קיססען דיך פיל מאהל

פערבלייב געזינט אין גליקליך אין דער האפפענונג דאס וויר וועללען זיך אין קורצן זעהן דערווייל ביט איך דיך זאָלסט יעדעס מאהל שרייבען אין זאָפאָרט אינז מיט דיין

בילד ערפרייען פון אינז דיינע אן דיר ניפערגעססענדע
עלטערן, אייזיק האלפערן עט פעסיל."
* * *

עטלעכע אינטערעסאנטע עפיזאָדן פון משה לייב האַלפּערנ'ס ערשטע יאָרן אין אַמעריקע:

אין 1910 און 1911 האָט דער שריפטשטעלער יצחק בלום געהאַט אין די בראָנקס אַ „קלינינג סטאָר" (צו רייניקן און פּרעסן קליידער). דאָס פּלאַץ איז אויך געווען אַ ליטעראַרישער צענטער. אייניקע פון די בעסערע יונגע אידישע דיכטער און דערציילער האָבן גראד דעמאָלט געוואוינט אין בראָנקס, און זיי פלעגן זיך אַלע דאָרט טרעפן. זיי פלעגן שעה'ן לאַנג דאָרט אָפּזיצן, טרינקען טיי, פאָרלייענען זייערע נייע ווערק און פּלאַנעווען ליטעראַרישע זאַמל־ביכער. אהין פלעגט קומען — י. אָפּאַטאָשו, יואל סלאָנים, מ. י. חאַימאָוויטש, י. י. שוואַרץ, א. מ. דילאָן און אַנדערע. משה לייב האַלפּערן האָט דעמאָלט געוואוינט „דאַון־טאַון" און דערפאַר איז ער געווען אַ ווייטער מחותן מיט דעם בראָנקסער ליטעראַרישן צענטער. בלויז פון צייט צו צייט פלעג ער אַריינפאַלן ווי אַ גאַסט. ער פלעג פאַרברענגען אַ פּאָר שעה — און צוריק פאָרן „דאַון־טאַון." איינמאָל איז ער אַריינגעקומען אַ פאַרזאָרגטער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ שווייגנדיקער אין אַ ווינקל — און געזעסן אומבאַוועגלעך אַ לענגערע צייט. פּלוצים האָט ער זיך אַ הויב געטאָן. זיך דערנענטערט צו בלום'ען און ווי אַרויסגע־ברומט:

— „הערט, איך וויל ווערן אַ פרעסער!" בלום האָט גענומען שפּאַסן — איר, אַ פּרעסער!

— לאַכט ניט, — איז האַלפּערן כמעט ווי בייז געוואָרן, — איך שפּאַס ניט! אַרבעטן איז קיין חרפּה ניט! זעט איר, אַרומ־גיין אָפּגעריסן און הונגערן, נישט האָבן וואו צו שלאָפן, דאָס, זעט איר, איז אַ חרפּה!"

ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ פויסט אָן אַ פויסט — אז בלום

האָט זיך אַזש דערשראָקן. — אַזוי שמאָל האַלט עס מיט אייך? האָט בלום אים געפרעגט אַ פאַרלוירענער.

— „ערגער ווי איר קענט זיך פאָרשטעלן."

— אויב אַזוי, פאַרבלייבט זשע דאָ מיט מיר, עסט דאָ, שלאָפט דאָ און שרייבט לידער.

— ניין. אַזוי בלייבן וויל איך נישט! כ'וויל אַרבעטן און פאַר־דינען צום לעבן. — „נעמט אַרונטער דאָס רעקל"׳ האָט זיך בלום צו אים געווענדט.

„ס'איז ווערט געווען צו זען," — שרייבט בלום, „ווי אַזוי משה לייב שטייט מיט אַ שווערן הייסן אייזן אין זיינע גרויסע ריזיקע הענט און פּרעסט אַ פּאָר הויזן, חזר'ט אויף אויסנווייניק פערזן פון אַ ניי ליד און זיין פּנים גליט מיט אַ דיכטעריש פייער. פּלוצים — אַ פאַרסמאַליעטער ריח!....

— „משה לייב, די הויזן ברענען!"

משה לייב גיט זיך אַ כאַפּ, בלייבט שטיין אַ פאַרלוירענער. און אין זיין גאַנצער ווילדער גרויס קוקט ער אויף בלום'ען ווי אַ גרויס קינד מיט אַ פאַרשולדיקט פּנים — און דאָס ליד בלייבט אים שטעקן אין האַלדז . . .

משה לייב איז קיין פּרעסער נישט געוואָרן און זיין מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך נישט פאַרבעסערט.

אין 1912 הייבט אָן צו דערשיינען אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, אַ וועכנטלעך אַרבעטער־בלאַט, די „פאָלקסצייטונג," אַרויסגעגעבן פון אַ פאַראיין וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַנאַרכיסטן, סינדיקאַליסטן, פּועלי ציון און סאָ־ציאַליסטן רעוואָליוציאָנערן. רעדאַקטאָר איז געווען לעאָן כאַזאַ־נאָוויטש. ער האָט אַראָפּגעבראַכט דעם יונגן משה לייב האַלפּערן קיין מאָנטרעאָל פאַר אַ געהילף־רעדאַקטאָר, רעפּאָרטער, נייעס שרייבער, קאָרעקטאָר און שיק־אינגל. די פאַרוואַלטער האָבן געהאַט טענות צו כאַזאַנאָוויטשן פאַרוואָס ער האָט אַרונטערגעבראַכט אַהין משה לייב'ן. ענטפערט ער זיי: „משה לייב האַלפּערן איז,

לויט זיין מיינונג, א גרויסער דיכטער און ער וועט ווערן איינער פון די גרעסטע.״

נאך האלפערנ׳ס אנקומען קיין מאנטרעאל האט דארטן אויסגעבראכן א גענעראל־סטרייק פון די מענער שניידער. פרייטיק דעם 7־טן יוני, 1912, האט די „פאלקסצייטונג״ אין א ספעציעלער אויסגאבע געדרוקט דעם סטרייק־רוף. און אויף דער זאמע ערשטער זייט איז געווען געדרוקט האלפערנ׳ס א ליד „צום סטרייק.״ דאס ליד איז זייער פאפולער געווארן ביי די סטרייקער. מען האט דאס פארגעלייענט און געזונגען. אין די שפעטערדיקע נומערן „פאלקסצייטונג״ האט האלפערן אחוץ לידער געדרוקט אויך נאטיצן און דערציילונגען וואס ער האט איבערגעזעצט פון אנדערע שפראכן. נאך 24 נומערן האט די „פאלקסצייטונג״ צוליב פינאנציעלע סיבות געמוזט אויפהערן צו דערשיינען. האלפערן האט פארלוירן זיין פאסטן. עס איז אפילו נישט געווען קיין געלט אויף הוצאות צוריק קיין ניו יארק. איז מען געפאלן אויף א פלאן צו ארראנזשירן א באנקעט.

דער קאנאדער אידישער זשורנאליסט ה. מ. קייזערמאן־וויטאל, איז געווען אויף דעם באנקעט און ער באשרייבט דאס אזוי:

א לאנגער טיש מיט בענק, א פאר פלעשער סאדע־וואסער. אביסל ביליקע ביסקוויטן — און אלץ אזוי ארעם, אזוי נעבעכדיק. ארום די טישן א צוואנציק „חברים״ און „גענאסן״ — אלע אנטמוטיקטע, פארפרוירענע. דערנאך — באנאלע רעדעס. און צום לעצט האט משה לייב פארגעלייענט זיין פאעמע „דעלא העסטער״, ווי לאנג איך וועל לעבן, וועל איך געדענקען יענע טרויעריקע באנקעט־צערעמאניע וואס איז פארגעקומען אין דער ארעמער „פאלקסצייטונג״ רעדאקציע.״

פון קאנאדע איז האלפערן צוריק געקומען קיין ניו יארק, וואו ער איז געווארן מיטארבעטער אין די הומאריסטיש־סאטירישע וואכנשריפטן „דער קיבעצער״, „דער אידישער גזלן,״ „קונדס.״ ער

פלעג דאָרטן דרוקן הומאָרעסקן, פערזן און איבערזעצונגען אונ־טער דעם פסעוודאָנים „העל־פעז" — פאַר אַ קלאַנגדיקן לויז.

* * *

נאָך 1912, ווען האַלפּערן קערט זיך אום צוריק קיין ניו יאָרק, הייבט זיך ערשט אָן זיין דיכטערישע שפּע. ער ווערט געוואוינטלעך צוגערעכנט באַלד צו די דיכטער וואָס זיינען באַקאַנט מיט דעם נאָמען „יונגע." ער באַטייליקט זיך אינאיינעם מיט מאַני לייב'ן, זישאַ לאַנדוי'ן, ר. אייזלאַנד'ן, י. אַפּאַטאָשו'ן, ד. איגנאַטאָוו'ן, אַ. ראַבאָי'ען, י. סלאָנים'ען, אַ. מ. דילאָנ'ען און אַנדערע, אין אַלע אויסגאַבן פון די „יונגע" צו וועלכע ס'קומט שפּעטער צו אויך ה. לייוויק. אָבער לויט זיין הילכיקער שטים, לויט זיין אָפּטער פּאָטעטישקייט, האָט זיך משה לייב זייער ווייניק אריינגעפּאַסט אין דער קינסטלערישער פּראָגראַם פון יענעם דור דיכטער. ר. אייזלאַנד שרייבנדיק נאָך אין 1912, אין דעם ערשטן באַנד „שריפטן" אַן אָפּהאַנדלונג וועגן די „יונגע", זאָגט ער וועגן מ. ל. האַלפּערנ'ען:

„ער, האַלפּערן שטייט אַליין און צו אים איז קיינער ניט ענלעך. שוין זיין פּאַטאָס, שטאַרקייט און רייכקייט אין שפּראַך שטעלן אים אַוועק אויף אַ באַזונדער אָרט, איבערהויפּט דער פאַר־נעם זיינער, אַזאַ ברייטקייט אין טאָן און רייכקייט אין פאַנטאַזיע און בילדער פאַרמאָגן נאָר מייסטער."

אין צווייטן בוך „שריפטן" וואָס דערשיינט אין 1913, דרוקט משה לייב האַלפּערן זיין פּאָעמע „אין דער פרעמד". ש. ניגער אין זיין עסיי „ראָמאַן און ראָמאַנטיזם," געשריבן אין 1913, שטעלט זיך אָפּ און ציטירט די פּאָעמע ווי אַ באַווייז „פון דער הארבסט־שיינקייט פון דער אונטערגייענדיקער וועלט." אין 1915 דרוקט האַלפּערן אין דעם זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן" זיין פּאָעמע „יצחק לייבוש פּרץ," געשריבן באַלד נאָך פּרצ'עס טויט. אַרום יענער צייט פאַרעפנטלעכט ער זיין „גאַסנפּויקער" און באַלד נאָכ־דעם זיין לאַנגע פּאָעמע „פּאַן יאַבלאָווסקי" און אַנדערע לידער

וואָס ציען צו צו אים די אויפמערקזאַמקייט פון דער קריטיק און פון דעם בעסערן לייענער.

אין 1915 רעדאַקטירט ער צוזאַמען מיט משה נאַדיר דאָס ליטעראַרישע זאַמלבוך „פון מענטש צו מענטש." אין 1916 רעדאַקטירט ער מיט מנחמ'ען „איסט בראָדוויי," וואו ער דרוקט אָפּ זיין לאַנגע פּאָעמע „אַ נאַכט". די פּאָעמע האָט אַרויסגערופן אַ סך לויב פון דער קריטיק און איז געווען דער ערשטער אָנזאָג אויף האַלפּערנ'ס דיכטערישן שיידן זיך מיט דעם פאָרמעל־קלאַסישן ליד.

אין יאָר 1919 האָט משה לייב האַלפּערן חתונה מיט רויזעלע באַראָן (רויזעלע באַראָן איז געבוירן געוואָרן אין קאַליילישאָק, ווילנער גובערניע בא ר' משה און חיה שרה באַראָן.) דאָס איז געווען אַ וויכטיקע און פריידיקע געשעעניש אין משה לייבס לעבן, וואָס איז געקומען נאָך אַ צען־יאָריקער פריינטשאַפט. אין דעם אייגענעם יאָר איז אויך דערשינען זיין ערשט גרוים בוך לידער „אין ניו יאָרק" אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „ווינקל".

אין משה לייבס לעבן קומט אַ געוויסע באַרואיקונג, וואָס ער דריקט אויס אין אַ צאָל לידער געווידמעט זיין פרוי רויזעלע:

מיין לעבן איז אַ ווילדער וויסטער קריג,
און ווי די שיינקייט פון אַ פרילינגס אָוונט,
קומט דיין שטילקייט איבער מיר.
און רואיק ווערט מיין האַרץ
און גוט אַזוי, —
אַז ס'ווילט זיך אויסשטרעקן די הענט
אַרומנעמען די גאַנצע וועלט
און וויינענדיק דערציילן איר
— — — — — — — — — — — —
וואָס האָט ביז איצט מיין האַרץ געקוועלט,
דאָס ווילדע האַרץ,
וואָס האָט נאָך דיר געבענקט — —
אַזוי געבענקט...

(צו R. B „אין ניו יאָרק", זייט 126)

אין יאָר 1921 הייבט אָן צו דערשיינען אין ניו יאָרק, די טעג־לעכע קאָמוניסטישע צייטונג, די „פרייהייט", און האַלפּערן ווערט דאָרט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. צום ערשטן מאָל קריגט ער פאַר זיין ליד אַ גרויסן לעזער־עולם. ער ווערט זייער פּראָדוקטיוו. ער דרוקט כמעט יעדע וואָך אַ ליד אין דער "פרייהייט" און אַמאָל צוויי. ער פאָרט אַרום איבערן לאַנד, האַלט לעקציעס, לייענט פאַר זיינע לידער און ווערט געקרוינט אין דער „פרייהייט" ווי „ד ע ר ג ר ו י ס ע ר פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ע ר ד י כ ט ע ר."

אין 1922 ווערט ער איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דעם לי־טעראַרישן זשורנאַל „אָטעם."

אין 1923 איז משה לייב געוואָרן אַ טאַטע. עס איז געבוירן געוואָרן זיין בן־יחיד, אייזיק.

אין 1924 דערשיינט זיין צווייט בוך־לידער — „די גאָלדענע פאַווע." דאָס זיינען די לידער, וואָס זענען געדרוקט געווען אין דער „פרייהייט." דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון פאַרלאַג „גרופּע אידיש", קליוולאַנד, אָהאַיאָ.

אין דעמזעלביקן יאָר, 1924, ווען האַלפּערן האָט געמאַכט אַ לעקציע־טור איבערן לאַנד, פאַר דער „פרייהייט" — איז אויסגע־בראָכן עפּעס אַ סיכסוך צווישן אים און דער „פרייהייט". דער סוף איז געווען אַז אין שיקאַגאָ האָט ער געהאַלטן זיין לעצטע לעקציע. דער טור איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אינמיטן. האַלפּערן האָט זיך עס שטאַרק גענומען צום האַרצן. ער פאָרט אָפּ פון שיקאַ־גאָ קיין דעטראָיט, וואו ער ווערט קראַנק. מען נעמט אים צו אין שפּיטאָל און ער מאַכט דורך אַן ערנסטע אָפּעראַציע.

ווען ער קומט אַרויס פון שפּיטאָל לעבט ער נאָכדעם אַ לענגערע צייט אין דעטראָיט און אין קליוולאַנד.

פון 1927 ביז 1929 וואוינט האַלפּערן מיט זיין פאַמיליע אין לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, אָבער דורך דער גאַנצער צייט איז ער נישט געזונט, אַנטמוטיקט און פאַרלוירן — און דאָס רופט זיך אָפּ אויף זיין שעפערישקייט.

אין 1929 קומט ער מיט זיין פאמיליע צוריק קיין ניו יארק. זיי וואוינען אויף 1725 וויקס עווענ׳ו בראנקס, וואס איז געווען זיין לעצטע וואוינונג. האלפערן גיט זיך א סך אפ מיט מאלן.

ער מאלט א צאל אויטאפארטרעטן, פארטרעטן פון זיין פרוי און זיין אינגעלע, אייזיק, און פון אייניקע גוטע פריינט און באקאנטע.

ער פלעג אפטמאל צושניידן און פארבן אייגנארטיקע קליי־דער פאר זיין פרוי, רויזעלע. ער פלעג אליין אויסשניצן מאדנע שטיקער מעבל פאר׳ן הויז, גראטעסק און סטיליזירט.

און רעדן פלעג ער אפט מיט ניט ווייניקער שטאלץ וועגן אט די ארבעטן זיינע — ווי וועגן א וויכטיקער פאעמע וואס ער האט ערשט אנגעשריבן.

די וואס האבן געקענט האלפערנ׳ען פון דערווייטן, און פלעגן אים אפט זען בא א טישל, אין קאפע ביז שפעט אין דער נאכט, זיינען אפטמאל איבערראשט געווארן ווען זיי פלעגן זיך דערוויסן — ווי איבערגעגעבן האלפערן איז זיין היים, זיין פרוי און זיין אינגעלע.

אין 1929, ווען א גרופע אידישע שרייבער פארלאזט די „פרייהייט“, איבער די באוואוסטע פאלעסטינער עקסצעסן און הויבן אן ארויסצוגעבן די „וואך“, ציט די גרופע צו, ווי א נאנטן מיטארבעטער, אויך מ. ל. האלפערנ׳ען. צוליב מיינונגס פארשי־דנהייט איז ער אבער לאנג נישט פארבליבן אין דער „וואך“.

נאך א לאנגען שטילשווייגן דערפילט משה לייב אין אנהויב 1932 אז עס האט זיך אין אים אנגעזאמלט א סך ענערגיע — און עס דערוואכט אין אים א פארלאנג ווידער צו ווערן אקטיוו.

ער טרעט אריין אין דער רעדאקציע פון דעם זשורנאל „אויפ־קום“ און אינאיינעם מיט דעם דיכטער ז. ווייזנפער באווייזט ער נאך צו רעדאקטירן 3 נומערן פון דעם זשורנאל. ער טראגט זיך ארום מיט פארשידענע פלענער ווי אזוי אויסצובעסערן דעם זשורנאל — און לאזט נישט פארביי קיין געלעגנהייט אונטערצושטרייכן — אז ער

וויל גרופירן אַרום דעם זשורנאַל **בלויז אײנגערע שרײַ־בער**.

זײַן מאַטעריעלע לאַגע איז נאָך שווערער געוואָרן. אים איז אויסגעקומען צו טראָגן אין שטאָלצער הילפלאָזיקייט אַ דרײַפאַכן יאָך פון נויט — פון אַ מאַן, אַ פאָטער און זיך אַליין. זײַן אויסערגע־ווײנלעך איבערגעגעבענע פרוי, רויזעלע, וואָס פלעגט אים אַלע יאָרן אַ סך אַרויסהעלפן — האָט דאָס נאָך דעם געבורט פון זייער איינציק אײנגעלע אײַזיק — נישט געקאָנט מער באַווײַזן.

האַלפּערנ׳ס נאָענטסטע באַקאַנטע האָבן זיך אָנגעשטויסן אַז אים לעבט זיך שלעכט. אָבער קיין אײנציקער פון זיי האָט נישט גע־וואוסט ווי ערנסט קראַנק ער איז געווען און וואָס ער לעבט איבער. מיט זײַן שטאָלצער האַלטונג, מיט זײַנע אָפּגעטראָגענע אָבער אַלעמאָל אויסגעפּרעסט, עלעגאַנט און געשמאַקפולע קליידער, איז האַלפּערנ׳ען געלונגען צו פאַרשטעלן, אויסערלעך, זײַן אָרימ־קייט; פּונקט ווי אים איז געלונגען צו פאַרדעקן מיט שטאָלץ דעם אינווייניגסטן סוד — זײַן קראַנקהייט.

מיטוואָך אינדערפרי, דעם 31־טן אויגוסט, 1932 האָט משה לייב האַלפּערן אויסגעהויכט זײַן לעצטן אָטעם, אין אַ שפּיטאָל, אין ברוקלין, אַ פּאָר שעה נאָכדעם וואָס אַן אַמבולאַנס האָט אים געבראַכט אַהין צו פירן.

דאָס אומגליק איז געשען אַזוי:

דאָנערשטיק באַנאַכט, דעם 25־טן אויגוסט, 1932, האָט נאָך משה לייב פאַרבראַכט מיט באַקאַנטע בײַ אַ טיש אין קאַפע, ביז שפּעט באַנאַכט. אויף מאָרגן, פרײַטיק, איז ער אַרויסגעפאָרן באַטאָג קיין ראַקאַוועי־ביטש (אַ פאַרשטאָט לעבן ים) וואו זײַן פרוי רויזעלע און זײַן אינגעלע אײַזיק וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען 9 יאָר, האָבן געדונגען אַ צימער אויף אַ פּאָר וואָכן.

ער איז אַוועק צום ים זיך באָדן. אַ גוטער שווימער — איז ער נאָך דעם טאָג געשוואומען לאַנגע שטרעקעס. אין אָוונט איז ער מיט זײַן פאַמיליע געווען צו גאַסט בײַ באַקאַנטע. צומאָרגנס, שבת,

האָט ער זיך דערפילט שלעכט. מען האָט גערופן אַ דאָקטאָר. און דער דאָקטאָר האָט אַלעמען באַרואיקט — עס איז נישט פאַראַן קיין געפאַר. עס וועט פאַראיבער. קיין איינער פון די נאָענטסטע חברים האָט נישט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר מיט משה לייבן...

אַ האַרץ־שלאַג האָט אויף אייביק איינגעשטילט און אָפּגעשטעלט משה לייב׳ם דיכטעריש האַרץ . . .

דאָנערשטיק, דעם 1־טן סעפּטעמבער, 1932, פּשוט, אָן צערע־מאָניעס, האָט די ניו יאָרקער שרייבערישע משפּחה, אַ צערודערטע, אַרויסבאַגלייט פון „פאָרווערטס־זאַל" — צו זיין אייביקער רו — דעם טויטן קערפּער פון משה לייב האַלפּערן. מען האָט אים צו קבורה געבראַכט אויף דעם הר־כרמל בית עולם פון אַרבעטער רינג.

די צוויי בענד לידער, וואָס ווערן איצטער אַרויסגעגעבן, זענען אַ זאַמלונג פון האַלפּערנ׳ס ליטעראַרישער ירושה. זיי ווערן אַרויס־געגעבן פון דעם „משה לייב האַלפּערן קאָמיטעט" וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט באַלד נאָך האַלפּערנ׳ס טויט מיט דעם צוועק צו שאַפן אַ פאָנד אויף אַרויסצוגעבן האַלפּערנ׳ס שריפטן.

דער ערשטער באַנד באַשטייט פון געדרוקטע לידער. זיי זיינען געדרוקט געוואָרן אין דער „פרייהייט," „אויפקום," „ליטעראַרישע בלעטער", „די וואָך", און אַנדערע אויסגאַבעס.

אין דעם צווייטן באַנד זיינען אַריין לידער וואָס זיינען גע־בליבן אין מאַנוסקריפּט. איבער אַ סך פון זיי, וואָלט האַלפּערן, נאָך זיכער געווען געאַרבעט. ער וואָלט זיי פאַרריכט און אויס־געבעסערט נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל, ווי ער האָט דאָס כמעט אַלעמאָל געטאָן נישט נאָר מיט מאַנוסקריפּטן, נאָר אויך מיט שוין אָפּגעדרוקטע לידער. ער פלעגט איבערשרייבנדיק די לידער אָפּט זיי אַזוי איבעראַנדערשן אַז עס פלעגט זיי זיין שווער צו דערקענען. מיר האָבן אָבער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט — געמוזט אַריינגעבן די מאַנוסקריפּטן אַזוי ווי זיי זיינען געפונען געוואָרן. צווישן זיי זיינען דאָ אויך נישט פאַרענדיקטע זאַכן — צום סוף פון צווייטן באַנד.

די לידער פון ביידע בענד — זיינען קיינמאָל פריער נישט דערשינען אין בוך־פאָרם.

עס זיינען נאָך פאַרבליבן לידער און פּראָזע, דראַמאַטישע עט־יודן, פראַגמענטן און פּראָיעקטן, — אָבער דער קאָמיטעט האָט באַשטימט אַרויסצוגעבן דערווייל די דאָזיקע צוויי בענד.

משה לייב האַלפּערן האָט זיך דיכטעריש אַנטוויקלט און איז דיכטעריש רייף געוואָרן אין אַמעריקע, און האָט זייער ווייניק זיך געדרוקט אין די אויסגאַבעס פון אייראָפּע, פונדעסט־וועגן איז ער געווען זייער פּאָפּולער און באַליבט אין אַלע לענדער — און נישט נאָר בײַ די דיכטער, אויך בײַ דעם ברייטן אידישן לעזער־עולם. זיין פּלוצלינגער פריצייטיקער טויט האָט אַרויס־גערופן טיפן טרויער און מיטגעפיל אומעטום וואו עס גרייכט דאָס אידישע וואָרט.

אַ חוץ די אומצאָליקע נעקראָלאָגן און קריטישע אָפּשאַצונגען איז אויך פאַרעפענטלעכט געוואָרן אַ גרויסע צאָל לידער וואָס זיין טויט האָט אַרויסגערופן.

אליעזר גרינבערג.

איך גיב דאָ אָן די קוואַלן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַנוצט פאַר דער אַרבעט:

יעקב מעסטל, „מאָמענטן מיט משה לייב'ן" סעפּט.־אָקטאָבער נומער „אויפקום" 1932.

ח. מ. קייזערמאַן — ווינטאַל: „מאָנטרעאַל", מערץ, 1933.

יצחק בלום: „פאָלקס שריפט" לאָס אַנגעלעס, דעצ., 1933.

מ. דאַנציס: „טאָג" 16־טן יוני, 1933.

משה לייב האַלפּערן

ערשטער באַנד

צו דעם, וואָס זוכט מיך

צי הייסטו וואָלף, דו מענטש, צי לייב, צי חיים־בער,
אויב נאָר דו לויפסט און שרייסט, ווייל מאָרד איז דיין באַגער
און זוכסט מיך ערגעץ־וואו, אַזוי ווי איך זוך דיך —
אַט האָסטו מיך!

אויב דו האָסט ליב די זון, ווייל זי איז בלוטיק־רויט,
ווי שוואַרצער אונטערגאַנג, וואָס ברענגט מיט זיך דעם טויט,
דורך קראַנקע ציין פון מייז, באַנאַכט אין קינדערשיך —
אַט האָסטו מיך!

נישט ראָד, וואָס לויפט אַהער, נישט שילד, וואָס ווייזט אַהין,
אין שטורעם פון ווענט אין רויך, אין פאַל פון פלימאַשין,
אין ליכט פון אויפריים־הילך שריי איך אַרויס פון זיך —
אַט האָסטו מיך!

נישט ווי אַ ריז, וואָס קלאָגט, נאָר קליין און בלינד און רוי,
ווי ס'שרייט אַ קינד אין בויך בײַ אַ צעדולטער פרוי,
ווי ס'ליגט אַ מת אויף דר'ערד מיט אָפּגעדעקטן פּליך —
אַט האָסטו מיך!

נישט שלאָף, נישט רו באַנאַכט, נאָר אויגן צוויי — און הענט,
וואָס זוכן וואונדערליכט אין הונגערהאָס, וואָס ברענט,
באַם שפּין, וואָס פרעסט די פליג, אויף גרויער וואַנט פון קיך —
אַט האָסטו מיך!

אַ שוואַרצע פלעדער מויז, — און איר אַ קראַ פאַראויס,
און אויף דער קראַ אַ פלוי, וואָס מעסט איר שפרונג נישט אויס
פון קאָפּ צום עק אַראָפּ, און פאַלט גיך—גיך—גיך—
אַט האָסטו מיך!

1927

ליכט — מײַן וואָרט

ווער בין איך? ווער בין איך? ווער וואָלט זיך געריכט
אַז אַלץ, וואָס איך טראַכט, זאָל ווערן ליכט?

ווי אַ מאַלפּע פון קאָפּ ביז די פיס אין האָר,
לויפט אַרום דער נביא טויזנטער יאָר,
און בעט מען זאָל נעמען זײַן ליכט, פאַר אומזיסט,
ווי אַ הערינג וואָס מען געפינט אויפן מיסט.

און אַ הערינג אַזוינעם שיילט מען ניט אָפּ,
נאָר מען האַלט אים איבער זיך אַראָפּ,
און מען הויבט אים אָן עסן פון קאָפּ.
און דער הונגעריקער וואָס גרייכט אַרויף
ביז צום עקל, וואָס ער עסט אויך אויף,
צעעפנט אודאי דאָס מויל, דעם לאָך,
און צעשפּרייט די הענט, ווי ער וויל עפּעס נאָך.

אָבער איך — אַ דו, גאָט מײַנער, איבער אַלץ —
איך בענק דאָך נאָך אײַנגעמאַכטס, אָדער שמאַלץ,
צו באַשמירן אַ פינגער די גרעב מײַן ברויט —

און איך גיי דאָך אַרום אין קאַלאָשן צוויי
וואָס זעען אויס אַזוי רויט, אויפן שניי,
ווי אַ איד מיט אַ שיקסע הינטער אַ פּלויט —

און וואָס דאַרף איך דעם ליכטרינג אַרום מיין קאָפּ,
אַז איך רוק מיין שמויסן היטל אַראָפּ
אַזוי ווי אַ גנב אויף אַ יאַריד,
וואָס טראָגט מיט זיך אַ תהלים׳ל מיט
עס זאָל היטן אים, באַם נעמען דאָס עוף —
וואָס אַ מלאך האָט אים געוויזן אין שלאָף.

און עס לויכט דאָך ניט נאָר פון מיין קאָפּ אַרוים
וואָס איך טראַכט אוים. —
עס לויכט דאָך אויך
אַפילו באַם נאָפּל פון אונטער מיין בויך
ווי אַ קינד אָט־ערשט פון מוטערשוים,
אָדער גאָר ווי אַ קויש וואָס מען וואָלט געפונען
מיט לבנות און זונען
אויף אַ פוסטן פעלד, ערגיץ אין דער נאַכט,
נאָר ווען אַפילו עס לויכט וואָס איך טראַכט
ניט העלער פון אַ קויש מיט קאָמעטן,
וואָס מען ציילט אַ טויטן אין העמד אַריין —
איז דאָס אויך שוין אַביסל צופיל שיין,
אַז מען דאַרף פון אַ מענטשן ניט אָפּצושפּעטן
ווען ער טוט אַ הויב די הענט אין דער הויך,
און אַנטלויפט פון מיר ווי אַ באַן פון רויך
איר אייגענעם, — גאָט מיינער.

סאַראַ שפּיל דאָס איז.
וואָס גיכער די באַן שטופּט דעם רויך אַרוים
אַלץ גיכער שטופּט זי דער רויך פאַראויס
און וואָס גיכער דער רויך שטופּט די באַן פאַראויס
אַלץ גיכער שטופּט זי אים אַרוים.
די באַן אָבער שטופּט דעם רויך אַרוים
אויף קריק דוקא ווען ער שטופּט זי פאַראויס.

און דאָס איז מאָדנע — גאָט מײַנער,
נאָר דאָס וואָס די באַן שטופּט דעם רויך אַרויס
אויף קריק דוקא, ווען ער שטופּט זי פאָראויס —
דאָס דאַרף ניט זײַן — גאָט מײַנער.

וואָר איז! דער נביא אויף דער וועלט
לויפט אויך אַרום איבער לאַנד און פעלד.
קען ער אָנטאָן אַ פּאָר ליכטיקע ברילן
און טרעפט ער אין זונשײַן אַ קינד זיך שפּילן,
ווי אַ בעטלער — אויך אַ מאַמעס אַ קינד —
געשטראָפט, ניטגעבוירן צו ווערן בלינד.

און באַערט מען אים אין אַ פרעמדער שטאָט,
און מען פירט אים אונטער מיט קלעזמער אין באָד
קען ער אַ שפּרונג טאָן מיט לײַבנגעברום,
און פאַרהאַקן פענצטער און לאָדן אַרום,
עס זאָל ווײַטער פינצטער זײַן אומעטום.
אָבער איך — ווען איך זאָל שוין אפילו פאַר זיך
ווי פאַרן דאָרנבוש, אויסטאָן די שיך —
וואָס טויג דאָס מיר — אַז אפילו די מויז
קען אין ערגעץ צוליב מײַן ליכט ניט אַרויס.

און אַז לילית אפילו — קוים טראַכט איך פון איר
ווערט זי ליכטיק, און שלעפּט זיך הינטער מיר,
ווי אַ ווײסטער בעל־חוב אין זײַן גאַנצער שײַן,
וואָס גייט נאָך אפילו אין אָפּטריט אַרײַן
דעם וואָס קומט אים עפּעס — גאָט מײַנער,
און וואָס אַז איך קוק, ווי אַ גוי אויף אַ האַק,
אויף אַ וואָרט אַזאַ איידלס ווי רימזי־בראַק —
אַז דער טײַטש און דאָס ליכט דערפון איז מיר פרעמד.

אַזוי ווי אַ לײבצודאַק מיט אַ חעמד
אויף אַ וואָלף אין אַ שטייג — און עס קלעפּט זיך דאָך צו
אַזוי וואָרים צו מיר, ווי מיסט פון אַ קו
צו אַ באָרוויסן פוס — גאַט מיינער.

נאָר אפילו ווען איך טראַכט אַז איך פּלאַפּל
ווי אַ קימפּעטאָרן וואָס רעדט פון היץ —
וואָס טויג דאָס מיר,
אַז דאָס וואָרט, מיין ציר,
גיט זיך אייביק פון מיר אַרוים אַזאַ צאַפּל,
ווי באַנאַכט אַ בוים ווען עס טרעפט אים אַ בליץ
וואָס צינדט אים אַ צעבראָכענעם אונטער. —

נאָר ס'איז אפשר טאַקע ניט מער ווי אַ נס,
וואָס איך זע ווי אַן אוצר־זוכער אוים
ווען איך גיי אַזוי מיטן קאָפּ אַרונטער — — —
אין דער אמת'ן בין איך דאָך אַ מת
וואָס האָט זיך פאַרשפּעטיקט פון שול אַרוים,
און וואָס לויפט צום קבר — גאַט מיינער — — —

1927

די באַלאַדע פון משה קראַמגאָלד

אָ, לאָקשנברעט און מולטער מיינע,
אין שולגאַס באַ דעם זלאַטשאווער טייך;
באַם לעבן האָט משה קראַמגאָלד אפשר
קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן אייך.

און נישט נאָר אינגלווייז, — נאָר אפילו
ווען ער האָט שוין שטודירט אויף אַדוואָקאַט;
און דעמאָלט האָט ער דאָך באמת
צייט געַנוג, גענוג געהאַט.

און ער פלעגט דאָך קומען צו דער שיינער באַבטשע
דעמאָלט ווען ער איז געווען אַ סטודענט,
און זי האָט דאָך נישט איינמאָל באַם לאָקשנברעט טאַקע
באַגריסט אים מיט'ן טייג אויף די הענט.

און ריווטשע דעם בלעכערם — געהאַט אַ מיילכל,
לעקאַך צו עסן, ווי מען זאָגט.
און ער האָט דאָך אַלע נאַכט פאַר איר פענצטער
סערענאַדן געזונגען און געקלאָגט.

ווי האָט ער, פרעג איך, אין נעכט פול שטערן
זינגען געקענט פון אַלץ אין דער וועלט,
און נישט זען דאָס לאָקשנברעט מיט דער מולטער,
וואָס מ'האָט פאַרן רעגן אַרויסגעשטעלט?

אָ, לאָקשנברעט און מולטער מיינע,
וואָס איך האָב אייך אַזוי פיל מאָל געזען!
זייט מוחל דעם טויטן, וואָס ער איז ביים לעבן
פאַר אייער שיינקייט בלינד געווען.

צו וואָסערע מיידלעך אויסגעטרוימטע
האָט ער געשטרעקט דאָס האַרץ מיט די הענט.
און די אייגענע מאַמע, די אַלטע העניע,
האָט ער מיט רייד ווי מיט קוילן געברענט.

זי האָט זיך געבעטן: זונעלע טייערס,
נעם, עס אויף דאָס שטיקעלע ברויט!
האָט ער מיט די ציין געקריצט און געיאָמערט,
אַז ער וועט ניט שטאַרבן מיט זיין טויט.

ער איז דעמאָלט נאָך געווען אַ אינגל
און האָט נישט געוואוסט פון וואָס ער רעדט.
מיט זיבן יאָר שפּעטער איז ער געשטאָרבן,
ווי מען דערציילט, אויף אַ לאָקשנברעט. —

אויף אַ פרעמדן לאָקשנברעט ערגעץ אין דרויסן
בּאַ אַ פּאַרלאָזענער שטוב אויפן פעלד.
דאָס צווייטע יאָר מלחמה־פייער
האָט דעמאָלט אַרומגענומען די וועלט.

מיט די יונגע ציין אַריינגעגראָבן
אין לאָקשנברעט אין פאַרטונקלטן מעל,
האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיין גוף דעם שלאַנקן
די יונגע קינדיש־געפּיעשטשעטע זעל.

אָ, לאַקשנברעט און מולטער מיינע,
אין שול־גאַס בא דעם זלאַטשאָווער טייך,
מיטן היטל אין האַנט — איבער ימים ווייטע
בויג איך מיין גרויען קאָפּ פאַר אייך!

און זאָל דער הימל דער פרעמדער אויבן
איבער מיר אַן עדות זיין,
ווי עס וויינט מיין האַרץ (צו אייך) אין מיין בענקשאַפט —
אין ווייטן, פאַרלוירענעם ים אַריין.

1924

דאָס ליד פון סוף־זונטיק

לעבן די טרעפּ אויפן ערשטן גאָרן,
אין טונקל־פינצטערן קאָרידאָר
ווײנט אַ מויז און מיט איר אינאײנעם
אַ קוויטיקע האַנט אויף צעשויבערטע האָר,
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

די האָר — אַ דופט פון פאַרב, וואָס איז ביליק,
די האַנט איז, ווי לעדער שטײף און האַרט.
צוויי גלײכע שותפים, וואָס האָבן אפשר
אויף קײן בעסערס קײנמאָל נישט געוואַרט.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

נאָר מאָדנע איז עס, ווען מען הערט צוויי מענטשן
שווײַגנדיק אין דער פינצטער שטײן,
וואָס זאָגט נישט עפּעס „סעמי" אַלײן ?
וואָס זאָגט נישט עפּעס „בעסי" אַלײן ?
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

נאָר אפשר רעדן זײ און מען הערט נישט
צוליב דעם פאַרשטיקטן שטומען געשרײ
פון די זיבן מאָל זיבעצן אײזערנע באַלקנס
אויף די פינצטערע סטעליעס איבער זײ ?
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

סטעליעס אויף סטעליעס און בעטן אויף בעטן
און די לופט איז פּאַרע און קוילן־רויך,
און פון אויבערשטן גאָרן אַרונטער — אַן אָפּגרונט,
אַרויף־צו — אַ פעלד ביז וואָלקנס הויך.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

אַ גרויסשטאָט ביינאַכט, סאַראַ וויסטע פרעמדקייט
עס נעמט אַרום אין דער פינצטער אין דיר.
ווייב מיט מאַן מיליאָנענווייז שלאָפן
ווי שיכורים אָנגעפּוישטע מיט ביר.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

קינדער שלאָפן, ווי מאַלפּעס אויף ביימער,
אויף גאַניקעס אונטער פייער־טרעפּ,
און די לבנה — דער קוימענקערער
טרייסלט סאַזשע איבער די קעפּ.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

און „בעסי דהי גוירל" ווייסט פון גאָרנישט.
און „סעמי" אויך מיט אַן אָפן מויל.
און דער מאָנטיק, וואָס קומט צושווימען פאַר די אויגן,
ווי אַ מדבר אויף מיילן פּוסט און הויל.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

און אפילו בעסי'ס מאַמע די אַלטע,
זי פרעגט שוין נישט מער — „וואו איז די מויד?"
און עס אַרט זי נישט וואָס די האָר די שוואַרצע
זיינען געוואָרן בלאָנד און רויט.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

נאָר זאָל מען נישט מיינען, אַז דאָס איז אַ קראַנקער
אָט־דער וואָס טראַכט וועגן דעם אין דער נאַכט. —
אַ מידער בלויז פֿון זיין אייגענעם אומעט
ליגט ער און רויכערט זיין ליולקע און טראַכט. —
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

1924

אַ, שמואל מיין ברודער!

א צילינדער איז אַ הוט אַ שיינער,
און שיין איז אויך די רויטע רויז.
נאָר דער, וואָס דאַרף שפּילן המן הרשע
באַם פּורים־שפּיל, נעבעך — אים שמירט מען אויס
מער פון אַלע. און דעם ערשטן פון אַלע
וואַרפט מען אים אַרויס.

אָ, שמואל, מיין ברודער, מיט פיר יאָר אינגער
אין דעם טאָג פון פּורים געשטאָרבן ביסטו.
איז שוין פינף־און־דרייסיק יאָר אַז דו ליגסט דיר
אין דיין היימישער ערד, אין דיין שטילער רו
לעבן זיידן ישראל און אַנדערע אידן. —
איך וועל ליגן דאָ איבערן ים ערגעץ־וואו.

מיט אַ רויטן־גליק־סימן אויף דיין שטערן
האָסטו דאָס ליכט פון דער וועלט דערזען,
און געשטאָרבן שוין אויפן טאָג דעם אַכטן, —
דער מוהל איז דיין מלאך־המות געווען.
ווי שווער עס ווערט, ווען מען הויבט אָן קלערן,
צי דאָס האָט געדאַרפט אַזוי געשען.

ווען דו ביסט נאָך דאָ — וואָלטן מיר ביידע געשלעפט זיך
און ביידע אַריינגעשוויגן אין שניי.

און קען זיין, ווען מען זעט אונדז אין שמויסענע היטלעך
און קאַלאַשן און שאַלן אַזוינע צוויי,
וואָלט אונדז אימיצער פאַרבעטן מיר זאָלן דערציילן
פון דער היים עפּעס — בײַ אַ גלעזל טיי.

וואָלטן מיר ביידע אויס ליבשאַפט צו איינער
אַנטקעגן אונדז, אין אַ גאָלדן געמאַך,
דערציילט מיט אַ ניגון פון טרויער טיפן
פון געקוילעטע קינדערלעך אַ סך;
וואָלט זי אפשר געוויינט און בײַ אונדז געבעטן
דערציילן פון נאָך עפּעס אַ זאַך.

וואָלטן מיר ביידע איידל, ווי פּרינצן,
זיך אָראָפּגעלאָזן פאַר איר אויף די קני
און געבעטן: צי קען זי אונדז ניט פאַרדינגען
אין אַ רייכער נאַכט־קאַפּע ערגעץ הי,
צו זינגען היימישע לידער פאַר מענטשן,
וואָס זיצן מיט פרויען שיינע, ווי זי.

און קען זיין, ווען זי הערט אַזוי אונדז רעדן,
נעמט זי אונדז צו פאַר לאַקייען צו זיך,
און דערפאַר, וואָס זי וויל צו די געסט אירע טאָקע
פאַר פּרינצן פאָרשטעלן מיך און דיך, —
טוט זי אונדז אָן אין גינגאָלד־יאַקלעך
און הויזן מיט גאָלד און גאָלדענע שיך.

און דו ביסט יונג, און וואָלסט צוגעצויגן,
און פאַראַנען שיינע גענוג צווישן זיי.
און אַזאַ, וואָס האָט אַ מאַן אַן אַלטן,
בענקט מיט רעכט נאָך אַ יונגן לאַקיי.

און ווען איינע האָט גאָרניט איז ניט נויטיק,
אז אַן אַנדערע זאָל האָבן צוויי.

נאָר אפילו איך, וואָס איך בין שוין עלטער,
אויך מיר וואָלט בעסער געווען ערגעץ־דאָרט!
איך וואָלט ניט אַרומגיין געדאַרפט ווי אַ קראַנקער,
וואָס געפינט זיך אין ערגעץ ניט קיין אָרט,
און נישטאָ אויך קיין וואַנצן דאָרט — וואָס קריכן,
ווי אין הויז וואו איך וואוין, אויף לייב און באָרד.

די באַלעבאָסטע אונדזערע איז אַ בהמה —
זי האָט קיינמאָל ניט אין זינען דאָס הויז;
און אַז מען מאַכט אַ גוואַלד אין דער פּינצטער,
קומט איר געליבטער און וואַרפט אַרויס;
ער הייסט אַלפאַנז — טראָגט אַ געלן צילינדער
און אין לאַץ אויף דער רעכטער זייט, אַ רויז.

1927

סאַלוט

באַ אונדז אין לאַנד איז אויך עפּעס דאָ —
און וואו קיין לאַמטערן־סלופּ איז נישטאָ
איז דאָ אַ בוים — און דאָס מיינט דאָך קלאָר
אַז אַ נעגער איבער צוואַנציק יאָר
מעג האָסן אַלץ וואָס שטרעקט זיך אַרויף
צו האַלטן דעם, וואָס מען הענגט אים אויף.
נאָר יענעם וואָס, איך האָב שטאַרבן געזען,
קיין פּופּצן איז ער ניט אַלט געווען.

די ווייסע אַלטע מויד האָט ניט אויסגעזען זיס.
אַ פּאַרזשאַווערט שלאָס אויף אַן אַלטן וואַלים
די נאָז מיטן פּיסק. — און די הענט מיט די פיס,
איך זאָג דיר — זיך צורירן הויט צו הויט
צו אַזאַ מין פּליאַקע, איז בעסער — טויט.

דו ביסט דו, — דאָס האָט זי אים אָנגעקלאָגט. —
און דו וועסט באַ מיר הענגען, האָט זי געזאָגט.
עס איז וואָר — ער האָט אין טויט־שרעק פּאַסקודנע געלאַכט;
נאָר געלאַכט האָט זי אויך און די סמאָלע געבראַכט.
און באַקוקט דעם בוים איבער זיך אין דער הויך.
און די פרייד פון המון באַ דעם ערשטן רויך,
איך שווער — פון אַ משוגעים־הויז.
אין אַ שרפה, הערט מען אַזוינס ניט אַרויס.

און דער ערשטער לעפל סמאָלע באַם האַרץ
איז היים אויף היים, און שוואַרץ אויף שוואַרץ.
און די אויגן ניט בליץ, נאָר אַ ווייס געשטאַרץ.
און דאָס לייב — עס רייסט זיך פון דער הויט;
ניט אַנדערש, עס וויל זיך אויסטאָן פון טויט.

אָבער ניט נאָר האָט מען דעם בהמה׳ניק
פאַרוואָרפן ארום האַלדז אַ שטריק,
נאָר די פאָן פון דער רעפּובליק האָט מען אויך
ארויפגעצויגן אין דער הויך —
און דער הימל איז בלוי — אים גייט ניט אָן —
און באַם ווינט איז אַ שמחה מיט דער פאָן,
און איך — אַ געשלאָגענער הונט — ניט אַ וואָרט.
ניט אַריינגעלייגט גאָרנישט — אַ שותּף צום מאָרד.

נאָר מען דאַרף ניט פאַרשלינגען אַ חזיר־שטאָל
צו ברעכן מיט דער גרינער גאַל,
דאָס באַזאָרגט שוין דער גלח, דער חכמה־קוואַל —
אויב די שוואַרצקייט — זאָגט ער — איז גאָט׳ס אַ גרייז,
איז אַ זינד זי צו לאָזן זיך מישן מיט ווייס.

און איך זאָג דיר — ס׳איז ניט דער קרעבץ פון צווייג,
ניט דער שטריק, מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג,
ניט דאָס פּעדערל אין ווינטגעטרייב
וואָס האָט פאַרזאַמט זיך צו קלעפּן צום לייב,
נאָר דו — דאָס טרויער־געשטאַנק פון דער וועלט,
וואָס האָט זיך פון ווייטן אַנידערגעשטעלט,
מיט די הענט, דורך די קעשענעס, באַם דיך,
פאַרטראַכטן אַ ליד פאַר דער וועלט און פאַר זיך.

גיי בעסער, וועק אויף דעם קלעזמער שאַפּען,
און זאָל ער אַ פּליוכע טאָן, אויב ער קען,
מיט טענער אביסל — און זאָל מען זען,
אַז אַ גוי איז אויך אַ כל־נדרי׳ניק,
ווען מען דאַרף צו פאַרגאָסן בלוט — מוזיק.

זון־אויפגאַנג אין מאַנהעטן

דער מענטש איז — ווי עס ווייזט אויס, —
אַ בעקער וואָס אַרבעט באַנאַכט,
און אַ טאַטע צו די קינדער.
די מאַמע — אַז מען וויל איז
געגאַנגען איינקויפן,
אָדער זי איז אַוועק מיט אַ באָרדער,
אָדער זי איז שוין, ווער ווייסט,
ווי לאַנג געשטאָרבן אפשר.

עס איז שווער צו זאָגן, וואָס דאָס איז —
אָט איז פאַרטאָג, און אַ מענטש מיט צוויי פּיס,
וואָס ער שלעפּט זיך איבער פינף גאָרנס אַרויף.
און אָט איז אַ טיר, וואָס ער עפנט אויף,
הערט זיך אַרוים אַ טשאַד פון דאָרט,
פון לאָקס, וואָס ברענט, שטופּט ער זיין באָרד
אַריין פאָראויס און דערנאָך דעם קאָפּ;
זיצט אין מיטן שטוב אויף אַ טאָפּ
אַ קינד וואָס גריזשעט אַ שטיקל קויל.
קוקט דער מענטש מיט אַן אָפן מויל,
ביז ער קומט אַריין און גיט אַ ברום,
דרייט אוים דאָס פּנים און קוקט זיך אום
אַ מיידל פון זיבן, וואָס שטייט באַ דער קיך.
שאַרט זיך אַפיר אין צוויי גרויסע שיך,
אַ אינגל פון פינף פון אונטערן טיש.

און איינס פון דריי מיט אַ פלעדערוויש
און מיט פיסלעך, וואָס זיינען דין און קרום.
גיט נאָכאַמאָל דער מענטש אַ ברום,
שטרעקן די קעפּ פון אַ ווינקל אַרויף
דריי אַנדערע, וואָס הויבן זיך אויף.
גיט דער מענטש אַ זיפץ און ציט זיך אויס
און שלעפּט אַ ברויט פונם בוזים אַרויס
און צעטיילט עס מיט הענט צוויי גלעע, ווי וואַקס.
ברענגט אויך דאָס מיידל דאָס שטיקל לאַקס,
עסט מען, אַזוי ווי אויף אַ געוועט.
לייגט זיך דער מענטש דערוויייל אויפן בעט,
ציט זיך זיין אָטעם, אַזוי ווי אַ זעג.
גיבן זיך אַלע אויף דר׳ערד אַ לייג
און מאַכן אים נאָך. בלייבט דאָס מיידל שטיין
און קוקט ביז זי לאָזט אַרויס מיט געוויין
פון האַנט דאָס שטיקל ברויט, וואָס זי האַלט.
גיבן זיך אַלע, ווי חיות פון וואַלד,
אַ וואַרף אויף דעם, ביז סע ווערט אַ קנויל,
ווי פון זיבעצן הענט מיט אַן איינציק מויל —
וויינען שוין עטלעכע מיט אַ מאָל.
שרייט איינער זיי איבער הויך אויפן קול
מיט דער הימנע, וואָס מען זינגט דאָ אין לאַנד.
פאַלט אַראָפּ דער זייגער פון דער וואַנט
און וועקט אויף די גאַס; הויבט זי זיך אויף
און וואַרפט, ווי מיט שטיקער אייזן אַרויף;
בראַזגעט אין איינציקן פענצטער די שויב,
וואָס איז צוגעדעקט מיט געדיכטן שטויב.
גיט דער מענטש פון שלאָף אַ טרייסל דעם קאָפּ
און ער לייגט זיך מיטן פּנים אַראָפּ;
קריכט אַ רויט שטיק מאָרגנשיין

פּאַרע־הײם — דורכן פֿענצטער אַרײַן,
און לײגט זיך אַװעק, װי גאָלד אַ שטיק,
אױף דער לאַטע אונטער זײַן גאַרטל־שטריק.
שטעלן זיך אַלע אױס אין אַ ראָד
און זײ דרײען זיך אין אַ קאַראַהאָד
אַרום זײַן בעט מיט אַזאַ געװאַלד,
װי װילדע אַרום אַ פֿײַער אין װאַלד,
װען זײ בראָטן אָפּ אַ מענטשן אױף טױט
צוליב דעם, װאָס זײ האָבן נישט קײן ברױט.

1924

נאַכט אין מאַנהעטן

אַ מאַלפּע — דאָס לייב אָן האָר אינגאַנצן,
שטייט ברוין־און־בלאָ פון קעלט פאַר מיין פענצטער:
און וויינט אַרויף צום הימל אויבן
וואָס הענגט ווי אַ ים פון בלוט און בלאָטע,
אַן איבערגעקערטער איבער דער פינצטערער שטאָט.

זי וויינט אַזוי ווי אַ מענטש אין דער פינצטער
וואָס מיינט אַז ער האָט עפּעס אָנגעוואוירן,
ווען ער האָט דאָס ליכט פון די אויגן פאַרלוירן,
עס קען דאָך אַ מענטש פאַרלירן אַמאָל
דאָס ליכט פון די אויגן.

נאָר אַז איך וועל שוין צוגיין און האָרכן
וואָס וועט דאָס העלפן דער מאַלפּע וואָס וויינט
אַרויף צו אַ הימל אַזאַ?

די לבנה, וואָס איז געשטאָרבן, איז טויט.
און די שטערן דערמאָנען דאָך בלויז אָן פונקען,
וואָס זיינען געפלויגן אַמאָל
פון אַ פייער, וואָס האָט געברענט אין דער וועלט.
ווען עס איז נאָך געווען — נישט קיין בלוט וואָס וויינט
און נישט קיין בלאָטע.

אַ רחמנות איז נאָר אויף די קינדער פון שטאָט:
ווי מאָדנע פרעמד און פאַרטרויערט זיי קוקן,
ווען איינער, אַ פון זינען־געריזרטער,
שעפּטשעט — מיט אויגן פאַרגלאָצטע צום הימל —
פון שטערן.

נאָר אפשר באַווייַנט די מאַלפּע אין דרויסן
טאַקע אונדז אַלע, אירע קינדער?
עס הויבט זיך דאָך אויף ווי אַ באַרג די אימה,
ווען מען זעט אַזוי פיל מענטשן אינאיינעם
מיט אָרעמס און בערד צום הימל פאַרריסן,
וויינען איבער דער וועלט.

נאָר אַפילו ווען מען וואָלט שוין דערלאַנגען
צו זיי מיטן קול —
וואָס זאָגט מען צו זיי אין דער פינצטער?

וואו איז די היים פון דער וועלט —
אויב זיי ווילן אַהיימגיין?

און וואָס וועט מען טאָן, אין דער היים, אין דער פינצטער?
ווער ס׳עט האָבן וועט עסן אַ באָרשט אין דער פינצטער,
ווער ניט — וועט עסן ברויט אַלטגעבאַקנס אַ שטיקל,
וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרקויפן
צו אַן אַנדערן — פאַר זונפאַרגאַנג.

אָ, זאָל די זון שוין רחמנות האָבן
— אַזוי ווי די מאַלפּע אויף אירע קינדער —
אויף אונדזער אָרימער וועלט.

זאָל זי אויפעסן
ווי אַ וואָלף אַ שאָף אין דער פינצטער
איר אייגענע ליכטיקייט ערגעץ דאָרט.

1924

סאַקאָ־וואַנזעטי

מען קען זיך אויסרייסן אַ גרויע האָר פון קאָפּ,
וואָס קומט צו פרי אַמאָל פון צער, וואָס איז צו שווער ;
נאָר ווען מען אין זיין צער עס דאַכט זיך אויס,
אז ס'איז אים שווער דער קאָפּ זיינער מיט הויט און האָר,
ווי עפּעס, וואָס ער קען ניט טראָגן מער,
אויף אָט די קנאָכן די צוויי אָרימע, וואָס הייסן אַקסל, —
בײַ דעם מענטשן —
זאָל ער ניט בלייבן שטיין דערמאָלט מיט מויל און אויגן אָפענע,
ווי אין אַ דולהויז ערגעץ ;
און אויך דער שטיין פון וואַנט איז האַרטער פון זיין קאָפּ
און שלאָגן זיך אָן אים וועט ברענגען בלויז אַ בייל,
ניט גרעסער פון אַן עפּל אויף אַ בוים, וואָס דאַרט
און האָט ניט ווער עס זאָל אים אָפּרייסן אין צייט.
און ס'איז דאָך דאָ אַן אויסוועג היינט אַ גרינגערער
פאַר דעם, וואָס זוכט אים :
מען דאַרף נאָר רואיק זיין אַ ווייל,
און ווי אַ טיפוס־קראַנקער צובויגן דעם קאָפּ צו דעם, וואָס גאָלט.
אַ ברודער איז ער דאָך,
און מען דאַרף ניט ברוגז זיין אויף אים,
פאַרוואָס ער נעמט די הויט ניט מיט.
ער טוט נאָר וואָס מען הייסט און ווען מען צאָלט דערפאַר.
און אויך דאָס טויטנקלייד, —
דאָס אויך — האָט אויפגענייט אַ ברודער, וואָס איז הונגעריק.

און אַז אַ קינד — דאָס אָרימסטע,
ווען מען טוט עס אָן אַ בגד אין אַ יום טוב,
גייט באַם האַנט, וואוהין מען נעמט עס מיט;
מעג מען אויך זיך לאָזן פירן צו דער טויטנשטול, וואָס וואַרט
ווי אַלט מען זאָל ניט זיין.
און אַז עס בלאַנקט שוין אויך דאָס טויטנדיקע קופּער אויפן קאָפּ
וואָס קען נאָך שווער זיין דעמאָלט?
אַ קיניג — ווען דאָס גאַנצע פאָלק אפילו וויינט ארום זיין טראָן —
דאַרף שוויינן, ווען מען קרוינט אים.
און אַז פון פייער איז די קרוין אויף אים דעם אויסדערווײלטן
איז דאָס אַ וואונדער־קרוין אין אָט דער וויסטער וועלט.
און בלויז דער וואָלף, וואָס אייביק לויערט ער, ווייל ער איז ווילד
און בלויז דער רויבער אין דער פינצטער —
שרעקן זיך פאַר פייער.
קינדער שטומע, נאָך
מיט אויגן אָפענע, וואָס זעען גאָרנישט נאָך,
שטרעקן זיך צום פייער.
און בלויז דער שמעטערלינג, וואָס גאַרט נאָך ליכט
אין חושך פון דער נאַכט,
באַגעגנט מיט צעשפּרייטע פליגל אייביק —
דעם טויט אין פייער.

4טן סעפּטעמבער, 1927.

מיין זונעלע, ווען ער וועט זיין דער מלך

(זאָל דער קראַנקער, וואָס הערט אַ גלעקל קלינגען,
וויינען צום הימל אַרויף און זינגען,
זאָל דער קנעכט מיט זיינע פאַרשלאָפענע אויגן
ווי אַ נאַכטוואַנדלער פון דאַך זיך בויגן;
זאָל דער רייכער מיט זיין גאָלד זיך שפּילן,
ווי דער טייך מיט די שטיינער פון די מילן.)

איך האָב מיר אַ זונעלע אַ שיינעם,
שפּילן מיר זיך ביידע אינאיינעם,
ווי אַ קליינטשיקער ברודער מיט אַ גרויסן
דערווייל אויפ'ן בערגעלע זאַמד אין דרויסן,
אָבער ווען ער וועט זיין דער מלך,
אָהאָ — וועט דאָס דעמאָלט ווערן פריילעך.

אַזוי ווי נאָך אַ זומער־רעגן,
וועט ליכטיק זיין אויף אַלע וועגן.
וועט מען שוין מער קיין מורא נישט האָבן
פאַר שדים, גזלנים און פאַר ראָבן.
וועט מען גיין צום מלך מיט צימבלען און פליטן,
וועלן בערעלעך די קינדער באַגלייטן.
די בערעלעך וועלן מיט יאַמשעמשטעקלעך
פויקן אין פייקלעך, וואָס הילכן ווי גלעקלעך;

ווען ווערן אין די פייקלעך לעבער.
ווען די פויגעלעך אויף די דעכער
זיך פרייען, אזוי ווי די קינדער, און לאכן,
ווען זיי וועלן זען אזוינע זאכן!

אוע די גרויסע — די טאטעס מיט די מאמעס —
וועלן מער נישט גיין אין קיין שפּענצער מיט לאַטעס,
נאָר אין יאַקלעך, ווי שיינע זומערפייגל,
און אלע אין די הענט מיט בייגל.
און אלע וועלן עסן עפּל
און איינגעמאַכטס פון אַ גרויסן טעפּל.
און וועט זיך אַ טאַטע אין וועג פאַרקילן,
און דער דאָקטאָר, דער מיט גרויסע ברילן,
וועט פאַרשרייבן מייערנצימעס אַ ביסל,
וועט מען אים ברענגען אַ גאַנצע שיסל;
און עס וועט זיך קיינער נישט אונטערדרוקן
אים מיט גרויסע אויגן צו באַקוקן.

און נישט מען וועט די פּאָלעס צעשפּרייטן
פאַראויס צו פאַרלויפן איינער דעם צווייטן,
נאָר רויטע, ווי די פּאָמעראַנצן,
וועלן טאַטעס מיט מאַמעס טאַנצן.
וועלן הינטלעך אין פּיאַטעס קיצלען און גלעטן,
וועט מען היטן, מען זאָל זיי נישט צעטרעטן.
און נישט נאָר הינטלעך — די וועלף מיט די ביקלעך
וועט מען אויך נישט פירן אויף קיין שטריקלעך:
זיי וועלן אליין — מיט פאַרהויבענע עקלעך, —
ווי אָדלערס פאַראויספליען מיט די פּעקלעך;
און ליכטיק, אזוי ווי באַוואַקסן מיט בלומען,
וועלן אויסזען פון ווייטן די קינדער, וואָס קומען.

אָבער נישט ווי אַ מלך, וואָס דאַרף זיך בלאָזן,
און מיט וועכטער — קיינעם נישט צוצולאָזן,
נאָר צו קענען ווייזן זיך פאַר אַלע,
וועט מיין זונעלע שטיין אויף אַ דאַך מיט זיין כּלה;
ער וועט שטיין מיט איר אויפן קוימען אויבן
מיט עסן, וואָס ער האָט געבראַכט פאַר די טויבן.
וועלן איבער אים די טויבן זיך דרייען;
וועלן אַלע אַרויפקוקן און זיך פרייען.
ווי אַ קרוין פון שטערן, וועלן די טויבן
אין דער זון אַרונטערשיינען פון אויבן.
און די קינדער וועלן אפילו הערן,
ווי עס זינגען אין דער קרוין די שטערן.

נאָר דער נאַרישער טאַטע קען נאָך פאַרזאַמען
און נישט קומען צום יום־טוב מיט דער מאַמען,
זאָס דאָס זונעלע פון גאָרנישט קלערן;
עס קען אויפן קוימען אים שווינדלענדיק ווערן, —
וועט ער דאַרפן האָבן צוטאָן מיט נאַראָנים,
וואָס לאַכן, ווען מען פאַלט אויפ'ן פּנים.

מיט אַ ריב־אייזן וועט דער לייב צערייבן
דאָס בלוט, וואָס וועט אויף די לאַפּקעלעך בלייבן;
און די שלאַנג וועט זיך אויסלערנען קיכעלעך עסן.
די נאַראָנים נאָר וועלן גאָרנישט פאַרגעסן, —
אייביק, אַזוי ווי אויף פּוילקייט שימל,
וועלן זיי וואַקסן אונטער'ן הימל.

1927

פון מיין רויזעלעס טאָג־בוך

1.

מענטשן שטייען אויף
און יאָגן זיך מיט שיפן און מיט באַנען,
און פלאַטערן ווי פייגל, אין דער לופטן איבער אַלץ,
און שפּאַרן זיך, ווי רויכן פון די קוימענס,
און דרייען זיך, ווי שטויב אין ווינט.
און אַט־דעם אייביק־זינגענדיקן גאָלד־און־אייזן־ווירבל
פון דער שטאָט,
און דאָ באַם ים אפילו אויף דעם טויטן־אינדזל;
באַם פּרוכט־פאַרקויפער איז דער וואָגן
ליידיק שוין כמעט,
און סעם דער קרעמער שטעלט די אַכטע מילכקאַן שוין אַרויס;
און אויך מעקדאַל, דער אַלטער אירלענדער,
דער שכן אונדזערער,
מיט האַנט און האַמער אויף דער זויל דער האַרטער,
פייפט ער שוין אַרויף צום צענטן מאָל דאָס זעלבע ליד
צום פויגעלע אין שטייגל, וואָס לערנט זיך
אים נאָכצוזינגען.
מיין מאַן אָבער, —
אַזוי ווי ס'וויל דער ים נישט אויפהערן צו רוישן,
וויל ער נישט אויפהערן
צו פירן זיין מלחמה מיט די פליגן
אין שלאָפבאַלאַט.

און מיט מיין הוט אויף זיך, דעם מיט די רויטע בלומען,
יאָגט ער זיך אַרום און וואַרפט מיט הענט,
ווי אין דער אָפּערע אַ דיריגענט אַ הייסער.
און ווי אַ ביבער שוויצט ער שוין (ער קען זיך נאָך,
חלילה, צוקילן), וואָס טוט מען מיט אַזוינעם — גאַט מייגער?
עס קומט דאָך אויס, כאָטש שריי אויף אים, ווי אויף אַ קינד,
צי גאָר פאַרשפּיל מיט רייד אים, ווי אַ קינד.
— אַ זילבער־גרויער קאָפּ, — דו, מאַן מיינער, דו קינד,
ווי הייסט דער רבי דיינער, זאָג מיר, אויב דו ווייסט?
— מיין רבי איז אַ בלינדער אויף אַן אויג
און הייסט רב חיים.
— וואָס טרינקט דער רבי דיינער, אַלע טאָג?
— ציקאָריע פון אַ קוואָרטן־טעפּל
טרינקט דער רבי מיינער אַלע טאָג,
און בלויז לכבוד שבת עסט ער
קאַשע מיט פּאַסאָליעס,
קאַשע מיט פּאַסאָליעס,
קאַשע מיט פּאַסאָליעס.

.2

אַז דאָ אין לאַנד דערוואַקסענע, ווי קינדער,
בענקען אַלע טאָג נאָך נייע שפּילעכלעך,
פאַרוואָס זאָל, — פרעג איך, — דאָס פאַרמעסטן זיך
אין פליגן־כאַפּן אויך נישט זיין אַ שפּיל?
וואָר איז: מיר איז שווער צו טראַכטן וועגן דעם,
דאָס קומט דערפון, וואָס אַלצדינג מאָלט זיך גלייך
פאַר מיינע אויגן אויס, אַזוי ווי לעבעדיק.
אָט זע איך דאָך אין דעם פּלאַקאַט,
וואו אותיות, ווי סלופּעס גרויסע,

זאָגן אָן דעם נאָמען פון מיין מאַן.
דער פליגן־כאַפּער־טשעמפּיאָן פון לאַנד איז ער, —
ס'שטייט אַזוי געשריבן.
און אויסגעמאָלט מיט ברילן, האָר און שניפּס,
און מיט די הענט און פּיס אין לופטן
קוקט ער מיר אויס — נישט אויסגערעדט זאָל זיין, —
ווי אַ משוגענער אויף גלייכע ווענט.
נאָר מער פון אַלץ פאַרדריסט דער פרוי אויף מיר! —
ווי מ'האָט מיר אָנגעטאָן מיין ליבן מאַן.
דעם טאָפּ, דעם גאָלדענעם, וואָס הענגט אים
אויף דער ברוסט — פאַרשטיי איך נאָך —
ער דאַרף מסתם אריינוואַרפן אהין
די פליגן, וואָס ער כאַפּט.
מען זאָל זיי קענען איבערציילן,
ווען די פּאַרוועט־צייט וועט פאַריבער זיין.
די ברייטע הויזן אָבער, אָט די רויטע זיינע —
וואָס באַדאַרף ער?
פליגן זיינען דאָך קיין ווילדע אָקסן נישט,
מען זאָל זיי דאַרפן רייצן?
נאָר אפשר וויל מען צוציען מיט דעם גאָר אונדז אַליין, —
די פרויען?
רויט דערמאָנט דאָך אונדז, אָן עפּל־רויזן זון־פאַרגאַנג,
אָן שפּאַרן־קלאַנג פון יונגע אָפיצירן.
פאַר מיר אַליין האָט זיך שוין אויך אַמאָל
פאַרנויגט אַזוינער.
איך בין געגאַנגען דעמאָלט
מיט מיין חברטע שפּאַצירן
אין ווילנע — אויף דער הויפּטגאַס. —
פּעשע־גיטל איז געווען איר נאָמען.
אַ לאַנדסמאַן, וואָס איז ערשט פון שיף אַרונטער,

האָט דערציילט, אַז זי האָט זיך אַליין געטויט,
ווען זעלנער זיינען זייער הויז
אין מיטן נאַכט באַפאַלן — — —

1924

דער טויט פון דעם גאָלדגרעבער דזשים וואַלדאָר

שטייט דער פּריסט — מיטן גאָלדענעם צלם אין האַנט
און ער קוקט אויפן מעסער, וואָס הענגט אויפן וואַנט,
און די ליפּן שעפּטשען דזשים וואלדאָר, בעט גאָט,
עס לויכט, ווי דער מאָרגנשטערן, זיין גנאָד,
דזשים וואלדאָר!

נאָר דזשים וואלדאָר, וואָס ליגט מיט אַן אָפן מויל
אויף זיין טויטנבעט, און שוואַרץ ווי קויל,
ווענדט זיך נישט צו דעם צלם אַרויף,
נאָר צום מעסער. אַזוי ווי דער פּריסט הויבט ער אויף
די אויגן זיינע, און קוים וואָס מען הערט
מיט אַ קול אַזאַ, ווי פון אונטער דער ערד,
דערציילט זיין לעבן, דזשים וואלדאָר:

— איך האָב אומגעבראַכט פון רויט־הויטיקן מין
זיבן טעכטער און זעקס־און־דרייסיק זין,
די שטאַרקסטע פון זיי. איצט שטאַרב איך און טראַכט:
דעם לעצטן האָסטו נישט אומגעבראַכט,
דזשים וואלדאָר.

— מיך אַרט ניט דאָס ווייסע טויטנגעשריי
פון דעם, וואָס וועט ווערן געשונדן פון זיי
מאָרגן צי איבערמאָרגן דאָ.
נאָר איך, דזשים וואלדאָר, בין מער נישטאָ.

און זיי, ווי מיט פייער אונטער דער הויט,
באוואָיען מיט פרייד דעם לעצטן טויט
פון דעם לעצטן מאַן, דזשים וואַלדאָר.

— ווי רויבער באַנאַכט אַ שיף אויפן ים,
אַזוי האָבן זיי — אויף די פיילן מיט סם
און מיט ברענענדיק פייער אין די הענט, —
אַרומגערינגלט פון אַלע פיר ווענט
דזשים וואַלדאָר.

— און ווען זיי האָבן פאַרברענט מיין הויז,
איז קיינער לעבעדיק נישט אַרויס.
מיין ווייב האָט געברענט מיטן קינד אויף די הענט
פאַרן הייליקן בילד, וואָס האָט אויך געברענט,
און ווער איז געלעגן ביים שוועל אויפן מיסט,
ווי אַ זיפּ צעלעכערט? — דער פרומער באַפּטיסט,
מיין אַלטער פאָטער, דזשים וואַלדאָר.

— בלויז דער הונט, וואָס האָט קיינמאָל פון גאָט נישט געקלערט,
און איך אַליין אויף אַ ברענענדיק פערד.
נאָר צו מאָרגנס, ווען די זון איז אַרויס,
ווער האָט זיך אומגעקערט? — איינער בלויז —
דזשים וואַלדאָר.

— נאָר דעמאָלט האָב איך צו זיך געזאָגט:
הער אויס, דזשים וואַלדאָר: אַ מאַן וואָס קלאָגט,
איז געגליכן אין טרויער צו אַ ווייב,
ווען סע ענגט שוין אויף איר, ווי אַ זאַק דאָס לייב.
נאָר דער מאַן, וואָס בויגט זיין קאָפּ און רוט,

ווען ער הערט, ווי עס קלאַגט פאַרגאָסן בלוט, —
פאַרשאָלטן איז ער, דזשים וואַלדאָר.

— און איך ווייס נישט, ווי לאַנג עס איז שוין זינט דאַן;
נאָר מען קען מיט אַ שטיין אויף אַ קופּערנער פּאַן
נישט פּויקן אַזוי, — ווי סע פּויקט און קלאָגט
דאָס פאַרגאָסענע בלוט, וואָס טרייבט און יאָגט
דזשים וואַלדאָר.

— נישט איינמאָל שטעל איך די אויערן אָן
און איך רעד מיר איין, אַז דאָס פּלאַטערט אַ פאָן,
אויף אַ קלויסטער־שפּיץ. און איך רעד מיר איין,
אַז אַן אָרגל שפּילט אין מיין בלוט אַריין.
נאָר דאָס שטילט נישט איין דאָס בלוט פון מיין קינד,
און דאָס בלוט פון מיין ווייב, וואָס קלאָגט אין ווינט
און רופט אָן אויפהער: דזשים וואַלדאָר!

און איך זאָג דיר פּריסט, די בלויע הויך,
דער הימל אויבן געפעלט מיר אויך;
נאָר פון דאָרטן האָב איך זיך נישט דערוואוסט,
פאַרוואָס דאָס אומגליק האָט טרעפן געמוזט
דזשים וואַלדאָר.

און אָט איצט — דאָ שטייסטו אַנטקעגן מיר;
מיך אַרט ניט, וואָס דו האָסט געטרונקען ביר
און געגעסן פלייש. נאָר ווען דו האָסט אַ מויד
געקניפּט אין באַקן, ווי בוריקעס רויט,
און פאַרגעבן איר כלומר'שט אויף שווערע זינד,
האָט זיך דעמאָלט געראַנגלט מיט פּיינט און הינט
אויף לעבן און טויט — דזשים וואַלדאָר.

נאָר געטויט האָט ער קיינמאָל נישט מיט פרייד;
נישט איינמאָל האָט, ווי אַ בער פון קייט,
זיך זיין טרויער געריסן. אַ טויטן פאַרשיט —
האָט אָן וואַסער אים דריי מעת־לעת געהיט
דזשים וואַלדאָר.

נאָר דו מאָל דיר אויס: אָט שוועבט אַרום
אַ שמעטערלינג פון אַ בלום צו אַ בלום,
און דאָס האַרץ איז שטיל און דער פויגל זינגט.
און מיטאַמאָל און דזשים וואַלדאָר שפּרינגט
ווי אַ לייב אויף זיין רויב. עס האָט קיינער פון זיי
קיין צייט נישט אַפילו צום לעצטן געשריי
באַם מעסערשטויס פון דזשים וואַלדאָר.

נאָר וואָלט איך אַפילו זיך ווענדן געוואָלט
צום צלם דיינעם, — איז ער דאָך פון גאָלד,
און עס האָט דאָך דאָס גאָלד — דער געלער גען —
פאַרכאַפּט, ווי אין אַ פייער־נעץ,
דזשים וואַלדאָר.

אים אַרויסגעריסן פון זיין ערד
אַזוי ווי אַ בוים, און צו־פוס און אויף פערד
אים פאַרשלעפּט איבער זאַמד און שטיין דאָ אַהער
צו הערן דעם ברום פון דעם גריזלי־בער,
און צו ברענגען דעם טויט אויף אַן אייגן גליד, —
אַ קינד, — וואָס ווייסט נאָך פון גאָרנישט ניט.

— ווען מ'איז יונג און מען חלומ'ט פון גאָלד, — ווי גרויס
און ווי ליכטיק מען וואַקסט אַליין באַ זיך אויס.
דעם פאָטער'ס אָפּהאַלט — אים האָסטו פון זיך

אָפּגעטרייסלט, ווי שטויב פון די שיך,
דזשים וואַלדראַר.

— און דאָס ווייב? — וואָס פרעגסטו, דזשים וואַלדראַר באַ מיר?
איך האָב דיך ליב און איך גיי מיט דיר.
די אויגן, ווי שטערן, אָפן און ווייט,
און דער שטילער בלאָנדער קאָפּ אָן אַ זייט
האָבן געוויינט, ווי סע וויינען הענט
פון אַ גרוב אַרויס, — צו מיר געווענדט,
נאָר עס האָט נישט געפאָלגט דזשים וואַלדראַר.

— אַזוי, ווי די זון איבער גראָז און בוים,
האָט געבלענדט דער געלער גערעץ מיט זיין טרוים.
איצט וויינט אַזוי, ווי אין עמיצנס הענט,
דאָס אַש פון אַ שפּאָן, וואָס איז אויסגעברענט,
דזשים וואַלדראַר.

— נאָר אפילו דיין צלם איז שוואַרץ,
ווי אייזן, מיין פּריסט, און ווי מיין האַרץ,
דזשים וואַלדראַר גיט די קרוין פון זיין קאָפּ —
זיין בלוטיקע זינד, צו קיינעם נישט אָפּ.
און אויב עס האָט אים ליב די ערד,
וועט זי עדות זאָגן אויף דעם, וואָס ער שווערט:
— זאָל פוילן דער שטאָם, דזשים וואַלדראַר!

— זאָל אייביק איבער אים וויינען די שאַנד,
ווי דאָס מעסער דאָ, וואָס הענגט אויפן וואַנט:
דעם לעצטן פון דער רויטער הויט
האָסטו טויטן געדאַרפט און האָסט נישט געטויט,
דזשים וואַלדראַר.

איצט וועט זיך פארמאכן אויף אייביק די טיר
פונם לעבן אין דער וועלט צו דיר:
נישטאָ מער אין ערגעץ אַן אויער, וואָס הערט,
מען זאָל רופן דזשים וואַלדאַר דאָ אויף דער ערד.
נעם צו דיין צלם, מיין פּריסט, נעם צו,
דזשים וואַלדאַר'ס זעל טאָר נישט האָבן קיין רו.
א פאַרשאָלטענער שטאַרבט דזשים וואַלדאַר.

ווען דער פּריסט האָט די לעצטע רייד דערהערט
האָט ער געוויינט מיטן קאָפּ צו דער ערד,
און אַזוי ווי אין שרעק פאַר זיין אייגן קול
צו גאָט גערופן, נאָכאַמאָל:
דזשים וואַלדאַר!

— קער זיך אום, קער זיך אום, דזשים וואַלדאַר, צו גאָט,
און זאָל אויפגיין איבער דיר זיין גנאָד.
נאָר דזשים וואַלדאַר אויף זיין טויטנבעט
האָט שוין גאָרנישט געהערט און גאָרנישט גערעדט,
און ער האָט זיין בליק נישט אומגעווענדט
צו דעם צלם, וואָס האָט באַב פּריסט אין די הענט
געוואַרט אויף דער זעל פון דזשים וואַלדאַר.

און עס לאָזט זיך אויסמאָלן אַלץ אין דער וועלט,
ווער עס מאָלט אוים ליבע און ווער פאַר געלט.
נאָר די אויגן דיינע, — ווער מאָלט זיי אוים,
און וויינט נישט פון זיך דאָס האַרץ אַרוים,
דזשים וואַלדאַר?

ווי האַלט מען אַזוי־אַ שטאַרבנדיק
צו א מעסער אַרויף דעם לעצטן בליק?

עס קען דאָך נישט זיין, אַז פון מעסער אַרוים
זאָלסטו זען דיין ווייב מיטן קינד אויפן שוים?
עס קען דאָך נישט זיין, אַז ס'איז נישט קיין זינד
זיך צו טרייסטן באַם טויט מיט בלוט וואָס רינט
פון אַ מעסער אַראָפּ, דזשים וואַלדאָר?

נאָר אַז אויך דער טויט האָט נישט געקענט
פאַרשליסן די אויגן צום מעסער געווענדט,
שווייגט אודאי מיט אויגן, בלוטיק און שטום,
אויך דער אַלטער פּריסטער, וואָס צלמ'ט זיך פרום,
איבער דעם טויטן — דזשים וואַלדאָר.

1924

אַן אַלטע מצבה

ווייט ערגיץ—אַן אַלטע מצבה, דאָרט האָט מען באַגראָבן מיין מאַמען.
אין פעלד איז דאַן אָסיען געווען. און די וועלט איז געוואָרן
פאַרנאַכט.

צוויי קינדער מיט גאָלד־בלאָנדע לאָקן, זיי שטייען באַם פענצטער
צוזאַמען —

עס שפּיגלט די זון זיך אין פענצטער — עס האָבן די קינדער געלאַכט.

אין דרויסן באַם טיר שטייט אַ מיטה, אוי, ווער האָט די מיטה
געבראַכט?

— עס האָבן די קינדער געלאַכט.

אַוועק איז דער אָסיען, און איבער די פעלדער האָט שנייען גענומען.
„עס דאַרפן די קינדער, אַ מאַמען.“ אַזוי, האָבן שכנים געמיינט.
געפאָלגט האָט דער טאַטע די שכנים — און דאַן איז אַ פרעמדע
געקומען,

געקוקט און געלאַכט צו די קינדער, — עס האָבן די קינדער
געוויינט.

עס האָט זיי דער טאַטע גענאַרט, פון דער מאַמען אַ בריוול געלייענט,
— עס האָבן די קינדער געוויינט.

דזשודאַאיזם

מיין זלאַטשאָווער מומע הינדע באַשע
בעט מיך, איך זאָל איר אַ שיפסקאַרטע שיקן;
זי וועט דאָ מאַכן דאַמען־פּאַרוקן
און געבן שטונדן אין האַמיש מיט ראַשע —
שרייבט זי מיר אויף דייטשיש.

דער ים פון צאַרעס גייט שוין איבער,
און ווי איין ליכטעלכען גייט אוים איר נעשאָמע,
און זאָ העלף איר דער הערגאָט, ווי זינט דער מעלכאַמאַ
איסט קיין לעפל געקעכץ איר מונד ניכט אַריבער. —
שרייבט זי מיר אויף דייטשיש.

איך האָב איר געענטפערט אַ בריוו און געשוואוירן,
אַז באַ אונדז איז געקעכץ גענוג פאַראַנען;
נאָר די פאַניכעס אונדזערע מיט די פאַנען
פרעסן ווי בערן, און שטינקען ווי טכוירן.
ס'איז פשוט נישט אויסצוהאַלטן, שרייב איך.

און וועגן דעם, וואָס זי לאָזט מיר וויסן
אַז אפילו די הייליקע סאַבאַט־געזאַנגען
זענען אין שטעטכען שוין אונטערגעגאַנגען,
ענטפער איך איר, אַז סע ווערט מיר צעריסן
דאָס האַרץ אוראַי, ווען איך הער דאָס.

אויך וועגן איר מאַן, דעם סאַלאַמאַן מאַזעס, —
שרייבט מיר מיין מומע, — מען האָט אים געשמיסן,
און אים דאַן, ווי וועלפע איין שאָף צעריסן,
און זי האָט אים איין קראַנץ מיט ליליען און ראָזעס
געלייגט אויף זיין הייליקן גריבע.

נאָר אויף דעם האָב איך דוקא אַ טרייסט פאַר מיין מומען:
זאָל מיר נאָר — שרייב איך — גאָט באַגליקן,
איך זאָל דיר קענען אַ שיפּסקאַרטע שיקן;
זאָל אַזוי גיך משיח קומען,
ווי גיך דו וועסט האָבן אַ מאַזעס.

פאַראַנען — שרייב איך — אַ גאַנצע סטאַדע
מיט מאָזעסעס באַ אונדז אין נו־יאָרצע.
איך קען איינעם, הייסט ער מאָזעס פּאָרסע,
אויף אידיש הייסט ער אַנדערש אודאי
אָבער ערלעך איז ער ביז גאָר — דאָס איז אמת.

און די הויפּטזאַך איז דאָך — ער זוכט איין אַלמאַנאַ,
וואָס קען לייגן איין לאַטכען אויף האָזע און רעק
און אַריינמאַכן צאַצעס אין לעוואַנאַ,
אַז זי וועט קיין כאַראַטע נישט האָבן.

און אויך באַ זיין נאָמען מאָזעס פּאַרסע
שווערט ער זיך, אַז אויב נאָר זי וועט וועלן,
וועט ער קעדאָס־מאָישע אַ באָפּע שטעלן,
אין עמאַנועל־טעמפּל אין נו־יאָרצע.
און אויך עפּענען פאַר איר איין דייטשישן כיידאַר.

און דאָס שרייב איך איר טאַקע. — איך האָב נישט קיין מורא
פאַר דייטשיש צווישן די אידישע שכנים,
דאָס קען אפשר בלויז נישט געפעלן דעם קליינעם
דאָקטאָרל פעמפּאַק, וואָס וויל, אַז די תורה
זאָל מען לערנען דוקא אויף לשון־קודש.

נאָר ער, ווי מען ווייסט שוין, — פינף מאָל טעגלאַך
עסט ער ציבעלעס מיט רעטעך.
און מיין דייטשישע מומע שטינקט אויכעט (דאָס ווער איך).
אָבער קיינמאָל ניט אַזוי אומדערטרעגלעך,
ווי דאָס דאָזיקע דאָקטאָרל פעמפּאַק.

1924

זומער־רעגן

זומער־רעגן אין דער גרויסער שטאָט.
און העכער פונם רעגנבויגן וואולוואָירט־טורעם לויכטנדיק
אין זונשיין.
פון אונטן מענטשן קליינינקע, ווי פליגן, און מיט שירעמס
איבער זיך,
וואָס זיינען שווארץ ווי די, וואָס אונטער זיי אין ווינטער יאָגעניש,
און בלויז דער קראנקער צווישן זיי, וואָס בענקט נאָך רויערד,
זעט דעם פויער אויפן פעלד אצינד אין זומעררעגן.
זאָל אויפטון זיך, ווי רויערט פאַרן זומערעגן, דיין בענקעניש
צו מיר!
זאָל איבער מיין פאַרוואָלקנט בלוט, וואָס וויינט,
דאָס ליכט פון דיינס אַ בליק מיר אויפלויכטן,
ווי זון אין זומעררעגן!
פינצטערניש בין איך — געגליכן צו אַ וואָלקנבראָך וואָס קומט;
בליצן טויטנדיקע — מיינע ליכטיקייטן, פרעמדע פרוי.
ווער וועט מיך אויסלייזן פון זיך אַליין?
צו ווערן רעגנבויגן איבער זיך אַליין —
קינדער־פרייד אין זומעררעגן, —
ליד און רינגל־ראָד אין זומעררעגן, —
זומעררעגן־ליכט אין זון און רעגנבויגן! — — — —

אָוונט

איך האָב געטראַכט —
— אַ מאַן אין מיינע יאָרן,
וואָס ציט אים דאָ אַהער צום ים אין האַרבסטיקן פאַרנאַכט?
די שטיינער דאָ האָט ער דאָך שוין געזען
און וואָס איז אים דער רויך, וואָס ציט זיך פון אַ שיפסקוימען אַרויף?
און וואָס איז אים דער וואָלקן, וואָס פאַרשווינדט
באַם מערב־זוים פון הימל?
אַ קינד הויבט אָן אין חדר גיין,
לערנט מען אים אויס ברכה מאַכן
אויף דעם שטיקל ברויט אין הענטל, וואָס ער האַלט.
ווער אָבער לערנט אויס אַ מענטש אין מיינע יאָרן
אַרומצוגיין אַליין
און זיך קלאָגן וועגן דעם
צום נעפּל, וואָס ער זעט אין רוים דעם נאַכטיקן?
צום ווינט, וואָס וויינט ווי ער?
און צו דעם ווייסן שוים, וואָס טאַנצט פון ים אַרויס
זיין אייביקן טויטנטאַנץ?
אָ, גינגעלי, מיין אומרו דו —
ווי זשאַווער אויף אַ שווערד אַן אַלטער
ליגט די איינזאַמקייט אויף מיינע גלידער;
און ווי פון נעסט אַרויס אַ פויגל, וואָס איז קראַנק צום שטאַרבן,
פאַלט אויף מיר די נאַכט.
און אייביג רעד איך וועגן דעם צו זיך אַליין,
ווי עס רעדט אַ נאַר אַ הייליקער צום ווינט באַם אָפענעם פענצטער,
צום ווינט, וואָס האָט באַם ספר אים דאָס ליכט פאַרלאָשן.

דיין קלייד

אַרויף צום אָוונט־הימל זיינען אויסגעשפּרייט —
ניט מיינע אויגן.
ניט מיינע טריט באַם ברעג פון ים אַרונטער און אַרויף.
נאָר דו און אַרום דיר דער רויש פון שוואַרצן זיידן־קלייד,
געשאָנקען דיר פון אים, דעם אויפגעקומענעם,
אין האַנדל מיט די שוואַרצע דאָ אין לאַנד.
אָט באַלד און באַ דיין זייט וועט ער אַרומגיין דאָ
און וועט זיך פרייען, וואָס דו ביסט שיין אין שוואַרצן זיידן־קלייד.
און וועט ניט זען, אַז שווער ווי הינטער אַ געשטאָרבענעם,
גייט הינטער דיר דיין אָרימקייט און איך,
אינאיינעם מיט אַ קינד אַ שוואַרצס,
וואָס ווייַנט, דו זאָלסט אים אָפּגעבן דאָס ברויט, וואָס בלאַנקט
אין יעדן פאַלד פון שוואַרצן זיידן־קלייד אויף דיר — — — — —
אין אָוונט־שיין.

פרעמדקייט צווישן אונדז

שווייגן מיר.
הער איך, ווי עס וויינט אין מיטן שטוב מיין טויטנקאסטן
איבער דעם, וואָס ער איז שוואַרץ אינגאַנצן,
און וואָס ער האָט אַפילו ניט קיין פענצטערל אַזאַ,
ווי אין אַן אייַנגעפאַלן שטיבל ערגעץ,
וואו קיינער וואוינט ניט מער —
און דו, אין מאַטן לאָמפּן־ליכט מיט קאָפּ געבויגענעם,
שענקסט דיין ציטערדיקסטן אָטעם צו דעם קלייד דעם שוואַרצן,
וואָס נעמט אַרום דאָס לייב דיינס שיר ניט אַזוי פינצטער,
ווי מיך מיין טויטנקאַסטן, וואָס איך זע איצט.

1927

אָוועקטיים

.1

וואַלף, חיים־בערל און זאַנוול האָבן אין קאָרטן געשפּילט,
ווען מען האָט זיי די בשורה געבראַכט,
אַז דער פּירעער איז טויט.
חיים־בערל מיט שוואַרץ אין די הענט האָט באַדויערט:
— אַ שאָד, — האָט ער אונטערגעמורמלט — אַ שאָד,
זאַנוול, וואָס האָט לעבן זיך, צוליב מזל
געהאַלטן די מויד, (וואָס האָט בראָכע געהייסן),
און וואָס האָט באַקומען אַן אמת'ע פּאַרציע רויט,
האָט דוקא געשאָלטן דעם מענטשן,
וואָס האָט זיי די בשורה געבראַכט,
אַז דער פּירעער איז טויט.
און אַפילו די מויד, וואָס איז שיר נישט געוועזן אַזוי רויט
ווי בײַ זאַנוולען די קאָרטן, — אויך זי האָט געברומט
— דול ניט קיין ספּאַדיק, באַרנולע,
מיר ווייסן שוין אַלע, מיר ווייסן, —
געשטומט האָט בלויז וואָלף,
די קאָרטן אַוועקגעלייגט גלייך, ווי מען האָט זיי צעטיילט
און מיט אָפענע אויגן און מויל אַ באַנאַנע געשיילט
און געשטומט.

2.

וואו איז דאָס שניידערל מעק־מעק־מעק ?
פון א גרויען זאַק א יום־טוב־קלייד
מיט תכריכים־שטעך מיר אויפגענייט,
און אזוי ווי א מייזעלע אוועק
אין דער פינצטער.

דאָס קליינע שניידערל מעק־מעק־מעק
איז אין ערגיץ — אין ערגיץ נישט אוועק,
עס האַלט די קערטלעך און קוקט אריין;
ווי א אידעלע באַם לאָמפּן שיין,
אין א תהילים׳ל — — —

דאָס רויטע קאָוואַלטשיקל בים־באַם־בום
דאָס רויטע קאָוואַלטשיקל, וואו איז ?
מיר אויסגעשמידט קייטן אויף די פיס
און אוועק, ווי א גנב׳ל, הינטן ארום
אין דער פינצטער.

דאָס רויטע קאָוואַלטשיקל בים־באַם־בום
איז אוועק נישט אין ערגעץ הינטן ארום,
עס האַלט די קערטלעך — און קוקט אריין,
ווי א אידעלע באַם לאָמפּן־שיין
אין א תהילים׳ל — — —

וואו איז דאָס פויערל מודרעכאַם ?
פון זיין גאַנצן מאַיאָנטעק מיר אָפּגעקארגט
א שטיקעלע הארטע ברויט, וואָס ווארגט
שיר ניט אזוי, ווי אמת׳ער סם
אין דער פינצטער.

דאָס קלוגע פֿויערל מודרעכאַס
צווינגט נישט קיינעם צו נעמען סם,
עס האַלט די קערטלעך און קוקט אַריין
ווי אַ אידעלע באַם לאָמפּן־שיין
אין אַ תהילים׳ל — — —

1924

ער, וואָס רופט זיך פירער

מיר האָבן אונדזער פּנים קיינער ניט פאָראויס באַשטעלט.
און מען דאַרף קיין שטיין ניט וואַרפן אויף דעם הונט,
וואָס ווייזט זיין פּנים ווען ער ווײנט, דעם הימל פון דער נאַכט.
נאָר אַז איך טראַכט שוין וועגן דעם,
פאַרטרויערט איבער זיך אַליין דאָ אין דעם נאַכט־קאַפּע,
אָנגעריכערטן ביז נעפּל־גרויקייט,
און מען ווייזט מיר אָן דאַביי אַ מענטש אַנטקעגן מיר,
און מען זאָגט מיר ווער דאָס איז,
און אַז איך קוק אויף אים
און ער, מיט יעדן קנייטש און פאַלד אויף זיין געזיכט,
דערמאָנט דעם קברן פון דער היים, ווי ער האָט זיך געפרייט
ווען מען האָט צוקאָפּנס באַ מיין ברודערל דעם טויטן
אָנגעצונדן ליכט —
און אַז די קרומקייט פון זיין רעכטן אויג באַ אים,
וואָס טרעפט מיך אומגעריכט, איז שיר ניט אַזוי קאַלט,
ווי אַ געהיימער מאָרד, וואָס וועקט פון שלאָף באַנאַכט —
צי מעג ניט דעמאָלט ווי טאָן מיר,
ווי פון מיין סאַמע האַרץ אַרויס אַ וואונד, אַ בלוטיקע,
וואָס דווקא ער באַשטייט, מיר זאָלן בלינד אים גלויבן,
אַז ער איז אויסדערוויילט צו פירערשאַפט אין לעבן.
וואָס מיינט דען פירערשאַפט?
דאָס מיינט דאָך פרילינגס־ווינט וואָס זינגט!
דאָס מיינט דאָך זיכער ליכטיקייט, וואָס גייט פאָראויס
דורך וויסטעניש פון שטיין און דאָרן.

דאָס מיינט דאָך פרילינגס־ווינט וואָס זינגט,
צו מונטערן דעם קראַנקן פויגל, האָפענונג, וואָס ווינט,
אַז ער זאָל אויסשפּרייטן די ווייסע פליגל זיינע,
ווען מען דאַרף אַריבער בערג, וואָס גרייכן ביז די וואָלקנס.
און וואָס איז דען דאָס ליכט פון פירער׳ס אויג?
דאָס איז דאָך בלויז אַ פונק פון זיין געשטאַלט דער
אויסדערוויילטער.
וואָס קען דורך זיך אַליין דאָס גרויסע וואונדער ווייזן,
צו לויכטן ווי אַ רעגנבויגן ליכטיק אין דער נאַכט.
נאָר ווען אפילו דער וואָס זיצט אַנטקעגן מיר
וואָלט ניט דערמאָנט מיט זיינע רייד אַ פליג אַ בייזע,
וואָס זשומעט אַרום אַ הייפל מיסט אין מיטן גאַס —
און ווען אפילו איך וואָלט אויפגעהערט צו טראַכטן, ווען
איך הער זיין קול
אַז דאָס איז בייזקייט פון אַ מענטשן־צונג, וואָס פלעכט פון רייד
אַ שטריק פאַר זיינס אַ ברודער אין דער נאַכט —
צי דען וואָלט דעמאָלט גרינגער זיין פאַר מיר
זיך אויסצומאָלן אים אין ווייסן פירער־קלייד?
אָ, ס׳אַ צער —
און ס׳אַ נאַכטיק־בייזע גייסטער־שפּיל דאָס איז; —
אַ קינד פון שלאָף געוועקט,
ווען עס וואָלט געזען אַזאַ ווי אים אַט־איצט, אין ווייסן, אין
דער נאַכט —
וואָלט עס געטראַכט — אַ מת וואָס לויפט אין שול אַריין,
און וואָלט זיך אפשר בלויז געטרייסט מיט דעם
וואָס ס׳איז אַ שעה אַזאַ פאַראַן,
ווען סע טרייבט דער האָן די טויטע
צוריק צו זייער רו, דער וויסטער, אין דער נאַכט.
נאָר זאָל מיין בלוט ניט שטראָפן מיך דאַפאַר —
איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען אַ מת אַרומגיין.

נאָר היינט נאָך שטאַרבט מיין אָטעם אָפּ אין מיר, פאַר טויט־שרעק,
ווען סע דערמאָנט זיך מיר דאָס נעגער־ווייב אין ווייסן
אין דער נאַכט.

א פּוסטראַט לעבן מיר, האָט זי מיך אָפּגעשטעלט.
און איך, אין חושך, האָב געזוכט
א האַנט, א פּנים פון א מענטש, אַן אויג,
און וואָס האָב איך געזען — א שניי־מענטש אָן א קאָפּ.
א ווייס געשטעל, אַזאַ, ווי אויפן פעלד באַנאַכט,
די הונגעריקע פייגל אָפּצושרעקן.
אפילו אָטעמען האָב איך זי ניט געהערט.
און בלויז איר לייב־גערוך —
ווי שוועבל־זויערקייט אויף פליייש וואָס פוילט —
האָט מיך צו זיך געבראַכט.
און איך געדענק אפילו נאָך ווי איצט וואָלט דאָס געווען,
ווי שווער עס איז מיין קאָפּ אויף מיר געהאַנגען.
פון איר אָבער האָב איך געקאָנט אַוועקגיין אין דער נאַכט
צו וויינען שטילערהייט אויף זיך אַליין,
און אויף דער פינצטערניש, וואָס פירט די אָרימקייט
זאָל אויף קופּער־געלט
זיך אויסבייטן די בענקעניש, איר הייליקסטע אין לעבן.
דאָ אָבער, אין אָט דער נאַכט־קאַפע,
דער אָנגערויכערטער ביז נעפּל־גרויקייט —
דאָ איז מיין אָפּרו־אָרט —
דאָ האָב איך פריינט —
און כ׳האָב ניט ערגעץ אַנדערש וואו צו גיין.

1927

די היצער

דער רינגלעך־און־געלט־זוכער האָט אַ פּאָר גומענע שטיוול,
קריכט ער פֿאַרטאָג שוין אַרום אין די כוואַליעס באַם ברעג.
איך האָב נישט, ליג איך ביז צען און ביז צוועלף,
ווי אויף אַ ווייס שטיק פּאַפּיר אַ גרויסער טינטן־פּלעק
צעשפּרייט אויף מיין געלעגער.

וואָס איז, איך ליג שוין מיט קעלבערנע אויגן
צום באַלקן אַרויף זייגער זעקס אין דער פֿרי,
און ניט איינמאָל גיט מיך טאַקע די בענקשאַפֿט
— מיט די הענט אַ ריר, וואָס מען זעט נישט, — אַ צי,
אַז ס'איז נאָר אַ נס, וואָס איך פֿאַל נישט אַרונטער.

און איך הער אַפֿילו וואָס זי טענה'ט:
קודם — זאָגט זי — דאָס רוישן פֿון ים, וואָס מען הערט,
און דאָס, וואָס די נאַקעטע ווייבער די פּעטע
זיינען נישטאָ, איז דאָך אויך עפּעס ווערט,
און צו דעם נאָך די מאָרגן־לופֿט, וואָס מען אָטעמט.

און די בענקשאַפֿט איז טאַקע נישט אומגערעכט, נעבעך; —
אַפֿילו די שיפֿן, וואָס מען קוקט אויף זיי,
אַ שיף אַזאַ איז אַ שטאָט אַ גאַנצע;
פֿון ווייטנס אָבער, פֿון אַ מייל אָדער צוויי,
זעען זיי אויס, ווי שוואַנען אָדער גאָר ווי קאַטשקעס.

אָבער נישט, חלילה, קיין קליינע און ווייסע,
ווי מיר האָבן זיי אין דער היים געזען;
דאָ זיינען זיי אַלע גרויסע אַזוינע,
און פון ווייטנס אונטערן מאָרגן־ברעגן
זיינען זיי רויט, טאַקע, ממש, ווי פייער.

ווער ווייסט, וואָס סע קאָסט אַזאַ מין קאַטשקע —
פינף מיליאָן און נאָך אפשר מער;
ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס די זון באַשיינט אויך
דעם קוימען, וואָס חושך'ט ביז אהער.
שדים ווייסן, צו וואָס מען דאַרף אים.

אַזאַ מין מורא'דיקער פּאַסקודניק: —
גאַנצע בערג מיט וואָלקנס רויך
שפּאַרט ער אַרויס פון זיך און צעשפּרייט זיי
מיט אַזאַ מין גדלות אין דער הויך,
ווי דער גאַנצער הימל איז זיינער.

נאָר שולדיק זיינען אין דעם די הייצערס.
דאָס איז איינמאָל זיכער. נאַקעט און ברוין
ביז אונטער די באַקעס שטייען זיי אונטן
און וואַרפן קוילן פּאַר אַ לוין,
וואָס מען דאַרף זיך שעמען אויסצוזאָגן.

פּאַר אַ גאַנצן טאָג איין דאָלאַר מיט צוואַנציק —
דאָס מיינט אַ גראָשן פּאַר זעקס מינוט,
אָדער פּאַר אַכצן לאָפּעטעס קוילן,
וואָס זיי וואַרפן אַריין — אַזאַ הינטיש בלוט,
ווי ביליק דאָס פאַרקויפט די אומזיסטיקע קעסט דער מאַמעס.

נאָר זאָלן זיי שוויצן און שלאָפן מיט ראַצן
און פרעסן ברויט מיט קוילן־סם.
און זאָלן זיי פאָרן, — דער אמת איז דאָך,
אַז זיי זעען אַ מכה און נישט דעם ים, —
די דאָזיקע וועלט־טוריסטן.

אָבער נישט, חלילה, מען זאָל מיך הערן,
זאָג איך דאָס — בלויז צו זיך אַליין.
משה לייב — זאָג איך — איידער אַזאַ מין לעבן,
איז שוין בעסער מיט די אייגענע ציין
אַ שטיק צונג, (ווען מען הונגערט), זיך אָפּצובייסן.

און אַז וואויל איז דעם געלט־און־רינגלעך־זוכער, —
אַזוי זאָג איך צו זיך טאַקע נאָכאַמאָל —
געפינט ער אַ מטבע פרעסט ער אָנבייסן,
געפינט ער ניט, איז אַ שפּיי אויפן קול
און אין זאַמד זיך אָנידערגעבאָליעט.

נעמט דער הונגער אים צו זיינע זיבן פּאַלאַצן,
וואָס ער האָט אין חלום זיך אויפגעשטעלט;
האָט ער פאַר די אויגן דעם גאַנצן הימל;
און זאָל כאַפּן דער רוח די פּאַסקודנע וועלט
מיט פריסט און מוסר־זאָגער!

אין שוויים פון דיין פּנים זאָלסטו דיין ברויט פאַרדינען,
און תיכּף ווייזן זיי דיר וואו סע שטייט,
און גרייט זיינען זיי דיך אין שטיקער צערייסן, —
דידאָזיקע בעסטיעס אין שוואַרצן קלייד —
אַז דו פייפסט פאַר זיי אוים די „מאַרסעליעזע“!

1924

דאָס קלאָג ליד פון דעם לעצטן קעניג

איך האָב באשטעלט א קרוין,
וואָס זאָל אינגאנצן איבערגעבן מיין קאָשמאַר, —
דאָס וואַלד־פייער, וואָס ברענט אין מיר,
און וואָס האָט מיר געבראַכט דער גאָלדשמיד מיינער, —
א טאָפּ וואָס בלישטשעט ווי א ליסע קאָפּ —
א סאַמאָוואַר א מעשענעם.

און ווען איך וואָלט אפילו אויפן קול געוויינט —
וואָס קומט אַרויס, אַז לעבן מיר באַם קראַנקנבעט
דער הויפדאָקטאָר
שטייט מיט באַקן אָט־אַזוינע צוויי
ווי ער וואָלט ערשט אַריינגעשטופּט אין זיך
אַ גאַנצן זאָדיק פון אַ שוויין אַ יונג־געקוילעטן. —
אָ גאָט מיינער, דו גוטער!

און וואָס — אַז איך וועל אַ געשריי טאָן אין מיין צער,
אַז אַלע מיינע דינער לאַכן אַזוי הילכיק־בלינד,
ווי דאָס שטיק בלעך וואָס קרימט זיך נאָך אַ דונער
אויף דער בינע הינטער די קוליסן.

און וואו זיינען די הויפלייט, —
זיי — די קלוגשאַפט פון מיין קעניגרייך?
אין גאָרטן שטייען זיי אַרום דער קעניגין
און שמעקן זי אַרום ווי הינט אַ צויג

און ניסן, ווי די קירזשנערס,
איבער טכוירן־פּעלן וואָס צעקריכן,
און שיסן זיך מיט בעבלעך אין אויערן
ווי קינדער נארישע;
און סע ווייזט דאָך שוין אַ יעדער שטיין
אין אָט דעם קיניגלעכן הויז מיינעם;
און בלויז דער קוימען אויפן דאַך
איז ענלעך צו דעם צער וואָס רייסט זיך
מיט איין אָטעם צו דער הויך
ווי איבער אים דער רויך — צו ליכטיקייט און גאַרנישט.

1924

יעזוס צו די קינדער

צום שפּיל פון אָוונטווינט האָרכט איינער.
איינער דרימלט באַם שוועל מיט זיין ווייב;
און יעזוס ווייזט די קינדער אין גאָרטן
זיין וואַקסנגעל און וואונדיק לייב.

און אזוי ווי די וואָלקנס אין אָוונטשיין, האָרכן
די קינדער אונטער דעם רויטן בוים;
און יעזוס מיט אָפענעם האַרצן צום הימל
און די ליפּן זיינע רירן זיך קוים.

— מיין מאַמע, די הייליקע יונגפרוי מאַריא,
נאָך איידער איך בין געווען אויף דער ערד,
האָט איינמאָל גאָט אין אן אָוונט אַזויגעם
זי אינמיטן מדבר וויינען געהערט.

און ניט צו פאַרשעמען גאָט און דעם קראַנקן
האָט ער געטראַכט אז אַ וואונד איז אויך
דאָס אויג וואָס זוכט אין האַרץ פון באַשערטן
דעם אָוונטשטערן פון בלויער הויך.

— מיט אירע ציטריקע הענט, מיטביידע,
איבער איר יונגער מוטער שוים —
האָט זי אַרויפגעוויינט צום הימל
מיט אויגן ווי פייער אָפן און גרוים.

— האָט גאָט דעם דאָרשט פון איר האַרץ באַנומען
און געוואָלט מיט איר אַ חסד טאָן,
האָט ער באַם אויפגאַנג פון אָונטשטערן,
געפרעגט באַ איר, צי זי וויל אַ זון.

— האָט זי אָפּגעטאָן אין שיין פון אָוונט
דאָס קלייד, וואָס זי האָט אויף זיך געהאַט.
האָט גאָט געזען זי פּאַרטונקלט זיין הימל,
און געשיקט צו איר אַ קראַנקן סאָלדאַט.

— איצט איז שענער מיין קרוין פון אָוונטשטערן,
און בלויער פון הימל איז מיין קלייד:
נאָר די וואונדן מיינע בלוטן, ווי וואָלקנס
ארום דער זון, ווען זי פאַרגייט.

— און באַנאַכט ווען די בענקשאַפט קומט ווי אַ חלום
בלייב איך אין דרויסן אַליין און פאַרשעמט.
און איבער מיר אין דער הויך די לבנה,
ווי איבער אַ קבר בלייך און פרעמד.

— אָ, קינדער, איר מיינע ליבע און פרעמדע,
איך האָב ערד אַביסל פון הייליקן לאַנד;
אפשר קענט איר אַ פרוי וואָס האָט דאָ ניט קיינעם
און זי וואָלט דאָס גענומען פון מיין האַנט.

— אפשר קענט איר אַ בלינדן, וואָס וואוינט דאָ ערגיץ?
אַזוינער קען הערן אַ שפּין אויפן גראָז;
זאָל ער אויסשפּילן פאַר מיר אייער שיינקייט,
וואָס ברעכט מיין אויגנליבט, ווי גלאָז.

— זאָל ער הערן דאָס געוויין פון מיין נאָמען,
וואָס האָט בלייבן געדאַרפט אויף אַ קינד נאָך מיר.
די ערד, דער הימל, די וועלט איז מיינע —
אַלצדינג איז מיינס, אָבער נאָר ניט איר.

1927

דער פויגל מערציפינט

1.

דרייצן שוואַרצע און ווייסע מכשפות
האָבן זיך אויסגעגראַבלט די אויגן
נעכטן ביינאַכט אין מיטן שטאָט.
נאָר איבער זיי אין דער הויך אין אַ ראָד
איז דער בלוטיקער פויגל מערציפינט
ווי אַ פייער אין אַווירבל ווינט,
אַרומגעפלויגן.
די חכמים האָבן דאָס אויסגעטייטשט
אַז דרייצן מאָל דרייצן חילות וועלן
זיך אָנרוקן אויף אונדזער לאַנד,
אַזוי ווי אַ פייערדיקע וואַנט
אין מיטן דער נאַכט.
אָבער מיין אייגענער שטומער שאָטן,
וואָס האָט מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן
האָט פּאַמעלעך צו מיר זיך צוגעבויגן
און מיט רייד, ווי מען וויינט אויף אַ מענטש, וואָס איז טויט,
האָט ער מיר וויינענדיק פּאַרטרויט,
אַז איך אַליין האָב דאָס אויסגעטראַכט,
ווייל מיין אייגענע זעל אין מיר איז קראַנק,
ווי דרייצן שוואַרצע און ווייסע מכשפות.
און ווייל דאָס פייער פון מיין אונטערגאַנג
פרייט זיך אין מיר, ווי אין ווירבלווינט,
דער בלוטיקער פויגל מערציפינט.

וואָס איך האָב אים אויסגעטראַכט אין אַ ראָה,
אַזוי ווי אַ פּייער איבער דער שטאָט,
ווייל איך וויל ס'זאָל ניט בלייבן אַ שטיין אויף אַ שטיין
אין דעם פּייער, וואָס זי וועט אונטערגיין.

2.

אָ ברידער מיינע!
ווער עס וויל מיין פּאַיאַצן־מיץ מיט די זילבערנע גלעקלעך,
ווייל ער מיינט, אַז ס'איז גוט געפעלן צו ווערן,
אפשר ווייבער, וואָס זעען אויס ווי שמוגלערס אין די בוזעמס
מיט פּעקלעך
זאָל ער וויסן, אַז איך גיב אים דאָס אָפּ מיט מיין טיפּסטן פאַרנויג
און איך שענק אים (אויב ער באַדאַרף נאָר) אַפילו מיין פּויק.
און איך לערן אים אויס, ווי צו קלאַפּן אַזוי מען זאָל הערן,
און מען זאָל זען, אַז פון היינט אָן איז ער דער נאַר,
אויב עס פאַלט וועמען איין אים אָפּצוגעבן כבוד דערפאַר.
איך אַליין וועל צוריקגיין אַהיים און מיט אַ פאַרקאַטשערטער פּאָלע,
ווי רב משה דער אָרימער קברן פון ביאַלעקאַמען
וועל זיך אַוועקשטעלן דאָרט באַ אַ פּעסל מיט סמאָלע
אויפן מאַרק דעם אַלטן. און אַז סע וועט קומען אַן אָרימער גוי
באַ וועמען כ'על זען אַז סע סקריפּעט זיין וואָגן אַזוי,
ווי באַ מיר די נשמה, וועט ער קענען באַ מיר
די רעדער אַרומשמירן, אַלע פאַרבלאָטיקטע פיר
פאַר אַ האַלבן גראָשן, און זיך ווייטער פאָרן
געזונטערהייד וואוהין ער וועט וועלן.
לאָמיר זאָגן קיין סאָסאָוו, אויב סע וועט אים געפעלן,
אָדער אפילו קיין סטרעמבליע צי גאָר קיין פּאָמאָרן.

1924



אין דער וועלט

ווער האָט שוין פאַרנומען דאָס הונגערליד,
וואָס דער וואָלף זינגט, אין ווייסן סטעפּ, באַנאַכט ?
ווי אַ שטערן נאָענט פון דער ווייסער ערד,
וויינט אַ פּייערל ערגיץ אין דער ווייט,
און אַהין מיטן האַלדז און מיט אויגן, ווי בלוט,
זינגט דער וואָלף אין סטעפּ זיין הונגערליד.
און נישט חיים הייסט דער וואָלף אין דער וועלט ;
און נישט סטעפאַן הייסט דער וואָלף אין דער וועלט
און ער האָט נישט קיין ווארימע היים אין דער וועלט, —
בלויז די אויפגעשטעלטע האָר אויף זיין פעל
באַ דער שיין פון לבנה׳ס בלוטיקן גאָלד
און אַזוי ווי אַ גאָלדענער ים זעט אויס אָרום אים
די ווייסע פוסטקייט אין מיטן דער וועלט — — —
און די גלידער זיינע בענקען נאָך רויב,
ווי אַ שטאַרבנדיקער נאָך ליכט אין דער פינצטער. — —
און וויים ווי זיינע ווייסע ציין,
וויינט דער אָטעם, וואָס פאַרעט פון אים אַרויס
באַ דער לבנה׳ס בלוטיקן גאָלד. — — —
און יעזוס האָט דאָך נישט אויסגעזען אַנדערש,
ווען ער איז אויף די וואַלן פון ים
באַ דער לבנה׳ס בלוטיקן גאָלד
מיט אויגן, צום הימל, אַרויפגעשטרעקטע
געשטאַנען — איינער אַליין.

1924

דער אַלטער פּירער ווײַנט

די גנבֿ'טע פּרינצעסן וואַנדאַראַ
האָט געבראַכט מיר ייִדענע אונטערהויזן
אָבער איך האָב געוויינט — וואָס טויג מיר דײַן זײַדנס,
אַז איך פאַל (ווי אויף אַ קאָפּ אַ בלויזן
אַ שטיין וואָס מען וואַרפט) פאַרטאָג אַנידער?
צו זײַן אַ פּירער פון יוניאָן־ברידער —
ניט גוט, וואַנדאַראַ.

אָט נעכטן ערשט: דער געשטופּלטער מאַקסל
אינאיינעם מיט דזשימין, דעם ממזר דעם קרומען,
געבראַכט מיר באַנאַכט אַ פאַרוואָגלט מיידל,
וואָס זיי האָבן פון גאַס אַהיימגענומען.
און זיי טוען זי אויס בײַ מיר טאַקע דאָרטן
און מען שפּילט אויף איר נאַקעט לייב אין קאָרטן.
ניט גוט, וואַנדאַראַ.

ז'איז געלעגן מיטן האַרץ אַרונטער.
כ'האָב געוואָלט זי זאָל אויפלעבן אַביסל,
זאָל זי וויינען, צי שילטן אַפילו,
אָדער שטופּן אַ לאַפּע צום געלט אין שיסל.
זי אָבער — זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן —
איך גיב אַ קוק, זי איז איינגעשלאָפן.
ניט גוט, וואַנדאַראַ.

און אַפֿילו די ווערטלעך פֿון אונדזער דזשימי
האָבן ניט געהאָלפֿן. מיטן קאָפּ אַרונטער,
אַזוי ווי אַ הילצערנע איז זי געלעגן.
ניט אַנדערש, כאָטש נעם און צינד זי אונטער,
און דער הילך פֿון די קאָרטן אויף איר און דאָס לאַכן
ווי אַ טיר וואָס דער ווינט האַלט אין איין פֿאַרמאַכן.
ניט גוט, וואַנדאָראַ.

ערשט העט פֿאַרטאָג, מיט פֿייער באַם נאָזלאָך
און באַם בריסטל וואָס איז פֿון בעט געהאַנגען
האָט מען דערזען אַז זי איז אַ טויטע.
קען זיין — ז'איז פֿון הונגער אויסגעגאַנגען
אָדער גאָר מיר האָבן — אַ שד זאָל ווייסן —
מיט אונדזערע קאָרטן זי צום טויט פֿאַרשמיסן.
ניט גוט, וואַנדאָראַ.

נאָר מוידן פֿאַראַנען געגוג אָן אַרבעט.
כ'על קויפֿן אַ הייזל מיט פֿאָרהענגלעך ווידער.
זיי האָבן זיך אָנגעהויבן בריקען
די בהמות, מיינע יוניאָן־ברידער,
נאָר איך האָב זיי אַזוי טאַקע אויסגעמאָלקן,
ווי די זומער־זון מעלקט אוים דעם וואָלקן.
ניט גוט, וואַנדאָראַ.

ליד

נישט גאָט. ס׳איז דאָ אַן אַנדערער וואָס נעמט זיך אָן
און איר באַצאָלט פאַר אַלץ, וואָס איר האָט אָפּגעטאָן.
פאַר איטלעך ברויט אונדזערס צעוואָרפן אויפן מיסט
האָט ער אַ פעלד אייערס פאַרדאָרבן און פאַרוויסט.
פאַר איטלעך הויז אונדזערס האָט ער אַ לאַנד פאַרברענט,
און ציילט די קאַליקעס מיט אָפּגעהאַקטע הענט,
און ציילט די טויטע אויף די טויטע און זעט צי עפּעס פעלט;
פאַר איין קאָפּ טויזנט קעפּ און ער האָט גוט געציילט!
און ווייִ צו אייער האַס ער איז שוין איצט אַ טייך
וואָס איז פון ברעג אַרויס און קערט זיך אום צו אייך.
אומזיסט וואָס איר אַנטלויפט. וואוהין איר וועט אַוועק
וועט לויערן אויף אייך דער הונגער און די שרעק.
ביז איר וועט וואָיענדיק אין אייער וויסטן פּיין
זיך דורך דער וועלט — ווי מיר וואַלד אויס וואַלד איין,
ביז איר וועט אָנפאַלן מיט פויסטן און מיט ציין
אויף אייער בלוט און פלייש אויס האַס צו זיך אַליין.
און ביז איר וועט אַליין זיך רייסן ווי די הינט
אַרום דעם לעצטן ביין פון אייער לעצטן קינד.

אַזוינע בעסטיעס

פּאַר מאַמעס און שול־קינדער אין די אויגען,
האָט מען דאָס גאַסנוויב דערהויבן.
און זיבן טויזנט גנבים און רויבער
זיינען געקומען, איר נאָמען צו לויבן.
מיט פּאַטערלאַנדס פאָנען און מיט אַזאַ געשריי,
וואָס האָט זיך געהויבן אַזוי ווי אַ ים איבער זיי.

בלוט! — דאָס אַלץ וואָס מען האָט פאַרנומען
און זייער געזאַנג, וואָס האָט זיך געריסן
מיט הענט איבער קעפּ, וואָס האָבן ווי שלאַנגען
אין הימל זיך אַריינגעביסן.
און איבער זיי אַלע דער הונט, דער פּריסט,
וואָס האָט זיי אין נאָמען פון יעזוס דעם אויסלייזער באַגריסט.

זאָל ער אויפשטיין פון קבר דער איד, דער פאַסקודנער,
און זאָל ער זיי שפּייען אין פּנים, און זאָגן —
נאָר עס וואָלט דאָך אַפילו דער שטאַרקסטער שטורעם
אַזוי גיך קיין קופּקעלע מיסט נישט צעטראָגן,
ווי גיך עס וואָלט דעמאָלט זיין געביין
צעריבן געוואָרן אויף שטויב צווישן זייערע פויסטן און ציין.

נאָר איך — באַ דער ערד וואָס זיי שענדן מיט זייערע פּיאַטעס
און באַם האַרץ פון דעם יונג, וואָס ווערט פון זייערע געשרייען

פאַרגוואַלטיקט, ווי אַ מויד פון אַ זעלנער אַ וויסטן —
איך שווער, אַז אויב עס וועט קומען צום קריג, וועל איך לייען
באַם קיניג דעם ערשטן, זיין האַרץ פאַר מיין שפּיז.
זאָל ער ווייזן ווי שיין ס'איז דער טויט פאַר אַ פּאָן, און ווי
הייליק דאָס איז.

און מיין קליינטשיקן זון — נאָר אים דאַרף איך גאָרנישט
מער זאָגן,
ער וועט שוין אַליין! — פאַרסאַזשעט באַם פייער,
און ברוין פונם קאָפּ ביז די פיס ווי פון קופּער געגאָסן,
וועט ער (צו דעם בלוט פון זיין שטאַם, אַ געטרייער)
פּועל'ן באַ זיך, אַז זיין נאָמען זאָל אָפּגעמעקט זיין פון דער ערד —
איידער צו קאָווען פאַר וועמען אַ שפּיז, צי אַ שווערד.

1924

מאַך פאַר אים רעוואָלוציע, מאַך פאַר אים!

די גוליע אויפן שטערן?
וועמען גייט עס אָן?
אַבי ער איז דער ערשטער דאָ
ווען יענער — ווען ר'עט עפענען די טיר — אים מוזן זען.
— איך וואַרט שוין דאָ.
(וועט ער מיט טרערן אין די אויגן בעטן זיך)
פון זייגער פיר פאַרטאָג.

און אַז מען וועט בײַ אים אַ פרעג טאָן,
צי ער האָט שוין בײַ שמאַטעקלייבעריי געאַרבעט?
אודאי האָט ער שוין בײַ שמאַטעקלייבעריי געאַרבעט;
נאָך אין דער אַלטער היים,
אין דער פאַפיר פאַבריק בײַ דעם משומד סעלצער.
אַן אויסטערלישער מענטש געווען.
פלעגט אַרומגיין מיט די הענט אויף הינטן, הין און קריק,
און דעם, און יענעם גלאַט אַזוי אויף שפּאַס אַ פרעג טאָן —
צי האָט מען טאַקע ליב אַ קוגל, וואָס ס'רינט פון אים דאָס שמאַלץ—
און צי מען גיט טאַקע אין האַנט אַריין אַ גאַנצן ראַניש
דעם רבי'ן, דעם פאַרכאַטע זשיד.
און כאָטש ער האָט דאָס גאַנצע שטעטל שיר
אויף בעטלברויט געבראַכט, ווען ער האָט אָנגעזעצט.
האָט ער — אַליין שוין מיט אַ פנים פון אַ מת — נאָך אַלץ געלאַכט;
— מען וועט שוין מער ניט האָבן וואָס אין האַנט אַריינצושטופּן

דעם רבי'ן, דעם פּאַרכאַטע זשיד,
וועט ער פּאַר הונגער פּגרן.

— צי רעדט ער באַ דער אַרבעט אויך, און שלעפּט די הויזן
אַט־אַזוי־ווי־איצט?
— זאָל גאָט אים אויסהיטען, ער איז דאָך ניט קיין „צאַצעליסט”
וואָס וויל מען זאָל אים פּאַר אומזיסט באַצאָלן.
ער גייט אַ לייבצודעקל אָנגעטאָן.
און זאָל ער אַזוי האָבן, וואָס ער דאַרף,
ווי ער קען זיין להבדיל, ווי אַ הונט געטריי.
ער טוט אפילו נישט קיין שפּיי קיין איבריקן
בעת ער אַרבעט.
וואָס ער וויל איז בלויז, דער מייסטער־לעב זאָל אים דערלויבן
דעם קאַפּעליוש ניט אויסצוטאָן.

— פאַרוואָס?
— נישט ווייל ער איז אַזוי פרום חלילה, דוקא,
דאָס דאַרף מען גאָר אפילו וועגן אים נישט טראַכטן.
ער שעמט זיך בלויז מיט אַט־אָ־דעם־אַ אויפן שטערן —
ער ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי ער האָט עס,
אַזוי ווי איבער נאַכט איז דאָס אים אָנגעוואָקסן,
דער דאָקטאָר זאָגט, אַז ס'איז אַ פּראָסטע גוליע בלויז —
נאָר אַז ער האָט אפילו נישט אויף ברויט, פאַר ווייב און קינדער
(גאַנצע זיבן זאָלן זיי אים זיין געזונט)
ליגט אים נישט אין זינען אַזאַ נאַרישקייט.

און אָט אַזוי טאַקע, — מיט איינגעבויגענע קני,
און מיט אַ קאַפּעליוש ביז איבער די אויגן,
און מיטן קאָפּ צווישן די אַקסל
און מיט אַ בערדל אויך, וואָס גיט נישט צו

דעם מינדסטן חן, צום פּנים וואָס איז בלייך,
שטייט אַ מענטשעלע אַ קליינס, פאַרטאָג,
אין פינצטערן קאָרידאָר,
אַן אָנגעשפּאַרטער באַ דער טיר פון שמאַטעקעלער.
וואָס איז דאָס אייגנטום
(ווי סע לייענט זיך אויפן שילד, באַם פייער פון אַ שוועבעלע)
פון לאַנדסמאַן זיינעם, דזשייקאָב פלעיבאיד —
אַן אייניקל (ווי ער האָט זיך דערוואוסט)
פון יענעם חדר־רבין
וואָס האָט באַ אים אַמאָל אַ פּאה אויסגעריסן —
רב יאַנקל שפּילפויגל,
אַזוי האָט ער געהייסן — — — —
יע — — —
רב יאַנקל שפּילפויגל.

גענאַג

ס אָ ל אָ;

גייט באָרווים דער פּרעזידענט פון פּוילן.
שמייסט מען דעם פּויער אויפן הוילן.
און מיר דערווייל קלאַפּן פּלעקלעך אויף זוילן
מיר, די סמאָלע קעפּ, מיר, די יאַטן,
מיר קלאַפּן פּלעקלעך, פּלעקלעך אויף זוילן
און לאַטען שטיוול פון שונאים־טויטע,
פאַר אונדזערע רויטע, פאַר אונדזערע רויטע,
פאַר אונדזערע רויטע, פאַר אונדזערע רויטע,
— רויטע וואָס?!
סאָלדאַטן
אַ רוח אין אייער — — — —

כ אָ ר:

הוסא, האפּסאסא, האפּטשי.
אונדזער מלך וואוינט שוין ניט הי.
זיך איבערגעפרעסן מיט קאַשע פּיראָגן,
האָט ער געזעען ווינטן יאָגן,
האָט ער געזעען וואָלקן יאָגן,
איז אָנגעפלויגן היצימגעצים
בוצינאַקן,
באַצימבאַקן!...
איז אָנגעפלויגן פּיף, פּאַף, פּיף

מיט זיין גרויסער וואָלקנשיף,
האָט דעם מלכ'ס קאָפּ דערלאַנגט אַ פּלי,
איילמאַלייראַכמים באַזשעצאַראַכראַני.
הו —
הא —
האפּטשי.

ס אָ ל אָ:
זאָל דער ווינער מיט הענט און פיס ווי ריטלעך
זיך דרייען דעם קאָפּ, וואו נעמט מען קוויטלעך,
מיר, דערווייל, דרייען און נייען היטלעך,
מיר, די קירזשנער, מיר די יאַטן,
מיר דרייען איבער אויף נייע היטלעך
די אַלטע היטלעך פון שונאים־טויטע,
פאַר אונדזערע רויטע, פאַר אונדזערע רויטע,
פאַר אונדזערע רויטע, רויטע, רויטע.
— רויטע וואָס ? !
סאָלדראַטן
אַ רוח אין אייער —

כ אָ ר:
הוסאַ, האָפּסאַסאַ, האָפּטשי — — — —

ס אָ ל אָ:
זאָל דער דייטש זיך אַרומגיין מיט אַ בלויזן,
און זינגען פון פיילכען און פון רויזן.
מיר, דערווייל, נייען גוטע הויזן
מיר, די לאַטוטניקעס, מיר די יאַטן,
מיר, דערווייל, נייען גוטע הויזן
און לאַטען גאַטקעס פון שונאים־טויטע,

פאַר אונדזערע רויטע, פאַר אונדזערע רויטע,
פאַר אונדזערע רויטע, רויטע, רויטע.
— רויטע וואָס ? !
סאָלדאַטן
אַ רוח אין אייער —

כ אָ ר:

הוסאַ, האָפּסאַסאַ, האָפּטשי — — — —

ס אָ ל אָ:

און אַז ענגלאַנד האַלט אויפן ים אַן אייגל,
און פראַנקרייך כאַפּט אין מאַראָקאַ פייגל,
וואָס אַרט דאָס אונדז ? — מיר באַקן בייגל
מיר, די בעקערס, מיר די יאַטן.
וואָס אַרט דאָס אונדז ? מיר באַקן בייגל
פון מעל, וואָס מיר האָבן פון שונאים טויטע,
פאַר אונדזערע רויטע, פאַר אונדזערע רויטע,
פאַר אונדזערע רויטע, רויטע, רויטע.
— רויטע וואָס ? !
סאָלדאַטן
אַ רוח אין אייער —

כ אָ ר:

הוסאַ, האָפּסאַסאַ, האָפּטשי — — — —

זאָל געוואַלדעווען דער אינטער־ דער צווייטער,
ווי אין אַ דול־הויז אַ ווייסטער צעדרייטער, —
מיר מאַכן אַ פויק מיט אַ טראָמייטער.
מיר, די שטרומענטניקעס — מיר די יאַטן,
מיר מאַכן אַ פויק מיט אַ טראָמייטער

און פארריכטן די פייפלעך פון שונאים טויטע
פאר אונדזערע רויטע, פאר אונדזערע רויטע.
פאר אונדזערע רויטע, רויטע, רויטע.
— רויטע וואס ? !
סאלדאטן
א רוח אין אייער —

הוסא, האפסאסא, האפטשי — — —

אוים פרינצן

טענאָרן:

מיר זיינגען די ריטער באַם שיין פון די שטערן,
באַם שיין פון די שטערן.
מיר זינגען צו שיינע פרינצעסינס וואָס הערן,
אויף גאָלדענע לייטערס באַם פענצטער צו זיי,
באַם פענצטער צו זיי.
באַנאַכט זייגער צוועלף, זייגער איינס, זייגער צוויי
אַ צומבאָלי, צומבאָלי, צומבאָלי־צום,
אַ עפן דיין פענצטער, אַ מיידעלע קום,
אַ צומבאָלי, צומבאָלי, גיב מיר דיין האַנט
און לאָמיר שפּאַצירן אין צומבאָלי־לאַנד,
אין צומבאָלי־לאַנד.
אַ צומבאָלי, צומבאָלי, צומבאָלי־צום,
אַ קום צו דיין ריטער, אַ מיידעלע, קום
צום־צום.
אַ קום צו דיין ריטער, אַ מיידעלע, קום,
צום־צום,
צום־צום,
צום־צום.

באַר:

אַ צומבאָלי — — —

סאָפּראַנען:

וואָס טויגן אונדז ריטער מיט גאָלדענע שפּאָרן,
מיר וואוינען העט־העט אויפן זיבעטן גאָרן,

און לייטערס צו אונדז צו די פענצטער ארויף,
צו די פענצטער ארויף.
אַ בלויז ווען עס ברענט באַ אונדז שטעלט מען זיי אויף,
אַ טראַלאַלאַ, טרילילי, טרולו־לו־לו.
גיי ריטערל, גיי דיר, ניט שטער אונדז די רו;
מיר וואוינען אין שטיבעלעך פינצטער און קליין
און בעטלעך — קוים וואָס מיר שלאָפן אליין,
מיר שלאָפן אליין,
אַ, טראַלאַלאַ, טרילילי, טרולו־לו־לו.
גיי ריטערל, טרילילי, טרולו־לו־לו.
לו־לו;
גיי ריטערל, גיי דיר, ניט שטער אונדז די רו,
לו־לו,
לו־לו,
לו־לו.

ב אָ ר:

אַ טראַלאַלאַ — — — — —

ב אַ ס ן:

אוועק מיט דער נאַכט און אוועק מיט די ריטער,
אוועק מיט די ריטער;
מיר שוסטער און שמידן און שניידער און שניטער,
מיר ווילן אַ טאָג מיט אַ זון און מיט ברויט,
מיט אַ זון און מיט ברויט;
און מיידלעך מיט באַקן געזונט און רויט,
אַ וואנדי־וויוואַמוס, אַ ווידי־וואו־וואום,
אבי נאָר מיר גייען נישט ליידיק אַרום;
אבי נאָר באַ אונדז זיינען פיס נאָך פאַראַן,
איז אַ גאָרנדל העבער, איז נאָך מיר אַ שפּאַן,
איז נאָך מיר אַ שפּאַן.
און עפנט דאָס מיידל איז ווידי־וואו־וואום,

און וויל זי ניט עפענען, גיט מען א ברום,
וואר־וואום.
און וויל זי ניט עפענען גיט מען א ברום
וואר־וואום,
וואר־וואום,
וואר־וואום.

כ אָ ר:
אַ וואנדי־וויוואַמום — — — — —

ס אָ פּ ר אַ נ ע ן:
אַ שניידער, אַ שניטער, אָט דאָס וואָס מיר ווילן,
אָט דאָס וואָס מיר ווילן.
מיר ווילן זיך מער שוין אין חלום ניט שפּילן,
מיט ריטער און פּרינצן וואָס טויגן אונדז ניט,
וואָס טויגן אונדז ניט;
מיר ווילן אַ ליבסטן אַ שוסטער, אַ שמיד;
דער שוסטער מאַכט שיכלעך, טרולו־לו־לו;
דער שניידער — ער שניידט אונדז אַ קליידעלע צו;
דער שניטער — צום ברויט, ברענגט אונדז בלימעלעך מיט.
און דער שמיד נאָך דער אַרבעט, וואָס טוט ער, דער שמיד?
וואָס טוט ער, דער שמיד?
אַ טראַלאַלאַ, טרילילי, טרולו־לו־לו.
דער שמיד וויגט דאָס קליינינטשקע שמידעלע צו.
לו־לו.
דער שמיד וויגט דאָס קליינינטשקע שמידעלע צו.
לו־לו,
לו־לו,
לו־לו.

כ אָ ר:
דער שוסטער מאַכט — — — — —

האַמער, סערפּ און שטערן

אַ לויב דער קראַפט אין דער מאָרגנזון,
דער קראַפט — אונדזער ברידערשאַפט;
אַ לויב דעם ים און די כוואַליעס די בערן,
די רויטע גליענדיק־ריזיקע בערן,
וואָס טאַנצן צום לעצטן, צום לעצטן שטערן,
צום מאָרגנשטערן, צום מאָרגנשטערן,
אַ לויב, אַ לויב דער קראַפט.

אַ לויב דער פויסט אין דער מאָרגנזון
באַם האַמער, באַם ערשטן הויב;
אַ לויב צו די האַמערס וואָס זינגען צוזאַמען,
אין אַלע געזונטע פויסטן צוזאַמען,
ווי כוואַליעס פון ים צו דער זון אין פלאַמען,
צו דער מאָרגנזון אין וואַלקנפלאַמען, —
אַ לויב דעם האַמער, אַ לויב.

אַ לויב דעם פעלד אין דער מאָרגנזון
און דעם סערפּ, דעם שניטערס הערב;
אַ לויב צו די טויזנט מילן וואָס זינגען,
ווען פורן און באַנען און שיפן שפּרינגען
מיט ברויט איבער ים און לענדער שפּרינגען, —
אַ לויב, אַ לויב דעם סערפּ.

אַ לויב דער פּאַן וואָס ברילט אונדזער ליד.
איבער טייוול, גאט, און טראָן;
אַ לויב דיר, ברודער, דו אונדזער געטרייער,
וואָס שפּאַנט פאַראויס מיט דער פאָן אַ געטרייער,
פאַראויס מיט דער פאָן קעגן פיינט און פייער
אונדזער בלוט אין קאַמף, אונדזער האַרץ אין פייער — —
די פאָן, די פאָן, די פאָן.

פעברואַר, 1926.

אין אָוונט ווען די גלאָקן קלינגען

אין דרויסן אין דער אָוונט זון, מיט האָר אין ווינט, און בלייכע הענט,
און מיט אויגן אָנגעצונדענע און מידע דורך די ברילן,
פֿאַרשט אויס מײַן פֿרײַנט דער קריטיקער אַ ליד, אין בוך מײַנעם,
דעם גרינעם, וואָס איך האָב אויף דער גאָרטנבאַנק געלאָזן —
און איך אינאײנעם מיט מײַן זונעלע דעם שײנעם
עסן מײערן צעריבענע, ווי שטיקלעך אָוונטוואָלקנס,
פֿון שיסל אַרויס, באַם אָפֿענעם פֿענצטער,
מיט אַזויפֿיל הימל איבער אונדז, אַז בײדע קוקן מיר זיך אָן
און לאַכן אויף אַ קול.
און דאָס אַליין באַווײַזט דאָך שוין, אַז גאָט איז אַלץ, און
גאָרנישט ניט,
און אפֿשר טאַקע זײער גרויס און גוט.

פֿונדעסטוועגן, אויב ער איז טאַקע גרויס און גוט, וואָלט ער דאָך
איצט געדאַרפֿט — דאָס זאָג איך שוין צו זיך אַליין — אַ שטעקן
ערגיץ־וואו אַ נעם טאָן,
און ווי אַ פֿרעמדע קאַץ, פֿון טעפּל פֿרישע מילך,
פֿאַרטרײַבן יענעם פֿון דער גאָרטנבאַנק — וואָס לויבט מײַן
בוך — און אויף זײַן אָרט
אַנידערזעצן זי, די בלײַכע פֿרוי די וואונדערלעכע
וואָס אַלע מײַנע יאָרן בענק איך שוין נאָך איר,
און וואָס איך האָב זי — אַזוי וואָר איך בין — נאָך קײנמאָל ניט
געזען אַפֿילו.

איר קלייד קומט אוים בא מיר איז שווארץ, און לאנג ביז
צו דער ערד אראפ —
דאס וויל אזוי מסתם מיין פינצטערניש וואס איך האב ליב אין מיר,
די רויטע בלומען אויסגענייט ארום זוים —
דאס ביסל ליכטיקייט אין מיר, וואס איך האב אויך ניט פיינט.

און וואלט די פרוי די ליבע דא געווען, וואלט איך אודאי איצט
פארחלומט, ווי א קינד אין אוונט, אויף איר שוים
מיין קאפ ארויפגעלייגט —
צו זינגען עפעס — ווי עלעהיי
אין דרויסן אויפן בוים דער פויגל, וואס מען זעט אים ניט.

ס'איז נאר א שאד, ער וואַרפט אזא מין טרויער אן, אז ס'קען
זיך אויסדאכטן
ער איז שוין אלט, און האט א הויקער ווי א מענטש להבדיל,
און אז דאריבער זעט ער אוים איינגאנצן אנגעבלאזן,
ווי דאס פנים בא מיין זונעלע,
וואס האט ארייגעשטאפט אין מויל, דא איצט,
דאס גאנצע ביסל מייערן צעריבענע —
ווי אוונטוואלקנס פונם שיסעלע פאר מיר און אים.

און דאס באווייזט דאך אונדז, אז דער וואס שטראפט דעם
הונגעריקן,
איז אויך גערעכט —
מען טאר זיך ניט פארטראכטן ווי א גולם.
אנומעלטן האב איך געזאגט דאס אייגענע
אויף א באנקעט לכבוד מיר.
— עס דארף זיין שלום אויף דער וועלט — האב איך געזאגט,
און גלייך איך וואלט א פייער אנגעצונדן,
מיט פלעשער אין די הענט האט מען געשלאגן זיך,

און זיך די פּנימ'ער אַזוי צעביילט
אַז זיי האָבן שיר ניט אויסגעזען ווי אויפן טיש די קוישן,
פול מיט עפּל.
און מ'האָט אַפילו ניט געשווינט אַ פּרוי אַ שוואַנגערע,
ווען זי איז אומגעפאַלן,
האָט מען מיט לימענעס צו איר זיך צוגעשטופּט
און זי שיר אויף טויט צעטראָטן.

מער פון אַלץ אָבער האָט מיך גערירט
דאָס וויינען אַרום איר,
קוים וואָס איך האָב זיי איינגעשטילט.

און וואָס ס'איז וואָר, איז וואָר,
איך בין געווען אַזוי צעבראָכן
אַז שפּעט דערנאָך ווען אַלע זיינען שוין אַוועק אַהיים
האַלב־טויטע, און בשלום דאַכט זיך —
בין איך נאָך אַלץ געזעסן מיט די אויגן
גלייך אין לאָמפּ אַריין —
אַזוי ווי איצט דאָ, אין דער זון אַריין וואָס לעשט זיך.

מען דאַרף אַ קוק טאָן אויף מיין בוך.
עס איז שוין רויט ווי פייער —
נאָר יענער דאָרט וואָס האַלט עס אין די הענט,
האָט איינגעדרימלט שוין —
און רירט זיך ניט.

מיר דאַכט — ער איז מיין שאָטן,

און דאָס באַווייזט דאָך ווידער אונדז,
אַז וועמען ס'האָט די ערד ניט צוגעדעקט

און איבער אים איז ליכט
פֿאַרשפּרייט ער מיטן גוף, זיין אייגענעם,
אַ פּינצטערניש אַזאַ, פֿון הינטער זיך,
וואָס איז ניט איינמאָל גרעסער נאָך
פֿון אים אַליין.

מען דאַרף דאָס פענצטער צומאַכן,
עס ווערט שוין קיל.

די באַלאַדע פון מעסערטאַנץ

1.

ווי אַ פערד אין אַ צירק, ביז די לענדן אין רויט,
אַזוי איז אַרויס דאָס שטיק פייער די מויד,
און אַ זעץ געטאָן איבערן דיל מיט אַ פוס,
אַז עס האָט זיך פון איטלעכנס הענט דער גערוס
אַ וואָרף געטאָן איבער די קעפּ ביז צו איר,
אַזוי ווי דער פּראַל פון אַן אייזערנער טיר,
ווען מע וואָלט פון אַ שטעטל אַ גאַנצן די וועש
געפּראַלעט מיט פּראַלניקעס, קופּער און מעש,
וואָלט זיך זיכער דער רעש אַזוי נישט צעשפּרייט,
ווי די לוסט, די צעררייצטע, צו איר און די פרייד.
און וואָס וואָר איז, איז וואָר: ס'איז געווען וואָס צו זען:
עס זיינען אַפילו צערודערט געווען
די לייט מיט די פּליכעס און מיילער אָן ציין;
ווי באַ ווייבער, וואָס רייבן אויף ריבאייזנס כריין,
זיינען איבערגעלאָפן די אויגן באַ זיי.
און די מויד, מיט די בראָנזענע פיס, מיט די צוויי,
און דעם בראָנזענעם קאָפּ, מיט די בראָנזענע הענט,
האָט טאַקע געטאַנצט, ווי עס וואָלטן געברענט
דאָס האַרץ מיט די אָדערן אונטער איר הויט,
און אַפילו דער אָטעם האָט אויסגעזען רויט.
און באַם בליאַסק פון די ציין האָט זיך שיר ניט געדאַכט,

אַז זי בייסט און צעבייסט דיך אויף שטיק און זי לאַכט,
און זי פלעכט זיך אויס, ווי פון קלאַטשע אַ שטריק,
און אַט וואַרפט זי דיך אָפּ און פאַרפלעכט דיך צוריק
און זי דרייט דיך אַזוי, ווי אַ שלאַנג אַרום שוים.
פון וואַנען עס ציטערט די תאוה אַרויס,
ווי עס ציטערט באמת אַ שקאַפּע, וואָס שרייט
מיט פאַרריסענעם קאָפּ צו דעם אָגער פון ווייט.
און וואָס ווילדער די מויד איז געוואָרן באַם טאַנץ,
אַלץ שאַרפער געוואָרן איז אונטער דעם גלאַנץ
פון עלעקטרישע לוסטערס דער ריח פון שוויים.
און אַזוי ווי אַן אמתע זומער־זון־היים,
האָט די לופט זיך צעפלאַקערט, און כאָטש ס'האָט געבלענדט
מיט פעדערן־היט און מיט צירונג אויף הענט,
און מיט שניפסן און פראַקן, און מיט הענטשקעס פון זייד,
האָב איך שיר ניט געמיינט, אַז איך זע פון דער ווייט,
ווי עס פליט אויף אַן אָגער אַ שוואַרצן, ווי קויל,
מיטן קאָפּ אויף פאָראויס און צעעפנטן מויל,
דער רייטער, — וואָס גיט אים אַ ריס פאַרן צוים,
אַז עס זעצט אַזש פון אָגער מיט פאַרע און שוים,
און עס שפּריצן אים פונקן פון די אויגן אַרויס,
כ'האָב אפילו געזען, ווי עס ציען זיך אויס
די שטויב־וואָלקנס ווייט הינטער אים ביז אַרויף,
וואו עס קומט זיך דער סטעפּ מיטן הימל צונויף,
און דאָ האָב איך כמעט, ווי דער רייטער אַליין,
געבליצט מיט די אויגן, געקריצט מיט די ציין,
און מיט הענט און מיט פיס זיך געפּרעסט און געשטייפט,
און געהאָרכט צו די ווינטן, וואָס האָבן געפייפט.
און מיין קאָפּ וועל איך געבן, אויב דאָס איז נישט וואָר:
מיט אַ באָרד ווי פון דראָט, און מיט וואָנצן און האָר,
וואָס האָבן געבלאַנקט אין דער זון, ווי מיין שווערד

און פֿאַראויס פֿאַר אַ האָרדע פֿון רויבער אויף פֿערד
האָב איך זיך געזען — און אַזוי ווי געזאָגט, —
האָבן ווינטן געפֿייפֿט און אַנטקעגן געיאָגט,
אַז געהילכט האָט מיין רייטמאַנטלס איטלעכער פֿאַלד,
ווי עס וואָלטן ניטגוטע מיט בייטשן געקנאַלט.

2.

העי, ברידער, צעוואָרפֿענע איבער דער ערד —
נישטאָ אַזאַ צאַם פֿאַר דעם שפּרונג פֿון מיין פֿערד.
נישטאָ אין דער וועלט אַזאַ פֿויגל, וואָס זינגט
אַזוי שיין, ווי מיין שווערד, וואָס מיין אָרעם צעשווינגט.
און מיין נאָמען — אַ פֿייער אין ווינט — מיר פֿאָרויס,
פֿאַר רייכע צו זוכן אַ לאָך, ווי די מויז,
און פֿאַר אָרימע דוקא צו וואַרפֿן אויף מיר
מיט בלומען דורך אָפֿענע פֿענצטער און טיר.
און פֿאַר ווייבער, האַ־האָ — פֿרעג די נאַכט, פֿרעג באַ גאַט,
וויפֿיל בלומען ער האָט, וויפֿיל שטערן ער האָט!
פֿרעג דעם חלום, וואָס קומט פֿון פּאַלאַץ און פֿון הייל!
פֿאַרן קיניג אַ לאַנד איבער טויזנטער מייל,
מיט פֿירשטן און פּויערים, וואָס בויגן די קני.
נאָר די מלכה איז שיין, ווי די זון אין דער פֿרי,
ווען זי חלומ'ט פֿון מיר, איר געליבטן, באַנאַכט.
און זעט, כ'האָב אַליין מיר אַ צייכן געמאַכט.
און דער קיניג האָט יעגערס אויף איטלעכן וועג
מיט אויגן און אויערן, ווי ציין פֿון אַ זעג,
און מיט שפּיזן צו מאַכן אַ פֿענצטער אין ברוסט,
און דער קאַרצער פֿאַר מיר איז שוין גרייט און איז פּוסט,
און אַזוי ווי די ראָבן אויף פּאַדלע אַ שטיק,
וואַרט די תליה אין הויף און דער תליון באַם שטריק.

און מיין קאָפּ אויפֿן קאַרק זיצט אַזוי, ווי דער בליץ,
אויף דעם קעניגלעך־פּראַכטיקן וואַכטורעמשפּיץ,
ווען ס׳ברענט אויפֿן מיטן פֿון הימל די זון —
און דער אָדלער האָט פֿליגל און ווייסט וואָס צו טון,
און איבערן וואָלקן דאָרט איז נאָך דערווייל
קיין וועג־ווייזער שילד — נישטאָ צו זיין הייל.

מאָנומענט געטע

אַ דאַנק דיר, מיין וועלט־דיכטער דאָ אויפֿן שטיין,
האָסט דערמאָנט, אַז מיין ליבע פֿרוי האָט מיר
אָנגעזאָגט מיטברענגען בריוו־פּאַפּיר —
ווייל זי קען אונדזער קינד ניט לאָזן אַליין.
ביסט אָנגעטאָן זע איך אין שטיינערנע שיך,
און אויך אין בגדים אַזוינע — מיר דאַכט,
מיך אַרט ניט די שיינקייט פֿון זיי — נאָר איך טראַכט
צי מען קען אין זיי גיין, און צו האַלטן זיי זיך.
איך גיי אַ פּאָר שיך מיט מעקלינטאָן־זוילן,
מיינע הויזן פֿאַבריק־שטעמפּל יאָזעף־בער,
נאָר זיי טויגן ניט — קוים מען גיט זיך אַ קער
איז מען באָרוויס, און מען גייט אַרום מיט אַ הוילן —
מיט אַ הוילן — מיין גרויסער דיכטער.

כ'האָב נעכטן באַם אָונטערוויט טאָקע גערעדט
מיט מיין ליבער פֿרוי וועגן מיר און דיר,
נאָר זי האָט געקוקט מיט זאָרג אויף מיר:
— איך עס ניט, זע איך אויס דאַר, ווי אַ ברעט.
כ'וועל איר זאָגן, אַז איך האָב דיך היינט געזען.
איך מוז נאָר אַ ווייל נאָך אַרומגיין דאָ.
איך מוז אויסזען אינגאַנצן ברוין און בלאָ,
זי זאָל גלייבן, אַז איך בין אויף לופֿט געווען.
כ'וועל איר אויסמאָלן, ווי איך האָב דיך געטראָפֿן
מיט דעם שניי דאָ אויף דיינע אַקסל און הענט,

און אויך ווי דו שטייסט מיט די אויגן געווענדט
צום הימל אהין, וואו די זון ליגט זיך שלאָפן —
ליגט זיך שלאָפן — אַט־וואָס.

צוליב וואָס דו ביסט אויפן שטיין דאָ אַרויף
וועל איך זאָגן, אַז דאָס איז אַ רעטעניש.
איך אַליין, איך קען צומאָל אויפן טיש
ניט אַרויפקריכן — אויב מען הויבט מיך ניט אויף.
איך בין איינמאָל אַרונטערגעפאַלן שוין
און דוקא מיט אַ לאָמפּ אין די הענט,
מען האָט מיך נאָכדעם קוים דערקענט,
מיין פאַרשוואָלענער קאָפּ האָט געבלאַנקט ווי אַ קרוין
און מיין ליבע פרוי האָט געמאַכט גוואַלדן,
אַ מענטש מיט געזונטע פיס און הענט
דאַרף ניט קריכן — האָט זי געזאָגט — אויף די ווענט.
נאָר אַן אַף קען אין דער הויך זיך האַלטן,
הויך זיך האַלטן — אַט־וואָס.

נאָר מיין ליבע פרוי זאָל ניט בייז זיין אויף דיר —
וועל איך זאָגן, אַז לויט דו האָסט זיך פאַרקלערט,
האָסטו בלויז געדאַרפט אַ שווערד מיט אַ פערד
דו זאָלסט אויסזען שיין ווי אַן אָפיציר.
אָדער, ווי אַ פּריסט, ווען ער רייט דורכן שניי
צו אַ קראַנקן, וואָס שטאַרבט, — זיי רייטן אויך,
נאָר זיי האַלטן אַ צלם מיט הענט אויפן בויך.
דאָס דערמאָנט מיך,ווי מ׳האָט אַמאָל געהאַלטן
אַ האַק איבער מיר. איך בין געווען
נאָך גאָר אַ קינד, ווען דאָס איז געשען.
דער גוי האָט געוואָלט מיר דעם שאַרבן שפּאַלטן
שאַרבן שפּאַלטן — אַט־וואָס.

כ׳האָב מיין ליבער פרוי שוין דערציילט פונדערפון,
ס׳האָט געטראָפן באַם שפּאַצירנגיין.
באַם האַנט פון מיין מאַמען האָב איך אויף אַ שטיין
דערזען, ווי עס הענגט אַנטקעגן דער זון
אַ מענש אין גאַרטן, וואָס סע גייט אים בלוט
פון הענט און פיס און פון זיין קאָפּ, —
און ווייל ער האָט געוויינט, ווי ער וויל אַראָפּ,
און קלעטערן האָב איך געקענט זייער גוט,
בין איך אַרויפגעקלעטערט אויבן.
איצט ווייס איך שוין אַלץ. נאָר אַ מענש אויף אַ שטיין
מייד איך אויס, ווען איך זע אים איינעם אַליין.
און ווײנט ער, קען איך אים מער ניט גלויבן,
מער ניט גלויבן — אַט־וואָס.

איך ווייס, ווען מיר ווילט זיך וויינען אַמאָל,
באַדאַרף איך ניט זיין אין דער הויך — נאָר פאַרקערט,
אין אַ ווינקל וואו ניט איז, אויף דער ערד,
בויג איך זיך איין און איך וויין אויף אַ קול —
און די זון איז אינגאַנצן מיר איבריק דערביי.
אַ שריפה פון אַ דערפל באַנאַכט
אָדער גאָר פון אַ שטעטל וואָס איך טראַכט
איז פאַר מיר גענוג, מיט אַ קאָפּ ווי בליי,
אַ מעת־לעת אַ גאַנצן אָפּצווייניצן.
און ווער איך קראַנק פונדערפון — נעם איך איין
צום מאָגן וואָס עס זאָל ניט זיין.
און אַמאָל אויך עפּעס צו קענען שוויצן,
קענען שוויצן — אַט־וואָס.

נאָר אויב עס וועט באַ מיר פרעגן מיין פרוי,
פאַרוואָס דו לאָזט ניט הערן פון זיך,

וועל איך זאָגן, אַז איך האָב גערופֿן דיך,
און געזאָגט דיר אַפּילו ווי אַזוי
אַרונטערצוגיין, — נאָר דו האָסט ניט געהערט,
און ווען ניט דאָס אייז אַרום דיר אין דער הויך,
און ס'איז ניט פֿאַרנאַכט, וואָלט איך אפשר אויך
אַרויפֿגעקראָכן. נאָר אַז איך האָב געקלערט
צוליב דעם די קאַלאָשן מיינע די רויטע
אויסצוטאָן — דאָס פֿאַרשווייג איך איר.
זי קען מיינע פּיס, און האָט טענות צו מיר.
עס ווייעט פֿון זיי — זאָגט זי — אַ קעלט ווי פֿון טויטע —
ווי פֿון טויטע — אָט־וואָס.

איך וועל אויך אודאי פֿאַרשווייגן פֿאַר איר
דעם פֿויגל, דעם רויטן, איך וועל איר קיין פֿרייד
ניט פֿאַרשאַפֿן מיט דעם, וואָס ער לויזט זיך און קרייט
אויף דיין אויער — באַם זון־פֿאַרגאַנג איבער דיר.
און זיך איינצושפּאָרן אומזיסטע שטראָף, —
וועל איך אויך ניט מאָלן פֿון נאָז אַפֿיר
דיין טרער, וואָס איך זע — נאָר פֿון אויג בײַ דיר.
איך וועל זאָגן דו וויינסט, ווי אַ קינד פֿון שלאָף,
אָדער ווי אַ קינד, וואָס האָט מיט אַ גראָשן
געשפּילט זיך, און אים ערגעץ פֿאַרטראַכט —
אָדער גאָר ווי עס שטייט און וויינט באַנאַכט
מיט אַ חדר־לאַמטערן, וואָס האָט זיך פֿאַרלאָשן —
זיך פֿאַרלאָשן — אָט־וואָס.

און איצט — זאָ־זאָ — און פֿאַרגיב וואָס איך איַיל,
עס טרערן מיר שוין די אויגן פֿון קעלט,
און איך האָב זיך מיט צוויי יונגעלייט באַשטעלט
אין אַ קעלער פֿון דאַנען אַ דריי פֿיר מייל.

און זיי זיינען טאַקע שוואַרץ ווי די ערד,
ווייל זיי עסן ווייניק און טרוימען אַ סך!
זיי אַרבעטן אויך באַ אונדזער פאַך,
און מיר לאָזן אַלע וואַקסן בערד
באַ זיי וואַקסן שוואַרצע — באַ מיר רויטע.
זייערע וואַקסן אַביסל גיכער,
און בלאָזן זיך שוין ווען עס גייט אַ וויכער.
מיינע? — קוק אָן — זי הענגט אַ טויטע
הענגט אַ טויטע — אָט־וואָס.

1927

מיר זיינען זיך קאַטאָליש אין מאָנטרעאָל

מיר האָבן זיך ריזיקע קלויסטערס
און האָבן זנות־הייזלעך קליינע ;
באַזוכט ווערן הייזלעך און קלויסטערס
פון גלויביקע שיקסעלעך שיינע.

זיי גייען פרימאָרגנס אין קלויסטער
און זינגען דאָרט הייליקע לידער,
באַנאַכט אין די זנות־הייזלעך טאַנצט מען
און זינגענדיק זינדיקט מען ווידער.

אין בעט פון דער ליבע פאַרכאַפּט מען
פון ד ע ר וועלט דאָס ביסעלע לעבן,
באַם גאָט פון דער ליבע פאַרלאַנגט מען
ער זאָל דערפאַר י ע נ ע וועלט געבן.

פון אַ ווינקל ערגעץ

און אַז דו זעסט זיך שוין אין טיפסטן צער אַליין
אויף אַ צעשטערטער שיף, וואָס האַלט באַם אונטערגיין.

און אַז דער הימל איז בלויז וואָלקן, ווינט און רויך,
וואָס גיט קיין אָנהאַלט ניט דער האַנט, וואָס זוכט די הויך.

צו מיידסטו אויס דערפאַר דאָס ברעט וואָס נעמט דיך מיט,
ווייל ים איז וויסטעניש, וואָס ברענגט אין ערגעץ ניט?

און אַז דו זעסט שוין אויך אַן אינדזל פאַר דיין בליק,
אַ פויגל אין דער הויך, וואָס שוועבט צום ברעג צוריק.

און אַז דו פילסט שוין אויך אַ פליג וואָס אויף דיין קאָפּ —
וואָס קען זי טאָן פאַר דיר, בעת דו זינקסט אַראָפּ.

און וואָס ווען ס'איז די טיף אַן אויסגעטראַכטע בלויז,
און דיר אַליין דערבײַ — צו טרייסטן זיך — קומט אויס.

אַז שיין איז אויך אַ קינד וואָס וויינט אויף נאַסער ערד
צוליב אַ שטיפמאַמע מיט הענט ווי מיט אַ שווערד.

צי קענסטו זאָגן זיך אַז שיינקייט איז פאַראַן
אין אַלט־ווערן וואָס וויינט אין נאַסן קינדער־סטאַן?

און אז דו נאַרסט זיך שוין, און מאַכסט די אויגן צו
און זעסט זיך שוין אַזאַ, אין פּוסטן ווינקל וואו —

צו מיינט דאָס ניט צו זיין אַ שווערד אויף זיך אַליין,
צו קענען ווייזן זיך בלויז וויסטקייט באַם פאַרגיין?

און וואָס קען וויסטער זיין ווי די פאַרשאָלטנקייט
זיך אָנצוטאָן אַליין אין ווייסן טויטן־קלייד. —

און פרעמד ווי אויף אַ קאָפּ אַן איינציק ווילדע האָר
צו הויבן זיך דערביי, און קלאָגן אויף דער וואָר. — — — —

רעזומע

מיין געליבטע — מיין אויסגעחלומטע פרייד,
האָט אויסגעטאָן דאָס אָרימע קלייד,
און אָנגעטאָן אַ גאָלדן געוואַנט
זיצט איר מאַן לעבן איר — אַן אַלטיטשקער פראַנט,
מיט אַ פריינט וואָס איז אַלט ווי ער.
דרימלען ביידע אין אויטאָ בלייך און שווער,
מיט קעפּ ווי קאַלטע לבנות צוויי.
ווײנט איר לעבן, דאָס יונגע, צווישן זיי
פון דער פּוסזייל ביז צו דעם ווינט אין די האָר,
ווי דער טרויערגאַנג פון אַ טויטנבאָר. —
דערהערט איר פאַרלוירנקייט דער באָם ראָד,
וואַכט אויף אין אים זיין שטאָם, און דער גאָט
וואָס טרייבט אים אייביק דורך פייער און טויט,
צו דער ליכטיקייט פון דער ווייסער הויט. —
טוט ער אָפּ פון זיך דעם קנעכט וואָס איז פרעמד,
און באַרירט איר לייב אונטער קלייד און העמד —
מיט אויגן, וואָס ציטערן ווי די הענט
באַ אַ בלינדן וואָס האָט אַ נאָענטן דערקענט —
דאַכט זיך אים אויס אַז עס טוט זיך אַ ריר
אַ ברעם, אויף דער אַלטקייט לעבן איר
וואָס באַוואַכט זי אַזוי ווי זיין גאָלד וואָס ער היט,
אַזוי ווי זיין גאָלד וואָס ער דאַרף שוין ניט.
לאָזט ער ווידער אַרונטערפאַלן זיין קאָפּ

ווי א גלאָז וואָס מען וואַרפט אויף א שטיין אַראָפּ,
און קערט זיך אָפּ ווי מען וואָלט מיט א שטריק
אים א צי געטאָן צום ראָד צוריק.
רעדט ווי צו אַהונגעריקן, ברויט,
זיין נאַקן צו איר מיט דער ברוינער הויט.
האָרכט זי צום אייגענעם אָטעמגאַנג,
ווי א קראַנקע צו א פרום געזאַנג.
ביז עס ציטערט אויף אין איר מוטער־לייב
די ליידיקייט פון פאַרשעמטן ווייב,
שליסן זיך אירע אויגן דאַביי.
זעט זי ווי דורך צעשמאָלצן בליי,
באַ זיך אליין א קינד אויפן האַרץ
וואָס צעשווימט ווי א וואָלקן אין גאָלד און שוואַרץ,
און וואָס רעגנט אַראָפּ ווי מיט בלוט נאָכאַנאַנד
אויף איר לעבן וואָס וויינט, אין א גאָלדן געוואַנט.

אסתר

1.

שיכלעך גאָלדענע צום אָוונט־טאַנץ פאַר זיך באַשטעלן
קענען בלויז די רייכע פרויען דאָ אויף אונדזער וועלט.
זונפאַרגאַנג און טרויער קומען אומבאַשטעלט אין אָוונט,
צו אַלע דאָ, צו אַלע דאָ אויף אונדזער גרויסער וועלט —
אין אָוונט — — —

קינדער ווערן איינגעוויגט פון מאַמעס, ווען זיי וויינען.
מיר אָבער, די גרויסע דאָ, וואָס וויינען אויף דער וועלט
שטום, ווי אויף אַ צלם אין אַ מיטן פעלד אין אָוונט,
וויינען מיר, פון קיינעם נישט געהערט, אויף אונדזער גרויסער וועלט
אין אָוונט — — —

2.

און די הייליקע פרוי, און די הייליקע פרוי
האָט פאַרלאָזן די גאָלדענע ראַם אויף דער וואַנט ;
די גאָלדענע ראַם אויף דער הייליקער וואַנט
און דער אָוונט איז בלוטיק און גאָלדיק און בלוי
ווי מיין זעל, וואָס איז קראַנק צוליב דער פרוי
זאָל זיך בויגן מיין קאָפּ דער גרויער.

נאָך איידער ס׳וועט זיין אַ שטערן צו זען,
דער ערשטער שטערן אין הייליקער הויך,
וועט אַלץ פאַרשוואונדן זיין אין דער הויך

ווי קיינמאָל, ווי קיינמאָל נישט געווען,
און גאָרנישט מער וועט זיין צו זען,
זאָל זיך בויגן מיין קאָפּ דער גרויער.

.3

פרויען זיינען קיין שטערן ניט,
און זיי לויכטן ניט, און זיי לויכטן ניט.
אָבער דאָס ליד פון די ליכטיקע טריט,
וואָס זייער ליבע ווײנט אין אָוונט?

פרויען זיינען קיין בלומען ניט
און זיי בליען ניט, און זיי בליען ניט.
אָבער דאָס בליענדיקע פרומע ליד,
וואָס זייער שיינקייט ווײנט אין אָוונט?

אודאי זיינען געגעבן די הענט
צו גראָבן ברויט — דעם הונגער צו שטילן,
אָבער די אייגענע שווערע הענט
ווען זיי ציטערן און ווײנען, און שפּילן
ווי אויף אַ גאָלדענער האַרף אין אָוונט,
אויף אַ ליכטיק פרויען־פּנים אין אָוונט?

אָ, ווינט, מיין ברודער, ווי צום ערשטן מאָל,
פאַרנעם איך דיין צאַרטקייט היינט אין די צווייגן.
טויזנט גאָלדענע שלעסער אויף מיילער,
וואָס קענען מיין אומרו ניט פאַרשווייגן, —
נאַקעטע זאָלן זיי אַלע ווײנען
מיט דערנער אַרום האַרץ און שטערן
אַרום דיין ליכטיקייט און אָוונט,
טרויער מיינער, אין מיינע אָרעמס.

1924

די הייראַט

קוק איך אויף דער נאַקעטער פרוי,
מיט דעם קליינעם קאָפּ
און מיט די גראָבע אומגעלומפּערטע לענדן
און מיט די גרויסע מענערישע פיס, —
ווענד איך זיך צום פאַרבן־קינסטלער
און איך פרעג אים,
וואָס אים האָט געבראַכט דערצו
אַזוינס אויף דעם לייוונט אויסצוטרוימען.
רייבט ער אָן אַ שוועבעלע
און שטופּט אַריין די ליולקע אין זיין מויל
און ענטפערט. —
שטעלט זיך אַרויס אַט־וואָס:
ער — פּו.
אַליין — פּו.
געוועזן פאַרהייראַט צו איר — פּו.
אין פאַריז טאַקע — פּו.

1924

פרויען

פאַראַנען פרויען אויף דער וועלט וואָס לויכטן אויף ווי פרייד
פון ערשטע קינדער־רייד.

און ניט מען דאַרף פאַר שיינקייט אַרום זיי,
אַ גאָרטן רויט ווי בלוט און ווייס ווי שניי.

און ניט מען דאַרף די הילביקייט פון באַס און פידל־סקריפּ,
צו פילן זייער נאָענטקייט צו זיך מיט האַרץ און ריפּ.

זיי מעגן טיפגעבויגענע אויף אַ בית־עולם שטיין —
צי ערגעץ אין אַ דאָרף, פון הינטער היי אַ וואָגן — לאַנגזאַם גיין —

צי וואַשן טעלער ערגיץ אין אַ רעסטאָראַן אין קיך —
צי איבער העמדער אַלטע באַס פאַרריכטן בויגן זיך —

פאַראַנען וואַרעמקייט אין זייער יעדן ריר
אַפילו פאַר דעם נאַר, באַס שליסל־לאָך פון טיר.

און מעג דאָס פנים זייערס אויסזען ווי אַ האַרבסט־טאָג בלאַס,
און מעג מיט צעבערס רעגענען אין דרויסן אויפן גאַס.

זיי דאַרפן אויפהויבן די אויגן זייערע צו איינעם בלויז —
גייט אויף אַ זון דאַבײַ, פאַר איטלעכן אין הויז.

אַמאָל

ניט אַלעמאָל בליט וואָס איז איבערגעפלאַנצט.
נאָר די יוגנט ווייסט גאָרנישט, און זי טאַנצט.
און די עלטער זוכט, און איך — דאָס איז וואָר —
איך זוך שוין אַזוי אַ היפּש ביסל יאָר,
אַ פּרוי וואָס איך האָב — מיר דוכט זיך — געזען
נאָך איידער איך בין אויף דער וועלט געווען.
אַמאָל איז די וועלט אַ בערגל מיסט,
און איך אַ הונט וואָס זוכט אומזיסט.
נאָר אַמאָל לויכט אויף אַ געשטאַלט — ווען איך זוך
אליהו הנביא אין קינדערבוך.
און מעג דעמאָלט האַלטן אַ טאָג באַם פאַרגיין,
וועט ער ווי ערעוויאַנטעו שיין.
און אַזוי ווי אַ וואָלקן אונטער דער זון —
זע איך שוועבן זיך ווען איך טראַכט דערפון,
און די בלויקייט דעמאָלט שפּילט ווי מיט הענט
אויף מיר דעם וואָלקן — איר אינסטרומענט.
און דאָס אַלצדינק גיט מיר אַזויפיל פרייד —
אַז איך הויב אָן גלויבן אין אייביקייט.

לידער פאַר מיין פרוי

ווי דער נאַכטיקער הימל, גאָלד אויף בלוי
אַט אזא מין קלייד — לאָמיר טראַכטן אזוי —
איז שיין טאַקע נאָר אויף אַ בלאָנדער פרוי.

און מיינע איז בלאָנד, ניט אינגאַנצן בלאָנד,
נאָר אזוי ווי אַ פעלד־בלום אין הארבסט, וואָס דערמאָנט
אז ווען זון איז דאָ, וואָלט זי לויכטן געקאָנט.

נאָכמער — ווען זי שטייט אַמאָל פאַרטראַכט
דערמאָנט זיך אַ קינד וואָס איז מיד, פאַרנאַכט —
און ניט אַ קינד וואָס שטייט אויף, און לאַכט.

אַ קינד, וואָס לאַכט ווען עס רעדט נאָך ניט
שטעקט עס אַלעמען אָן — לאַכן אַלע מיט,
ווי מען וואָלט פון זין אַראָפּ, גאָט באַהיט.

ווער ס'האָט פיינט ווען מען פרייט זיך, האַלט זיך איין
ער נעמט זיך אַ טויטן אין זין אריין
קומט אים אָן ניט שווער, פאַרטרויערט צו זיין.

נאָר צו דעם דאַרף מען זיין אויף אָן אמת ניט קלוג.
געוויין איז ווי וואַסער — ס'איז דאָ גענוג!
נאָר דער וויין אונדזער פרייד איז אַ פוסטער קרוג.

רויזעלע האַלפּערן

אַ בילד וואָס משה לייב האַלפּערן האָט געמאָלן פון זיין פרוי

אַט באַם שיין פֿון הייליקן בוים איבער דיר
זע איך דאַכט זיך, אַז בראַנז איז דיין יעדער ריר
און אַז זילבער אויף רויט דאַרף זיין דיין ציר.

וואָס ווייזט אויס אַז פֿאַר מיר איז שוין באַשערט, —
ווי אין שפּיגל פֿון טייך אַ וואָגן מיט פֿערד —
אַלץ וואָס מיר ווילט זיך צו זען פֿאַרקערט.

און אַזוי אַפֿילו ווען איך שלאָף,
איך טרוים פֿון אַ גלח הויבט ער זיך אויף
טוט זיך אָן אַ ספּאַדיק, און איך זע אַ רב.

איך רעד צו מיין זונעלע ווערט ער אַ בער
וואָס איך זע אין שטייג, ווערט מיר פֿינצטער און שווער
ברום איך און שאָקל זיך ווי ער.

און אַזוי כסדר, מיט הענט אויפֿן בויך
צעטרוים איך זיך צו דער העכסטער הויך,
און איך פֿאַל, ווי אין רעגן־טעג דער רויך.

און אַזוי איז אויך איצט — אַט גייט מיך אָן
דיין נאַקעטקייט, און איך טו דיך אָן
מיט זילבער אויף רויטן — דער קאַם פֿון אַ האָן

ווערט פֿון זילבער אויף רויטן, גאָלד אויף בלוי
און פֿון בוים דיינעם לייכטער פֿאַר מיין פֿרוי.
און איך בין האָווריליע דער שבת־גוי,

און סע פֿעלט נאָר אין שטוב אַ קינד צו דעם,
איך זאָל זאָגן באַרוכאַטו מערצעשעם,
ווען סע גיט מיר די בולקע וואָס איך נעם.

ווען אפילו די האָר נאָרן מיך אָפּ —
מיר דאַכט, אַז ניט דו, נאָר מיין פרוי בויגט דעם קאָפּ
מיט אַ טיכל איבער די אויגן אַראָפּ.

און איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר דאָס איז אַזוי
עס ציט מיך אַזוי ווי צום פייער אַ שטרוי
צו איר טאַקע — צו מיין בלאָנדער פרוי.

זי איז — ווי געזאָגט — ניט אינגאַנצן בלאָנד
נאָר אַזוי ווי אַ פעלד־בלום אין האַרבסט, וואָס דערמאָנט
אַז ווען זון איז דאָ וואָלט זי ליכטן געקאָנט.

2

ווי אַלט עס איז די שטילקייט דאָ!
וואו איז די וועלט? זי איז נישטאָ.
דער זייגער קלאַפּט, איך הער זיך איין
און גלייך די ווייזערס פירן איין,
און דו, ווי אין אַ בילדער־בוך
און לעבן דיר אויף דער ערד דיין שוך —
און לעבן שוך דיין קלייד און העמד
וואָס איז אַזוי ווי דו מיר פרעמד.
נאָר ניט די פרעמדקייט — סטעפּ פון שניי
וואָס טיילט מיך אָפּ פון דיר טוט וויי,
און אויך ניט דאָ דיין הייליקער בוים
דער ווינטער פון מיין קינדערטרוים.
נאָר אונטער אים קיין נאַקעטקייט
פאַר וועמען אַלץ, וואָס רופט זיך פרייד,
פאַר מיר אַ קינד, וואָס וויינט אַריין
אין ווינטל וואָס איך אָטעם איין.

פאַר מיר אַ מת, וואָס ווײנט אַרויס
פון ווינטל וואָס איך אָטעם אויס.
נאָר ס'איז אַזויפיל קעלט נישטאָ
אין טויט וואָס וואַרט אויף אײנעם דאָ,
ווי אין דעם בלוט אויף האַרץ און האַנט
פון דעם, וואָס הענגט דאָ אויפן וואַנט
פאַר וועמען צער און גוטסקייט בלויז —
פאַר מיר דער צודעק אויף זײן שוים.
וואָס רופט צום מאָרד, געהיים און קאַלט
ווי ליכט פון נאַכטפליג אין אַ וואַלד.
פאַר וועמען גאָט, פאַר מיר די וועלט
וואָס הערט אַליין ניט ווי זי שעלט.
די אײביקייט פון איר געוויין
אין שטײג פון שטערן ווינט און שטיין.

באַם טויטנליכט

(צום אָנדענק פון פריידל שאַפּיראָ)

די קראַנקע וויינט און זאָגט! — איך שפּיל זיך אין מיין טרוים,
ווי ווינט מיט וואָלקנגאַנג, ווי זון מיט וואָלנשוים.
נאָר ער, דער מענטש, באַם טיר, וואָס הערט דעם טויט, וואָס קומט,
און וויינט, ווי אייז, וואָס רינט פון מילראַד, ווען עס שטומט.
ער זעט אויף איר געזיכט דאָס גאָלד פון אָוונטצייט,
ווי רעגנבויגן ליכט און ווי אַ סערפּ, וואָס שניידט.
ער הערט אין איר דאָס האַרץ, וואָס קלינגט באַם אונטערגיין,
ווי אַ באַלון פון גלאָז, וואָס ברעכט זיך אויף אַ שטיין.
און יעדער אָטעמשטויס, וואָס שטאַרבט פון איר אַרויס,
וואַקסט ווי אַן אָפּגרונט אויס אין אַלע ווינקלען פון הויז.
נאָר ניט דער צער זיינער פון אויגן גרוי און הויל,
און ניט די רו, וואָס שרייט אַרום זיין אָפן מויל,
און ניט דער ריס אין קלייד באַם אויסטאָן זיך די שיך, —
נאָר בלויז באַם טויטנליכט דאָס קאַלטע וויגן זיך,
דאָס קאַלטע וויגן זיך, מיט הענט און קאָפּ אַראָפּ, —
דאָס איז נעפּל שיין, וואָס נעמט אַרום זיין קאָפּ.
דאָס איז די גרויע שפּין וואָס זיצט און העקלט שוין
אַ קלייד פאַר אים אַזאַ, און אַזאַ ווייסטע קרוין
אַז אָנגעטאָן אין דעם, זיך אויפהויבן וועט ער,
און ווי אַ קינד פון דער, וואָס הערט אים שוין ניט מער,
וועט ער מיט הענט און קאָפּ אַ שטרעק טאָן זיך אַרויף
צום טויטן קאַלטן מויל, וואָס עפנט זיך ניט אויף.

און צו די אויגן אויך מיט קאַלטער טויטנרו,
און מיט דער פרייד פון קינד, וואָס וויגט אַליין זיך צו
וועט ער זיך צובויגן צו איר זיין סם — זיין פרייד,
צו איר זיין סם — זיין פרייד, זיין טויטע ליכטיקייט.

1928

באַרג, הימל, זון און רו

ערגיץ אונטער דער וועלט, ערגיץ אונטער דער וועלט,
אין אַ זומפּ, וואָס ברומט ווי אַן אָרגל שווער,
זיצט אַ זשאַבע, ברוין און גרוים, ווי אַ בער,
און זי שאָקלט זיך אַהין און אַהער,
שוין טויזנט יאָר, און נאָך אפשר מער,
אַהין און אַהער,
אַהין און אַהער.

ערגיץ איבער דער וועלט אויף אַ הויכן בוים,
מיט אויגן אַזוינע, ווי שטערן בלאַנק,
זיצט אַ פויגל, וואָס חלומט מיד און קראַנק
פון אַ קראַנקער פליג אויף אַ גאָלדענער זאַנג.
און ער בויגט זיין קאָפּ שוין טויזנט יאָר לאַנג —
צו דער גאָלדענער זאַנג,
צו דער גאָלדענער זאַנג.

אָ, הימל דו ווייטער, איבער דער וועלט,
ווי מיין פאַרלוירנקייט, וויינט און שרייט
דיין שטילקייט איבער דער ליכטיקער ווייט.
און דיין זון, אַזוי ווי אויף גאָלד און זייד,
אויף דער שאַרף פון דעם סערפּ, וואָס זינגט און שניידט —
אין דיין ליכטיקער ווייט,
אין דיין ליכטיקער ווייט.

.2

זעסטו גאָלד אויף בוים און הימל — זאָגסטו אָוונט.
ווילסטו וויסן, וואָס איז אָוונט — זאָגסטו טרויער.
ווילסטו וויסן, וואָס איז טרויער,
זעסטו זיך מיט מויל און אויגן
שטום און בלינד אין אָוונט־טרויער.
ווייסטו, ווי אַ ליכט, וואָס וויינט
אין אַ קינדערהאַנט אין אָוונט.
ביסטו ליכט און קינד וואָס וויינט,
אין דיין בלוט — אין אָוונט־טרויער.

1924

ליד

איך וועל זיצן מיט מיין באָרד דער גרינער
אַנטקעגן דעם פּוסטן גאָלדענעם טאַץ,
און דאָס העריננג קעפּל פון פּערלמוטער
וועט גלאַנצן אין מיין שוואַרצן לאַץ.

און זי אין איר גרויען קלייד וועט קומען,
אַזוי ווי געשניצט פון עלפנביין,
וועל איך מיט די אויגן צום טאַץ אַרונטער
טראַכטן פון איר אַוועקצוגיין.

וועט זי ווײנען אַזוי ווי אַ קראַנקער פויגל
מיט בלוטיקע פליגל אַנטקעגן מיר,
וועט אַראָפּשוועבן אַ שטערן פון הימל
און בלײבן הענגען איבער איר.

וועל איך ווי אַ קיניג אַליין מיר גלעטן
די וואָנצעס מיינע וואָס הענגען אַראָפּ,
און צום קלאַנג פון דיינע גאָלדענע שפּאָרן
אַוועקגיין מיט אַ געבויגענעם קאָפּ.

וועל איך הערן הינטער מיר אַ רויש
ווי פון אַ האַרץ וואָס שטרעקט די הענט,
וועל איך זיך ווידער אומדרייען פּאַמעלעך
און בלײבן שטיין צו איר געווענדט.

װעל איך אויסזען װי פֿון װאַקס געפּורעמט
װעט מיר גוט זײַן זיך צו זען אַזױ,
װעלן דערװײַל אירע האָר די שײנע
װערן פֿאַר פּחד זילבער־גרױ.

װעל איך שטײענדיק אַזױ אפֿשר שטאַרבן
אָן דעם מינדסטן ציטער און ריר, —
װעט מײַן גרינע באָרד לבֿנה־טרויעריק
אויסזען לענגער אַנטקעגן מיר.

װעט אין דעם הויכן גלעזערנעם פּאַלאַץ
די שװערע שטילקײט נאָך שטילער זײַן,
װעלן טויזנט יאָר װי מתים אין װײַסן
קוקן דורך אַלע פֿענצטער אַרײַן.

ביז די װײַסקײט זײערע אין דרויסן װעט שפּילן
װי אויף האַרפֿן־סטרונעס, אין נאַכטיקן װינט,
װעט זי זען אַז מײַן בלוט איז װאָלקן אין הימל
און שטערן־ליכט װאָס װײַנט און צערינט — — — —

1924

צו די רויטע אידעלעך

צו די רויטע אידעלעך, אינגעלע, רייט מען
אויף דעם פערדל דאָ, וואָס איך האָב געבראַכט.
מען קען אויך רייטן אַהין באַנאַכט;
נאָר באַנאַכט זיינען דאָרטן די טויערן פאַרמאַכט;
איז בעסער מען רייט אין מאָרגנשיין,
ווען מען וויל צו זיי אין לאַנד אריין.

נאָר קומען דאַרף מען אַהין א ריינער;
טאָר, אינגעלע, ניט רייטן אַליין.
די מאַמע באַ זיין זייט וועט גיין
און מיט א בערשטעלע, וויס און קליין,
אים וואַשן די ציינדעלעך, און מיט טוי
די אויגעלעך וואָס זיינען בלוי.

און אַז אינגעלע וועט אַלצדינג פאַלגן,
וועט פאַפאַ גיין פון דער אַנדערער זייט,
און שרייען וואוהין דאָס אינגעלע רייט,
וועלן זיך וואונדערן גוטע לייט:
— זע, זע, אַזאַ קליינס, אין מאָרגנשיין
צו די רויטע אידעלעך אין לאַנד אריין.

און אַז אינגעלע וועט בעטן עסן,
וועט מען באַקן בולבעלעך מיט דער הויט
באַם פייער אין פעלד, און מ'עט באַקן ברויט,
און מ'עט עסן מיט עפּל, ווי פייער רויט.

און אויך דאָס פערדל וועט אָפּעסן וואָס,
ס'עט עסן פון האַנט באַם אינגעלע, גראָז.

און אַז אינגעלע וואָס רייט וועט זינגען,
וועט די זון אים אַנטאָן אַ קרוין מיט אַ קלייד;
וועט טאַטע און מאַמע האָבן גרויס פרייד
און העלפן אים זינגען שטילינקערהייט
וועט אינגעלע טראַכטן — אַט האסטו דיר
כ'האָב געוואוסט אַז זיי וועלן זינגען מיר!

נאָר קיין שלעכטע אינגעלעך דאַרף מען ניט דאַרטן, —
די רויטע אידעלעך — זיי וויסן אַלץ,
און אַ שלעכטן באַשמירט מען דעם „טאָשע" מיט שמאַלץ,
און דערנאָך באַשיט מען אים מיט זאַלץ,
און מען שמייסט אים אָן און מען פּאַטשט אים אויס,
און מען טרייבט אים מיט אַ בעזים אַרויס.

ווען אָבער אַ אינגעלע, אַ גוטער,
קומט צו זיי אין לאַנד אַריין אָן,
שפּאַנט מען איין אַ רויטן האָן,
אין אַ קאַלאַש מיט אַ גאָלדענעם טראָן,
און מען פירט אים אַזוי אין מאָרגנשיין
גלייך צו דער סעודה אין פּאַלאַץ אַריין.

און דאָרטן, אַז מען באַקוקט זיין פערדל
און מען זעט אַז ר'האָט געהאַלטן גוט,
טוט מען אים אָן אַ גרויסן הוט
און די רויטע אידעלעך שרייען: סאַלוט!
און מען שרייט אויך, הורא! און געזונט זאָל זיין
דאָס אינגעלע, וואָס איז וואויל און פיין!

1927

דער טאַטע מיטן זון

אַ פערד מיט אַ שליטן זיינען צוויי,
און צוויי נאַראָנים זיינען צוויי;
שלעפּן זיי זיך אויפן טראָטואַר
אַלע פיר אין דער זומער־זון, וואָס ברענט.
רעדט דער גרויסער נאַר וועגן ווינט און שניי;
צעשפּרייט דער קליינטשיקער נאַר די הענט
און ענטפערט: בו!
לאַכט אויפן קול דער גרויסער נאַר.

שטרעקט דער קליינטשיקער נאַר אַ פינגער אויס,
גלאַט־אַזוי־זיך אַ פינגער אויס,
טראַכט דער גרויסער נאַר פון ווינטער־קעלט;
נעמט ער דעם פינגער אַריין אין זיין האַנט
און ער שלעפּט זיך אַזוי מיטן קאָפּ פאַראויס —
אַלץ ווייטער אַוועק אין זיין ווינטער־לאַנד,
דערהערט ער: בו!
איז דאָס באַ אים דער ווינט אין פעלד.

וואָס־זשע טוט אויף דער קליינטשיקער נאַר?
שטעלט ער ראַפּטאָם אָפּ דעם גרויסן נאַר
מיט נאָך אַ „בו", וואָס דאָס מיינט „פאָלג מיך",
און צו בימקי־פּימקי גיי אַוועק!
וועט ער פאַר אַן עפּל מיט אַ באַר

דיר אָנטאָן אַן אייזל־פּעל מיט אַן עק,
וועסטו אין שניי
נישט דארפֿן קיין שפּענצער און נישט קיין שיך.

דאַרף מען דאָך וויסן, וואו דאָס איז.
וויל פרעגן דער גרויסער נאַר, וואו דאָס איז,
דערזעט ער, דער קלײנטשיקער נאַר האָט אַ קאָפּ,
איז דאָס אים טאַקע אַ מאָדנע זאַך.
נאָך אַז ער דערזעט אויך די הענט מיט די פיס,
גיט ער אודאי מיט די אַקסל אַ מאַך,
ווי איינער רעדט:
ס'איז אַ נס וואָס מען גייט נישט פון זינען אַראָפּ.

נאָר אַז ער דערהערט אַז מען רעדט אַריין,
ווי אין אַ פאַס אין אים אַריין,
שטופּט ער אָפּ דעם פויגל, וואָס האַלט אים צו
און זאָגט, אַז מען האָט שוין אַזוינס געהערט.
לאַכט דער פויגל און רוימט אים איין,
אַז נישטאָ שוין מער קיין שליטן און פערד.
פרעגט ער, וואָס הייסט?
ענטפערט דער פויגל, סע הייסט אַז ס'איז „בו" !

— איז וואָס־זשע וועט זיין מיטן ווינטער־לאַנד, —
ווי וועט מען אַרומגיין אין ווינטער־לאַנד
אָן אַ שליטן און אָן אַ פערד ?
מען וועט דאָך פאַרזינקען טיף אין שניי.
נאָר אַז דער קליינטשיקער נאַר באַם האַנט
שפּאַנט אויף די קליינטשיקע פיס די צוויי,
און ס'אַרט אים ניט,
איז דאָך אַלץ מסתמא פון גאָט באַשערט.

לאָזט זיך דער גרויסער נאַר אַראָפּ
אויף אַלע פיר צו דער ערד אַראָפּ,
און ער קריכט אַרום, ווי אַ ווייסער בער.
וואָס־זשע טוט דער קלייניטשקער נאַר?
ער בויגט זיך אָן און פאַלט אויפן קאָפּ:
איז דאָך שולדיק אין דעם דער טראַטואַר,
שלאָגט מען אים אָן,
און מען קריכט אינאיינעם אהין און אהער.

1924

די צוקערזיסע דאַמע

בלענדט אין די אויגן,
ווי אַ רעגנבויגן,
דאָס לעבן בײַ דעם ברעג,
וואָס ציט זיך איבער מײַלן ווײַט אַוועק.
שטייט די מיסעס האָצעפּלאָץ,
וואָס זעט אויס ווי אַ חזיר
אויפֿן יאַטקע־קלאָץ,
און קרימט די נאָז.
דער ים בײַ איר איז עפּעס הײַנט נישט דאָס.
מען דאַרף זיך — מאַכט זי — היטן וווּ מען גייט,
ווײַל פּונקט, ווי בייגל, ליגט מען דאָ צונויפֿגעדרייט,
נאָר שפּעטער ווען זי אַליין
ליגט אויך שוין אויפֿן זאַמד דאָרט ערגיץ־וווּ
און טאַקע מיטן פֿלײַצקעלע וואָס האָט אַזויפֿיל חן אַרויף־צו־צו,
און לעבן איר אַן אַלטער איד
דערציילט אַ מעשה וועגן זיבעצן קאָזאַקן,
וואָס האָבן איינמאָל אויף אַ יאָר־יאַריד
פֿאַרמוטשעט אַ פֿרוי אַ אידישע ביז צום טויט,
צינדט זיך אָן דאָס פּרצוף אירס,
ווי פֿײַער רויט,
און צו די ליפּעלעך, וואָס גיבן שמייכלענדיקערהייט
זיך אַ צעשפּרייט
ביז צו די אויערן אַרויף,
טראָגט זי צו דאָס מינדעסטע פֿינגערל, וואָס זי הויבט אויף,

און מיט אַ קרעכץ אַזאַ, ווי פון אַ היימישן גאַיעץ,
וואָס הערט אַ צווייטן כליעפּטשען פון אַ שיסל
בריענדיק געקעכץ,
מיט אַזאַ מין חנעוודיק געזעגנל,
ווי אַ דייטשער ענגל,
זאָגט זי, אַז לויט עס איז באַשיינפּערלעך צו זען,
איז די פרוי, נעבעך,
אַ שוואַכינקע געווען.

אַ ברייוו

ס'איז שיינע גראָבע רייד גערעדט
עס האָט דער יונג אין ווייסן קאַשקעט
אָט איז ער — ליזע פּאַפּערנאָוו.

איך האָב אויך דיין פריינדין, אסתר, געזען,
זי איז נאָך שענער ווי זי איז געווען —
און אינגער, ליזע פּאַפּערנאָוו.

מיין ליבע פרוי האָט אויף ראָזע פּאַפּיר
זי פאַרבעטן צו גאַסט אוים ליבע צו מיר.
אוים ליבע — ליזע פּאַפּערנאָוו.

דו אויך וועסט קומען — דו ווייסט דאָך אַליין —
איך האָב ליב פרויען וואָס זיינען שיין.
און דו ביסט שיין — ליזע פּאַפּערנאָוו.

נאָר פאַרנעם ניט, און ניט באַליידיק מיין שטאָלץ
און ברענג מיר דאָס טינטער פון פּימסענהאָלץ.
האָסט צוגעזאָגט — ליזע פּאַפּערנאָוו.

גרים חבר מאזעס, אונדזער באַראָן
(טרייהייט דער עסטרייכישער פאָן
ביז אין טויט אריין) — ליזע פּאַפּערנאָוו.

אויך די ווייבער פון ביידע געשלעכטער א גרוס,
נאָר זיי גיב דאָס איבער מיט אַ פּוס.
פּאָנאַשעמו — ליזע פּאַפּערנאָוו.

איך האָב זיי נישט ליב — זיי פאַרגינען ניט
און מען וואָלט זיי געדאַרפט די צונגען מיט קיט
צום גומען צוקלעפּן — —ליזע פּאַפּערנאָוו.

נאָר בעסער לאָמיר פאַרגעסן אָן זיי,
מיר פינף, מיר פיר, מיר דריי, מיר צוויי,
מיר צוויי טאַקע — ליזע פּאַפּערנאָוו.

אויך דער פינצטערער לאַשענקווידעשניק
וואָס שטויסט זיך מיט רייד ווי מיט הערנער א ביק,
האָט געברעשעט — ליזע פּאַפּערנאָוו.

ער האָט געזאָגט אַז דיין מאַן איז געשטאַלט
איז אַ צעדערבוים אין הערצל־וואַלד.
ניטאָ אַזאַ וואַלד — ליזע פּאַפּערנאָוו.

נאָר אַפילו, ווען דאָס איז אַזוי,
לאַקשעלדרעק איז גרין און דער הימל איז בלוי,
און דאָס האַרץ איז רויט — ליזע פּאַפּערנאָוו.

און דיין שווארצקייט אין אונדזער וואונדערלאַנד
האָט פאַרטונקלט די זון — טאָ גיב מיר דיין האַנט.
אונלאָמאַכצעקישן — ליזע פּאַפּערנאָוו.

קען זיין אַז די רייד מיינע זיינען צו זיס,
נאָר דו ווייסט דאָך זיכער אַליין וואָס דאָס איז.
ס'איז ביטער — ליזע פּאַפּערנאָוו.

עס ברענט דאָך ווי אַ פֿייער אין מיר
מיין הינטישע אייפערזוכט אַרום דיר.
אַ נס וואָס איך האָווקע ניט — ליזע פּאָפּערנאָוו.

פון דעמזועלביקן בריוו

אונדזער שפּאַציר־בריק באַם ברעג פון ים
איז גאַנצע דריי מייל לאַנג — אײדעלע פרוי, פּאַפּערנאָוו,
און דאָרטן האָב איך נעכטן ווידער באַם זון־פאַרגאַנג
געטראַכט וועגן אייך און וועגן אייער פריינדין,
די רויז פון אָריענט ווי מיר רופן זי ביידע,
איך האָב זי שוין צוויי מאָל ווידער געזען זינט דעמאָלט, —
איינמאָל אויף די שטיינערנע טרעפּ אין סטאַדיום.
—מ׳האָט געשפּילט בעטהאָווען — און אַזוי שיין איז זי געווען
אין איר שוואַרצן קלייד,
אַז סע האָט שיר נישט אָנגענומען אַ בענקשאַפט
קאַטויליש־פרום צו ווערן, אײדעלע פרוי פּאַפּערנאָוו.
דעם צווייטן מאָל איז זי געווען צו גאַסט בא אונדז —
מיין גוטע פרוי — האָט מיר צוליב — זי פאַרבעטן.
אויף דעם בלויען בריוו־פּאַפּיר מיט דעם גאָלדענעם ראַנד,
וואָס איך האָב געבראַכט פון די בערג.
פאַרשטייט זיך, אַז גלייך נאָכן טיש
זיינען מיר ווידער שפּאַצירן געגאַנגען באַם ים,
מיט מיין ליבן זון פּאַראָוים.
און ס׳איז נישט קיין קאָמפּלימענט, — אײדעלע פרוי,
איר האָט אונדז באמת געפעלט.
מיר האָבן אפילו דערמאָנט דעם העברייער —
אָט־דעם מיט די ברילן, וואָס האָט פאַרגליכן אייער מאַן
צו אַ צעדערבוים אין הערצל־וואַלד.

עס טוט מיר לייד — נישטאָ אזא וואַלד אין ערגעץ,
איידעלע פרוי.
מיר האָבן אביסל ארומגערעדט אויך
די ווייבער פוןביידע געשלעכטן — פארצייט מיר
דאָס נישט שיינע וואָרט.
די רויז פון אָריענט האָט געזאָגט,
אז מען דאַרף זיי צושלאָגן די צונגען
מיט גאָלדענע טשוועקלעך צום גומען,
איידער זיי קומען אַרויף אויף די בערג.
איך האָב זיי פאַרטיידיקט.
אין דער צייט, ווען מען זיצט נישט באַם עסן,
— האָב איך געזאָגט — מעג מען דאָך ריידן
פון וועמען־ניט־איז.
נאָר דאָס מאָל האָט שוין אפילו מיין ליבע פרוי
נישט געהאַלטן מיט מיר.
ווייבער, וואָס קומען אויף בערג, — האָט זי געזאָגט, —
זיך פּאַשען און מענטשן באַריידן
זיינען גלגולים אַזוינע פון אַלטע בהמות,
און מ׳דאַרף מיט זיי פאָרן צו גוטע אידן.
איצט טראַכט איך, וואָס איר וואָלט געזאָגט וועגן דעם;
נאָר איר וואָלט אונדז אויסגעטאַנצט אפשר
דעם שוואונג פון אַ שטיוול מיט גאָלדענע שפּאָרן,
און ווי זאָגט דער פּראָפעט יעזייא:
— אַז וויי איז צו יענעם באַריידער,
וועמען עס טרעפט אַזאַ שטיוול
אונטער די שלייקעס — הינטן־אַרום.
פאַרצייט דעם פּראָפעט
דאָס נישט־שיינע וואָרט, — איידעלע פרוי,
און שרייבט מיר, איך בעט אייך,
אויב דאָס איז אייך מעגלעך.

•

און גריסט אונדזער ליבן בּאַראָן, חבר מאזעס. —
ער און איך — צוויי זין פון דער עסטרייכישער פּאָן
פון אַ גאַנצן דור, — די לעצטע צוויי איידל־לייט,
איידעלע פרוי, פּאַפּערנאָוו!

1924



אייזיק האַלפּערן

אַ בילד וואָס משה לייב האַלפּערן האָט געמאָלן פון זיין איינציקן זון

מײַן אײנציקער זון

און אַז איך רײד מיט גוטן צו מײַן זון — וואָס טויג ?
אַז לויט ער קוקט אויף מיר, באַדאַרף מען נאָר
ער זאָל אַ זאָג טאָן אויפן קול : — אַט האָסטו דיר !
מײַן פאָטער דער בהמהניק האָט װידער שוין
דאָס מויל זײַנס אויפגעעפנט....

איך זאָג אים : — זון מײַנער,
אַ פּרינץ אפילו דאַרף דאָך הײַנט־צו־טאָג
זיך לערנען עפּעס טאָן.
און דו, קײנהאָרע אַנדערהאַלבן יאָר שוין אַלט,
און וואָס וועט זײַן ?
אמת איז : נישטאָ קײן יאָר־יאַריד
באַ אונז דאָ אין דער גרויסער שטאָט ;
צי אָבער מוז מען דוקא אײער גנבענען, צי הינער בלויז ?
פאַרוואָס ניט געלט טאַקע ?
פאַרוואָס ניט זײַד און סאַמעט פון די גרויסע לאַגערן ?
פאַרוואָס ניט גאָלד און דימענטן באַ יענע לײַט,
וואָס שאַרן זיך אַרום צווישן נעגערס אָרימע
און שווינדלען ? — אַ פינצטער יאָר אויף זײ !

נאָר ווען איך זע, אַז סע האָט דער זון מײַנער
דעם מינדסטן אָפּשײ ניט,
און אַז ער שטעלט זיך נאָך דאַבײ אַנידער מיר אַנטקעגן

מיט אַ לאַפּע אויפ'ן אויער, ווי אַ גרויסער,
וואָס מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז טויב —
זע איך דאָך בעשיינפּערלעך,
אַז סע וועט פון אים קיין לייט ניט זיין,
מוז איך דאָך שוין אַ געשריי טאָן.

זאָג איך: — הער נאָר אויס, דו פינצטערלינג!
נאָך היינט זאָלסטו מיר גיין אַ פייער אונטערלייגן,
ניט וויכטיק וואו,
נאָר ברענען — זאָג איך — זאָל עס!
און וואָרט — זאָג איך — דו וועסט נאָך בא מיר זיין אַ
פּרעזידענט,

מיט הענט, וואָס קלעפּן זיך ווי גומעראַביקע,
און אויב דאָס הייליקע פאָטערלאַנד
וועט אָנפירן אַ קריג,
וועסטו מיר זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן טראָפּן בלוט
פון אונדזערן אַ העלד.
געדענק — זאָג איך —
בלוט פון אונדזערע העלדן איז קיין וואַסער ניט.
בלוט אַזוינס איז געלט, געלט און נאָכאַמאָל געלט.
און אַז אַ מענטש האָט געלט,
איז ווייבער גאָר די שענסטע פונם לאַנד,
זיי פליען אים ווי פייגל אין די הענט אַריין
און דעמאָלט — זאָג איך — האָט מען פאַר גאָרניט וואָס צו זאָרגן...
אַזוינע פייגל, — זאָג איך — גיט מען אַ באַשמיר
מיט ציגל־פאַרב די פּנימער, די נאָז מיט מעל,
און היידאַ — קינדערלעך!
זאָל זיין פון שאַנד, אַבי פּרנסה.
אַז מ'האָט דאָס ביסל קלינגערס — האָט מען אַלץ, אַט־וואָס,
זון מיינער.

נאָר רייד און שפּרינג פון הויט,
אז אַלע מיינע רייד באַטראַכט דער זון מיינער,
ווי איך דעם אַפּפּאַל, וואָס דער ים
וואַרפט אַלע טאָג אַרויס.
און פּרואוו איך אים אַ סטראַשע טאָן און ווייז אַ פויסט —
שטעלט ער זיך אַנידער און באַטאַפּט זי מיט אַ מינע,
ווי ער וואָלט דאָס געווען דער איינציקער אין דער מדינה
צימצעדרים,
דער פויסטנהעלד מעקאַרטי הונטצוואַטייקע —
אַזאַ מין גאַרניט וואָס דאָס איז!
איך וואָלט אַ בעלן זיין אַ פרעג טאָן אים,
צי ער וועט קדיש זאָגן נאָך מיין טויט.

„— וואַט ד'יע מין קאַדעש?
די אָלד קאַיק פראָם סטינקי פּאָלאַנד מיטגעבראַכט
דאַט יאַיישמייראַבינע,
טו העל ווית איט — דאַטס ראַיט.״

ווען אַ פרוי איז אויסגעטאָן

דער בוים דאָ איבער דיר,
מיט שפּילעכלעך אַלערליי צעהאַנגענע אויף אים
און ליכט געצונדענע — ער ציט צו זיך ווי דו
דאָס קינד וואָס שטרעקט די הענט,
דעם נאַר וואָס וואַרט — ווען קיינער וועט ניט זען —
אַרויפצוקלעטערן,
און יענעם אויך וואָס הויבט פון ווייטנס בלויז די אויגן אויף,
ווייל ער איז קראַנק ווי אין זיין שלאָף דער נאַכטוואַנדלער
באַם ליכט פון דער לבנה.

קאַלט איז די לבנה ווי דאָס פייער פון דער זון
וואָס קומט דורך איר צו דרערד אַרונטער
ווען ס'איז נאַכט באַ אונדז.

אַ פרוי ווען זי איז אויסגעטאָן
דאַרף לויכטן ווי די פרייד אפילו איבער דעם
וואָס קוקט אויף איר אַ שטאַרבנדיקער שוין,
ווי עלעהיי אַ בלינדער צו דער זון — מיט ווייסלען טויטע.

אַ פרוי ווען זי איז אויסגעטאָן
דאַרף לויכטן ווי אַ קינד פאַר שלאָפנגיין, אין פייער פון דער זון.
און ווי די ליאַלקע אין די הענט באַם קינד
דאַרף אויסזען אונדזער שאָטן איבער איר — די פינצטערניש
וואָס שפּרייט זיך איבער אַלצדינג, אין דער זון.

מיין סערענאַדע צו דיר

ס'איז ניט דער וועקזייגער וואָס טרייבט מיך איצט, פאַרטאָג,
פון בעט אַרויס,
נאָר דאָס וואָס איך וויל זען אין גאַס, ניט ווייט דאָרט פון דיין הויז,
ווי ס'גייען אין „סקול" אַריין די קינדער דיינע.
זיי וואָלטן אפשר אויך — לויט כ'האָב זיי ליב—געדאַרפט זיין מיינע
נאָר ער, דיין מאַן — ווי דו אַליין ביסט מיינע ניט, נאָר זיינע,
אַזוי זענען די קינדער דיינע
אויך ניט מיינע
און ווייסן ניט, אַז כ'האָב זיי ליב — זיי זענען זיינע.

וואָלט איך געקענט, וואָלט איך געגאַנגען לעבן זיי — אַליין אַ קינד,
איך ציטער ניט איינמאָל ווי אַ בלאַט אין ווינט.
אָט איצט, למשל, קומט מיר אויס, אַז כ'האָב אינמיטן גאַס
פאַרלוירן
די האַנט פון דער, וואָס האָט מיך פון איר לייב אַרויסגעבוירן.
דאַביי זע איך דיין מאַן — ווי טייג און מולטער, ווען ס'איז
אויפגעיוירן,
בלאָזט ער זיך אויף מיר, דעם קינד, פאַרוואָס איך זוך פאַרלוירן
די האַנט פון יענער, וואָס האָט מיך געבוירן.
ס'איז ניט דיין ברויט — זאָגט ער — וואָס איז באַ איר אין
מולטער אויפגעיוירן.
נאָר וועמען אין דער וועלט מיר ווילט זיך וויי־טאָן איצט
— דיר זיכער ניט. ס'איז וואָר.
אָט זאָג איך מיר: דו ביסט געווען צוריק מיט טויזנט יאָר.

און קלאָר איז מיר, אַז אַן אַ דימענט־רינג און אויך אָן בלומען
וואָלסטו ווי אייגן בלוט מיך אויפגענומען.
נאָר אַז דו האָסט געוואַרט און איך בין ניט געקומען,
האָסטו מיט דימענט־רינג און בלומען
ווי אייגן בלוט מיט שמחה אויפגענומען
אַן אַנדערן וואָס איז צו דיר געקומען.

איצט שטיי איך דאָ — די וועלט איז גרויס און כ׳האָב ניט
וואו צו גיין.
דער וועכטער אויפן לייכט-טורעם זעט גאָלד אין ים אונטן,
ווען ער איז אַליין,
דער שטערנזעער זעט דאָס גאָלד, וואָס לויכט אַרונטער
פון אַ קאָמעט וואָס ווייזט אים אָן, אַז וועלט גייט אונטער.
און וויינט דער בעטלער — וואַרף אים גאָלד אין היטל,
ווערט ער מונטער.
איך בין קיין וועכטער ניט און פון דער הייך דאָס פנים דיינס
וואָס לויכט ווי גאָלד אַרונטער

זאָגט אָן מיר קלאָר ווי גאָלד, אַז איך אַליין גיי אונטער,
און אַז מען וואַרפט קיין שטיין אַפילו ניט, קען איך ניט
אויסזען מונטער.

אַ פּאַרטאָג אין פרילינג

ווייז איך דעם קעלנער אַז איך האָב ניט קיין געלט —
זאָגט ער, אַז ס'איז ניט שיין פאַר דער וועלט

וואָס מיין עלנבויגן האָט אַ שפּיץ,
און שפּאַרט זיך אָן אויפן טיש וואו איך זיץ.

בעט איך אים זאָגן, נאָך וואָס איך בענק —
שליידערט ער מיך אַרויס פון שענק.

וויל איך מיט דער לבנה גיין —
גייט זי אַוועק, און לאָזט מיך אַליין.

גנב'ענען ווינטן דערווייל (ווי איך קריך)
אַרויס בײַ מיר די פיס פון די שיך.

רוקט זיך אונטער א וואַנט און גיט זיך אַ בויג
און בײַסט מיר אין הינטן, ווי אין אַ פויק —

דערזע איך אַ בת מלכּה, בויגט זי דעם קאָפּ,
נעם איך פאַר איר דאָס היטל אַראָפּ.

זאָגט זי, אַז איך בין רויט און בלאַס,
ווי פּאַרטאָג אַ לאַמטערן אויפן גאַס.

גיב איך אַ שטריקל איר פּאַר אַ מאָס,
זי זאָל פאַר מיר קויפן אַ נייע נאָז.

לויפט זי און שיקט מיר אַ שוואַרצע אַם,
וואָס פרעגט מיך ——— בוזשיקל, אפשר האַם־האַם?

ווייז איך אַז איך האָב אַ באָרד, און איך הוסט,
וואַרפט זי צוריק אַריין די ברוסט,

און זעצט מיך אויף אַ הענדל אויף,
וואָס האַצקעט מיט מיר איבער טרעפּ אַרויף.

זע איך אַ פענצטער, אַ ים מיט אַ שיף,
און אַ זון וואָס קריכט אַרויס פון דער טיף,

נעם איך פּאַפּיר און איך פּאַק מיר איין
אַלצדינג באַזונדער, און איך לייג עס אַריין

אין דער קעשענע וואָס איז ליידיק באַ מיר,
און איך זעץ זיך לעבן דער מילכפלאַש באַם טיר.

שווייגט זי און קוקט אויף מיר, שווייג איך אויך,
און לייג איר אַרויף אַ האַנט אויפן בויך.

קייקלט זי זיך, און איך קייקל זיך נאָך,
ווערט ברוגז אויף אונדז אַ שליסל־לאָך,

און עפנט אַ מויל, ווי אַ דייטש וואָס טראַכט
פון אַ וואורשט מיט ביר, אין אַ תענית־נאַכט.

רעד איך איין דעם טאָג אז ער האָט נאָך צייט,
און איך עפן אויף פאַר אים אָן א זייט

מיין הארץ, ווי א באַנקנאָטן־טאַש,
און זינג פאַר אים אוים דעם גאַנצן מישמאַש,

וואָס סע האָט בא מיר מיין שלימזל באַשטעלט
פאַר נאַראָנים און קינדער, אויף דער וועלט.

קומט דער פויגל פון דאַך, און די קאַץ פון הויז,
מיט פליגן א קאָמיטע פאַרוים.

און דער בעזים וואָס גלייכט מיר אוים דעם ראָק
פאַרנויגט זיך, ווי אונטערן האמער א טשוואָק,

און שפיליעט מיר צו מעדראַלען צוויי —
א כרעמזל, מיט א קאַליע איי.

געשטאָרבען דער סקעב

די הענט איןביידע קעשענעס,
א צאָנשטעכער אין מויל.
אז ווי און ווינד איז מיין באַלעבאָס —
ווי גוט מיר איז און וואויל.
אָהאָ —
ווי גוט מיר איז און וואויל,

באָר :
אָהאָ, אָהאָ, אָהאָ —
קיין סקעב איז שוין מער נישטאָ.
(סודות׳דיק, מיט די פּנים׳ער איינער צום אַנדערן)
נישט דאָ געדאַכט, אונדז צו לענגערע יאָרן,
צום זיידן נעבעך אַוועקפאָרן.
שימלט דער פאָדעם, זשאַווערט דאָס רעדל,
וואַקסט ווי באַ א לאָשעק דער ווידל —
די נאָז ! —
די נאָז, די נאָז, די נאָז, די נאָז, די נאָז,
באַ אונדזער באַלעבאָס.
טאָ לאָמירזשע, ברידערלעך, הויבן פּיס,
ווייל א שמחה איניינעם איז צוקערזיס.
באַזונדער באַם ווייב, און באַזונדער אין דר׳ערד,
אָבער אין סטרייק־האָל איז דוקא פאַרקערט.
א רעדל איניינעם, א האַנט אויף א קאַרק,
טאַנצן מיר — קייקלט זיך שטיינער א באַרג.

דעם באַלעבאָס אויפֿן קאָפּ פֿאַלט פֿאַר פּחד אַראָפּ
פֿון הימל אַ דונערדיק שטריימל אַראָפּ.
טוען מיר אים אָן אונדזער רבינ'ס כאַלאַט —
און לערנען אים טייטשן דעם אמת'ן פּשט.
אָהאָ, אָהאָ, אָהאָ —
קיין סקעב איז מער נישטאָ.
(איינער) נישטאָ?
(אַלע) נישטאָ!

מיין זייגערל, מיין זייגערל
באַם פֿעטער ליגט עס שוין.
נאָר בעסער, ווי צו זיין אַ סקעב,
אַ סקעב פֿאַר הונגערלוין.
אָהאָ —
אַ סקעב פֿאַר הונגערלוין!
כאָר:
אָהאָ, אָהאָ, אָהאָ —
(א. אז. וו.)

מיין ווייב אַ קראַנקע אידענע
ליגט שוין אַ וואָך אין בעט.
מענסט — זאָגט זי — זיין אַ סקעב, מיין מאַן,
נאָר פֿריער גיב אַ גט.
אָהאָ — אָהאָ —
נאָר פֿריער גיב אַ גט!
כאָר:
אָהאָ, אָהאָ, אָהאָ, —
(א. אז. וו.)

מיר האָבן אויך אַ אינגעלע
זאָל זיין געזונט און שטאַרק.
זאָגט עס, „פּאַ, צו זיין אַ סקעב
באַדאַרף מען זיי אַ סמאַרק.“
אָהאָ —
באַדאַרף מען זיין אַ סמאַרק!
כאָר:
אָהאָ, אָהאָ, אָהאָ,
(א. אז. וו.)

צוויי „בלעכלאַך“ קומען אַלע טאָג
און קלאַפּן אין מיין טיר.
לויפט צו מיין ווייב צום שליסל־לאָך,
און שיקט אַ גרוס פון מיר.
אָהאָ —
און שיקט אַ גרוס פון מיר!
כאָר:
אָהאָ, אָהאָ, אָהאָ,
(א. אז. וו.)

אויך ווארט אומזיסט דער לעמאָזין,
איך פאָר נישט, באַלעבאָס.
צו שוואַך די רעדער אָנגעפּאָמפּט,
סע קאָן נאָך טון אַ שאָס!
אָהאָ —
סע קאָן נאָך טון אַ שאָס!
כאָר:
אָהאָ, אָהאָ, אָהאָ,
(א. אז. וו.)

יעוונוך אין מאָרגנשיין

יעוונוך אין גאָלד־געצירטן קלייד;
ווי מאָרגנע ער קוקט מיט מויל און אויגן — ?
אַזאַ שיינער פויגל פאַרבייגעפלויגן,
איי־איי־איי — — —
און דוקא זינגענדיקערהייט,
און היינט — דער הימל אַזאַ מין בלוי,
און היינט — די בלומען אין גאָרטן וואָס בליען,
בע־בע־בע, ווען ער וואָלט געקענט כאָטש אַ קאַפּיטשקע פּליען,
ווי אין ווינט אַ פעדערל כאָטש, אָדער גאָר ווי אַ שטרוי,
קען ער דאָך אָבער נישט, איי־איי־איי — — —

שאַכלאַמטאַ׳ס לייב אונטער ווייסן זייד
ציטערט אודאי אין זיסן טרויער
ווי דער נעפּל איבער אים, דער בלויער,
איי־איי־איי — — —
און זי איז דאָך אַזוי יונג, און פאַרשייט,
און היינט — אַז דער סולטאַן לאָזט זי אַליין,
און פאַרשליסט אַפילו דעם טויער ניט.
בע־בע־בע, ווען ער וואָלט יונגערהייט געבליבן אויסגעהיט
וואָלט ער שוין אַצינד נישט געדאַרפט אין דרויסן שטיין,
און אויף פייגל קוקן, איי־איי־איי — — —

אפילו די קינדערלעך איבער דער וועלט
שפּילן זיך איצט, מיט הענטלעך אויף שויבן.

נאָר וואָלט ער געווען כאָטש אַ וואָלקנדל אויבן,
אײַ־אײַ־אײַ — — —
צי כאָטש אַ זומערפויגל אין פעלד,
נאָכאַלעמען ווי לאַנג אין דער שיר
זיך צו שאָקלען און שאָקלען אַזוי־אָט־אָ,
עס איז דאָך אַוודאַי באַ אים אויך אַ האַרץ אַ לעבעדיקס דאָ —
און ער וואָלט דאָך געקענט זיין אַ פּאשא, אַ גרויסוויזיר,
ווען ער איז נישט אַזוינער — אײַ־אײַ־אײַ — — —

1924

נישט דערוואַקסן זיינען מיר

(כינעזיש ליד פון רעוואָלוציע)

— נישט דערוואקסן זיינען מיר! —
זיי שרייען אונדז דאָס ליד שוין טויזנט יאָר אין די אויערן;
און אייביק דאַרפן מיר אַרומגיין ווי יתומים,
אין דער פרעמדה, פאַרלוירן.
— נישט דערוואקסן זיינען מיר! —
דאָס איז דאָס וואסער פאַר די פלאַמען
אונדזער צאָרן איינצוצאַמען.

בליט אין אונדז די האָפענונג — אַ יונגער בוים אין דר׳ערד;
רייסן זיי אים מיטן וואָרצל אוים.
קומט צו אונדז אַ חלום, ווי אַ לעמעלע אַ ווייס,
טרייבן זיי אים ווי אַ וואָלף אַרויס
מיט פייער אין די הענט,
און נאָכאַמאָל דאָס אייגענע —ס׳איז נישט אָן זיי געווענדט.
נישט דערוואקסן זיינען מיר!...

וויינען מעגן מיר, נאָר מאָנען ברויט, אַ העמד, און שיך,
— נישט דערוואקסן זיינען מיר! —
ווי בלינדע זעען ניט דעם וואָלקן איבער זיך
און נישט דעם בליץ,
זעען זיי ניט אונדזער פויסט וואָס הויבט זיך שוין,
און ניט דאָס ציין־געקריץ.
זיי ווייסן איין זאַך בלויז:

— נישט דערוואַקסן זיינען מיר!
און אייביק, אייביק, אייביק זינגען זיי דאָס ליד אונדז אויס
— נישט דערוואַקסן זיינען מיר!

ווי אַ וואָלקנבראָך וועט אונדזער האַס
פאַרפלייצן די פּאַלאַצן,
און וואָס ס'וועט פאַרבלייבן גאַנץ אין זייער גאַס,
וועט, ווי דער בליץ, וואָס קומט מיט ליכט און טויט פון אויבן
אונדזער פויסט באַלויכטן און צעשטויבן.
און אַז זיי וועלן ציטערן אין אימה און אין וויי,
וועלן מיר דאַן אויסזינגען פאַר זיי
דאָס לידל — „נישט דערוואַקסן זיינען מיר!"
און איבער זייער לעצטן טויט־געשריי,
און איבער זייער טויט
וועט אויפגיין ווי די זון, וואָס טרייבט אַוועק די נאַכט
דאָס ליד פון פרייהייט, און דאָס ליד פון ברויט.

1927

פון מיין אַלבאָם

דער פרומער שרעקט זיך פאַר אַ גאָט פאַרנאַכט, און דאַוונט
אויסנווייניק.
דער אָרימאַן וואָס לייגט זיך הונגעריק, וויל זיין אַ קעניג.

איך ווייס ניט וואָס איך וויל, נאָר ווען די זון פאַרגייט
איז אויג און מויל באַ מיר, ווי באַ אַ גולם אויסגעשפּרייט.

אַ חידוש איז דער פּאַסטוך מיר — פאַרוואָס איך זע אים אויך
זיך שאָקלען איצט, מיט אויגן צו דער הויך.

ער קאָן דאָך, אַז ער וויל, אַוועק אין דאָרף אַריין,
און טרעפן דאָרט אַ פרוי וואָס שטייט אין אָוונט־שיין,

מיט בולבעס ערשט פון דר'ערד, אין פאַדאַליק פון קלייד,
צי גאָר באַם טיר פון שטאַל, די קו צו מעלקן גרייט.

נאָר סוף כל סוף איז אַלץ אַ רעטעניש, —
אַ פרוי אַזאַ קען זיין אַן אשת־איש.

און אויפן שוועל פון קלויסטער זאָל דער גלח שטיין,
וואָס קוקט אויף אַלץ, ווי איך, אין אָוונט־שיין, אַליין.

אויך אים — ווייזט אויס — איז ניט באַשערט געווען, —
און דוקא אויך פאַרנאַכט איז דאָס געשען.

געווען איז דאָס (אין קורצן) אַן אַלמנה בלויז.
געוואוינט אין שטאָט, אין אַ פאַרוואָרפן הויז.

נאָר אויך די מוטער גאָטס קען ליכטיקער ניט זיין
ווי זי איז דאָס געווען, — אין אָוונט־שיין.

און ווי די הינט, אַ קאָטער אויף אַ פרעמדן פּלויט,
איז מען באַפאַלן אים — מיט איר טאַקע באַם פּלויט.

אַ זיצערקע אין וועג אַהיים, האָט מיט די הענט
אַ פּאַטש געטאָן, — אַ ריז וואָלט ניט געקענט

אַזוי געוואַלדעוועט ווי זי. מען איז געלאָפן
נאַקעטע פון באָד, (ווייל דאָס האָט אין אַ פריייטיק זיך געטראָפן)

און דאַכט זיך אָסיען, און ס'איז קאַלט, און מענטשן זקנים,
פונדעסטוועגן, להבדיל ווי אַ גאַנצער קלויסטער־כאָר אינאיינעם —

און וואָס האָט מען געזונגען — האָפּשיישאָק, יאַמשעמשטאָק,
און שוויענטעבאָק,
און אים להכעים, האָט מען נאָכגעקרימט דעם בימבאָם פון אַ גלאָק,

און ווייבער־מאַמעס אויך האָט ניט געאַרט אַפילו
וואָס די קינדער שרעקעדיקע, און בטבע שטילע,

מעקען אַרום אים ווי קעלבער אין אַ ראָד, און טאַנצן —
און לאָזן ניט, ער זאָל צוריק זיך צושפּיליען אינגאַנצן.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אים פאַרוים
האָט די משוגענע פון שטאָט (אַ פינגערהוט די גרויס)

פאַרריסן זיך דאָס קלייד, און ווי אַ נאָנע אַרום האַרצן הייליק —
זיך געצלמט אויפֿן הינטער-חלק.

און אַ געלעכטער — עס זאָל מפּיל זיין פּאַר שרעק,
אַ וואַלד מיט וועלפּעכעס מעוברת׳ע, אויף הונדערט מייל אַוועק.

און אַט־אַזוי, ביז צו דער קלויסטער־שוועל אין דאָרף אַריין. —
(און ווי געזאָגט) אין אָוונט־שיין.

אין סענטראַל־פּאַרק

ווער איז שולדיק אין דעם וואָס מען זעט ניט דיין בוים,
גאָרטן אין שניי, מיין גאָרטן אין שניי.
ווער איז שולדיק אין דעם וואָס מען זעט ניט דיין בוים,
אַז סע גייט שפּאַצירן אין דיר אַזאַ פרוי,
וואָס איר בוזים הייבט זיך און וואַרפט זיך אַזוי,
ווי איבער צערודערטע כוואַליעס און שוים
אַ שיפל אין ים, מיט ים־רויבער צוויי,
וואָס שרייען, אַז זיי זיינען ים־רויבער צוויי. —
גאָרטן אין שניי, מיין גאָרטן אין שניי.

ווער איז שולדיק אין דעם וואָס קיין הערש איז נישטאָ,
גאָרטן אין שניי, מיין גאָרטן אין שניי.
ווער איז שולדיק אין דעם וואָס קיין הערש איז נישטאָ,
אַז אַ גלח וואָס דאַרף זיין פרום ווי אַ קינד
לויפט נאָך דעם קאַפּעליוש זיינעם אין ווינט,
און ער שרייט צו אים העי און האָ, און האַ־לאָ!
און דער קאַפּעליוש אין זיין וויסטן געדריי
הערט אים ניט, אין זיין וויסטן געדריי, —
גאָרטן אין שניי, מיין גאָרטן אין שניי.

ווער איז שולדיק אין דעם וואָס איך בין דיר פרעמד,
גאָרטן אין שניי, מיין גאָרטן אין שניי.
ווער איז שולדיק אין דעם וואָס איך בין דיר פרעמד,
אַז איך גיי נאָך דעם שאַל און דאָס היטל דאָ,

וואָס באַ קיינעם אין לאַנד איז אַזוינס נישטאָ,
און אַז כ'האָב נאָך אַ באָרד וואָס דיין ווינט צענעמט
ווי אַ אידענע שטרוי, וואו זי זוכט אַן איי
פאַר איר קראַנקן קינד, פון דער הון אַן איי, —
גאָרטן אין שניי, מיין גאָרטן אין שניי.

1930

ערגעץ — ווער ווייסט וואו ?

א פעטע ווייבערישע מאָרדע — דער וועכטער
מיט אַ פּאַלקע, אַזוי ווי פּאַר הינט אין מיטן גאַס ;
און באַם זייט אַ קאַלאַמייער טערק
מיט אַ מעשענעם סאַמאָוואַר אויף די פּלייצעס
שרייט : עפּלקוואַס !
און בלייכער און שווייסיקער מענטשנגעדראַנג
צווישן אויטאָמאָביל גערויש און געשטאַנק.
און אַ קופּע קינדער באַם ראָג, וואָס פאַרהערן זיך,
ווער עס קען העכער אַ שפּיי טאָן אַרויף.
און אויף דער ליניע שיקאַגאָ־ניו־יאָרק ערגעץ וואו
שטויסן זיך צוויי באַנען צונויף, — צוויי באַנען צונויף.
אָבער ערגעץ אויך
איז נאָך דאָ אַ זון אין דער הויך,
וואָס שענקט איר אָוונטגאָלד אַ גאָרטן מיט בוימער,
וואָס זיינען שוין טויזנט יאָר אַלט.
און דאָרטן זיינען אמת׳ע גראָזן אויך דאָ
און אפילו בלומען און אַ פּאָנטאַן ;
און דאָרט גייט אַרום אין שווארצן קלייד
אַ יונגע פרוי,
וואָס זינגט אויס שווייגנדיקערהייט
איר אָוונטטרויער,
און טרוימט מיט הענט און אויגן צו דער הויך אַרויף,
צום פּאַלאַץ וואָס זי זעט דאָרט אויבן אין די וואָלקנס

מיט דעם פון זונגאָלד געשניצטן טויער,
וואָס הענגט ווי אויף ווייסע פליגל
איבער דער וועלט.

1924

יענער און ער

וועט יענער אין דרויסן ארויפקוקן צו דער לבנה פארטראַכט,
וועט ער דורכן פענצטער פאַמעלעך אין מיטן דער נאַכט,
מיט אַ נאַקעטן פוס יענעם געבן אין פלייצע אַ זעץ.
וועט יענער ווי דרייצן משוגענע קעץ,
זיך צעוויינען און וויינען דערנאָך אזוי לאַנג אין דער נאַכט,
ביז ער וועט ארויסקוקן נאָכאַמאָל צו דער לבנה, פארטראַכט!
וועט ער מיט פרעס־אייזן נאָכדעם צום פוס צוגעבונדן
דערלאַנגען אַ זעץ ווידער יענעם; — וועט יענער אַ קאָזשעלקע מאַכן;
וועט ער מיט צוויי אויגן ווי שטערן געצונדן
ארויסקוקן דעמאָלט פון פענצטער צו יענעם און לאַכן.
וועט יענער אים וועלן באַווייזן, אז ר׳האָט ניט קיין מורא באַנאַכט
און ארויפקוקן נאָכאַמאָל צו דער לבנה פארטראַכט;
וועט ער מיט דעם אייגענעם פרעס־אייזן
יענעם אַ זעץ טאָן אין קאָפּ.
וועט יענער זיך דעמאָלט שוין אפשר
אזא מין פארנויג טאָן אראָפּ,
ווי אַ פרינץ, וואָס באַגעגנט זיין כלה אין גאָרטן באַנאַכט.
און וועט נאָכדעם שוין מער נישט ארויפקוקן צו דער לבנה
פארטראַכט.
וועט ער מיט די אָרעמס אזוי ווי מיט פליגל,
זיך געבן אַ שוואונג,
און פונם פענצטער אין בעט אריין
וועט ער דערלאַנגען אַ שפרונג.

און דאָרטן וועט ער זיך אַליין מיט די פֿיס
אַזוי לאַנג אין געזעם אַריין קאָפּען
ביז ער וועט (צו מיינען אַליין, אַז ער שלאָפֿט שוין)
פֿאַמעלאַך די אויגן פֿאַרמאַכן און אָנהויבן כראָפּען.

1924

פיאָדאָר שאַליאַפּין

— נאָרטונדראַ! נאָרטונדראַ!
ווי אַ טראָמפּייט,
אין אַ שריפה באַנאַכט
האָט אָפּגעהילכט דאָס קול פון רויטן בער
מען רופט אים שוין אַזוי פון קליינוויז אָן: —
די קליינטשיקע מערזאַוועצעס, די חברים,
האָבן אים אַ צונאָמען אַזאַ געגעבן — טשאָרטוואָזמי.

נאָר זי, די שלאַנקע פרוי, וואָס איז אַריין
אין לאַנגן, טונקעלן קלייד, — — — —
שוועבנדיק מיט אָרעמס, ווי מיט פליגל פון אַ פויגל,
קלאַמערט זי אַרום זיין רויטן קאַרק
און מיט די ליפּן נאָענט צו אים אַזוי,
צו הערן ווי די גלידער אירע ציען זיך:
— וואָס שרייסטו, בערעלע, מיין רויטינקער,
— וואָס ווילסטו, בערעלע, מיין רויטינקער:
— ברויט אפשר אַ לאַבן אָדער צוויי,
— צי האָניק פון אַ קוואַרטן־טאָפּ,
— צי גאָר אַ שיסל מילך מיט קאַשע, בערעלע
מיין רויטינקער?

נאָר ער (שוין אויף די אונטערטענער פון אַ באַס):
— נישט ברויט, נאָרטונדראַ,
און נישט קיין האָניק פון אַ קוואָרטן־טאָפּ,

— און נישט קיין מילך מיט קאַשע וויל איך איצט, נאַרטונדאַ.
— נאָר אָט באַטראַכט אַליין!
און מיט דער שקאַרפּעטקע אין האַנט
און מיט זיין גאַנצער גרויס
האָט ער (ווי פון אַ באַרג אַרונטער אַ פּראָפּעט,
וואָס שטראָפט אַ פאָלק) אַרויסגעברילט פון זיך:
— איך קען צום באַל נישט גיין!
— אַ לאָך געפונען דאָ אין שקאַרפּעטקע, נאַרטונדאַ!
ווי שיין און קלוג עס האָט די שלאַנקע פרוי
אַ הויב געטאָן אויף דעם די הענט אירע אין לופטן:
— אָ גאָט! פאַרגיב דיין זינדיקער נאַרטונדאַ,
— עס קען דער הייליקער פּראָפעט צום באַל נישט גיין
— אַ לאָך געפונען דאָ אין שקאַרפּעטקע
— פאַרגיב, אָ גאָט, דער זינדיקער נאַרטונדאַ!

ווי חוזק האָט שוין דעמאָלט אויסגעזען דער רויטער בער.
מער פון אַלץ האָט אים געפּאַסט
דער איינער פוס (דער באָרוויסער)
און דער לאַקירטער שוך, וואָס ער האָט אויף דעם אַנדערן
געהאַט שוין אָנגעטאָן:
דער פראַק אויף אים
האָט אויך זיך שוין געענדיקט.
און דער צילינדער אויך איז אויף זיין קאָפּ געזעסן שוין.
מען האָט אים בלויז געדאַרפט אַ רוקטאָן
מער נאָך אויף אַ זייט אַביסל;
נאָר גיין צום באַל — דאָס האָט ער נישט געקענט, דער רויטער בער,
דאָס האָט ער נישט געקענט:
אַ לאָך אין שקאַרפּעטקע,
אַ לאָך געפונען דאָ אין שקאַרפּעטקע, נאַרטונדאַ!

1925

כל נדרי

דער אַלטער קלאָון פון קאַראַכאַמבאַ
פּלעגט אַריינבראָקן ציבעלעס אין דער קאַווע.
מיר איז אומעטיק, — דערציייל איך מיר דאָס
מיט דעם ניגון „כל נדרי“ אין דער פינצטער.

ווי מאָדנע ער האָט מיט די רויטלעכע אויגן
געפינטלט באַ דעם ליימענעם טעפּל;
מיט אַ פּראָסטן הילצערנעם לעפל האָט ער
די ציבעלעס מיט קאַווע געגעסן.

און זיבן טעג, האַרבסט־רעגן אין פענצטער
קענען אַזוי אָן טויט נישט דערמאָנען,
ווי די אָרעמקייט, וואָס האָט געיאָמערט,
פון זיין יעדן זופּ אַרויסגעיאָמערט.

איך וועל גיין, וואו די אבות זיינען געגאַנגען —
האָט דאָס אָפענע מויל געזאָגט צום לעפל. —
מיין ווייב באַלייקאַ איז אויך שוין דאָרטן,
איך וועל גיין, וואו די אבות זיינען געגאַנגען.

די שטיקלעך ציבעלע אויפן לעפל
האָבן אויסגעזען, ווי צעבראָכענע פּערל;
נאָר זיי האָבן דערמאָנט אויך אָן טאַבאַק־פאַרגעלטע
דאַרע פינגער אויף אַ צימבל.

אין אַ קלייד פון זיבן מאָל זיבן איילן
האָט באַלייקאַ אַנטקעגן געטאַנצט איר חתן.
וואָס וויינסטו, קלאָון פון קאַראַכאַמבאַ,
דאָס איז דאָך בלויז מיין כל-נדרי-ניגון.

דאָס לײמענע קאַווע־טעפּל איז וואַרעם,
אַזוי ווי מיין האַרץ, וואָס איז בלינד־געבוירן;
און די ציבעלע, די אַרייַנגעבראָקטע,
איז האַרב ווי מיין אומעט אין דער פינצטער.

1924

לידער

1.

קיין חזיר־פלייש האָב איך קיינמאָל ניט געגעסן,
נאָר נישט דערפאַר בין איך אַזוי פאַראומערט ;
עס דאַרף מיין קאָפּ אַ קרוין פון אויבן מיט אַ פלעכטל, ,
געגליכן צו אַ רויז, וואָס האָט שוין אָפּגעזוומערט.

אין אַזאַ קרוין וואָלט איך געדאַרפט נישט ריידן, —
עס וואָלט שוין איטלעכער אַליין פאַרשטאַנען ;
בלויז קינדער אפשר וואָלטן שטיינדלעך נאָכגעוואָרפן
מיר, דעם קיניג־זון, וואָס קומט ווער ווייס פון וואַנען.

נאָר איך וואָלט זיך נישט אומגעווענדט, חלילה ;
נאָר ווי אַ גלח גייט פאָראויס אַ טויטן־וואָגן,
וואָלט איך מיט אויגן בלוט־פאַרלאָפענע אינגאַנצן
נישט אָפּגעלאָזט אַ רגעלע פון תהלים־זאָגן.

און מער פון אַלץ וואָלט איך געלויבט דעם הימל
פאַר אָט דעם פלעכטל אויף מיין קרוין פון אויבן ;
און בלויז אַ מערדער, ווען איך וואָלט באַגעגנט
וואָלט איך געבויגן זיך די פיס אים אָפּצושטויבן.

2.

און אַז דער שפּיגל פּוסטעוועט באַ מיר אין אַלקער,
און אַז איך שטעל זיך שוין אַנידער אים אַנטקעגן

פאַרוואָס דאַרף שטיין אַזוי, ווי איך, די האָר די איינע,
אויף דעם קאָפּ מיינעם, וואָס טוט זי זיך נישט לייגן?

וואָס וויל זי ווייזן מיר? צי האָט דער וועלטבאַשאַפער
איר טאַקע אַ באַזונדער שיינקייט מיטגעגעבן?
צי וויל זי טרייסטן מיך מיט דעם, וואָס זי איז איינזאַם
און אומעטיק, ווי איך, אין אָט דעם גרויען לעבן?

פאַרוואָס־זשע שטייט זי ניט, ווי איך, אין ווינקל ערגעץ,
נאָר דוקא אויבנאָן אין סאַמע מיטן אויבן?
נאָר אפשר בענקט זי גאָר, ווי איך, און אַלע ברואים
צו הימל, גאָט און רו אַמאָל זיך אויפצוהויבן?

און אפשר איז דאָס בלויז באַ איר אַזאַ עקשנות
וואָס זי אַליין פאַרשטייט ניט, — ווען מען זאָל זי פרעגן?
און אפשר וויינט זי גאָר, ווי איך, דאָ אויף מיין מזל
און וויל אפשר — און קען זיך נישט אַנידערלייגן?

האָר מיין איינציקע, דו אויף מיין קאָפּ אינמיטן,
שטיי, שטיי און הוידע זיך, פאַרשעם זיך ניט, איך בעט דיך.
זאָל זיך דוכטן, אַז דו ציטערסט אויף מיין קאָפּ דעם גרויען,
ווי איך, בעת איך טרוים פון ציבעלעס מיט רעטאַך.

1924

אָוונט

וואָס זאָגט מיר א קוסט מיט רויזן רויטע,
ווען ער וואַקסט ערגעץ איבער א פאַרקאַן אריבער?
ער זאָגט: אז א מענטש וואָס וויינט אויף א ליבע
וואָס ער האָט פאַרלוירן
זאָל פאַרבייגיין דאָרטן, און זאָל זיך דערמאָנען,
אַז זיין בענקשאַפט איז צו שטויב געגליכן,
אַנטקעגן דער ליכטיקייט פון זיין טרויער — — —

וואָס זאָגט מיר דער בוים, וועמעס צווייגן עס הענגען
צו דר׳ערד אַרונטער, אין אָוונטשיין ערגעץ?
ער זאָגט: אז דער מענטש וועמעס זעל איז פאַראומערט
וויל איינשלאָפן ווי א קינד מיט א שפּילעכל,
ווען די ליכטיקייט פונם טאָג ווערט פאַרביטן
אויף דעם ליכט, וואָס ער האָט געהאַט, און פאַרלוירן.

אָ וויינט נישט מיינע פאַרשעמטע הענט —
איך וועל גיין מיטן קאָפּ צו דער ערד, און איך טרייסטן
ווען איך וועל א קוסט מיט רויזן פאַרבייגיין,
וועט מיין בענקשאַפט צו שטויב געגליכן זיין
אַנטקעגן דער ליכטיקייט פון מיין טרויער.
און מיין זעל, ווי א בוים מיט די צווייגן אַרונטער,
וועט איינשלאָפן ווי א קינד מיט א שפּילעכל,
ווען דאָס ליכט פונם טאָג וועט פאַרביטן ווערן
אויף דעם ליכט וואָס איך האָב געהאַט און פאַרלוירן.

1924

גיי איך אזוי

גיי איך אזוי און טראַכט פון ברויט,
טרעף איך אָן פון העלער הויט
אַ ל"ו קוקט ער מיך אָן
און פרעגט מיך, צי וויל איך אַ הון צו אַ האָן...
טראַכט איך: די הון גיט דעם מענטשן אַן איי,
דער האָן אָבער וועקט פון שלאָף מיט אַ קריי.
און איך דאַרף געבן עסן דעם פערד
און מעלקן די קו און דינען דער ערד.
זאָג איך אים, אַז איך וויל אַ האָן;
רירט ער מיט זיין פּאַטשיילע מיך אָן;
שפּרינגט אַרויס פון איר אַ האָן פון גאָלד, —
אַזוינער טאַקע ווי איך האָב געוואָלט.
נעם איך אים אונטער אַן אָרעם און גיי
ווייטער אַזוי דורכן גאָרטן און שניי.
און איך רעכן מיר אויס דערווייל וואָס איך האָב:
קאַלאָשן, אַ היטל אויף מיין קאָפּ,
אַ רויטן שאַל און אַ האָן פון גאָלד
און איך טראַכט, וואָס נאָך איך וואָלט געוואָלט.
נאָר אַז איך הער, מען רופט מיך פון ווייט,
אַזוי ווי מען וואָלט ניט געהאַט קיין צייט,
שטעל איך זיך אָפּ און ווענד זיך אום
גיט מיר אַ פרוי דורך אַ פענצטער, אַ בלום,
נעם איך — רופט זי מיך אַריין
און הייסט דעם וואָס קניט, מיר ברענגען ווייַן;

טוט ער אָן דר׳ערד מיט זיין קאָפּ אַ הילך
און לויפט און ברענגט מיר קאַשע מיט מילך, —
האָב איך דאָך קאַשע מיט מילך געוואָלט.
נעם איך דאָס גלייך — ווי דעם האָן פון גאָלד —
אונטער מיין אַנדערן אָרעם און גיי
ווייטער אַזוי דורך גאָרטן און שניי,
און איך רעכן מיר אויס דערווייל וואָס איך האָב:
קאַלאָשן, אַ היטל אויף מיין קאָפּ,
אַ שאַל, אַ האָן, אַ בלום אין לאַץ,
און אַ שיסעלע קאַשע מיט מילך אויף אַ טאַץ.
און אַזוי ווי דאָס איז כמעט וואָס איך וויל,
פעלט מיר נאָך — מער ניט אַ בעזימשטיל
צו מעסטן דעם שניי, אַ בייגל רויך
און צום היטל אַ פעדער אין דער הויך,
און צו דעם נאָך אַ פרייע מינוט אָדער צוויי,
זיך אָוועקצוזעצן עפּעס אַ זינג טון אין שניי.
נאָר אַזוי ווי איך ווייס, אַז דעם מענטשן אויף דר׳ערד
איז ניט אַלץ, וואָס ער וויל, צו האָבן באַשערט,
באַנוגן איך זיך מיט דעם וואָס איך האָב,
און דערביי טאַקע — ווי דאָס אויג אין קאָפּ,
היט איך אָפּ איך זאָל — אַזוי ווי איך גיי
ניט פאַרלירן, חלילה, עפּעס אין שניי.

1927

איר מאַן דער קאַפּעלמייסטער מאַכט פּראָבע פאַר זיך אַליין

אַ גאָט, ווי וואונדערלעך איז מיר מיין מאַן.
די הענט זיינע אין לופטן, זינגען דאַכט זיך,
ליכטיקע ווי צווייגן פון אַ בוים, אין פרילינג.
עס קען אָבער דער בוים נישט בליען אָן דער זון,
און סע דאַרף אודאי אויך דער מענש
פּרנסה, אויף צו לעבן.
נאָר אויב ס׳איז וואָר, אַז ס׳האָט אַמאָל אַ הייליקער
פון וואַסער, ווײַן געמאַכט,
איז אפשר אויך מיין מאַן אַ הייליקער אַזאַ —
זיין זאָרג איז דאָך צו סם געגליכן,
און זיינע רייד אָבער צעפּליסט זי זיך
ווי אין דער נאַכט דאָס זילבער פון דער הייליקער לבנה.
— אַ זינדיק נישט מיין ליבע פרוי — זאָגט ער;
דו וועסט די וועלט סאַי ווי נישט איבעראַנדערשן
דער בוים מעג שווינגען זיינע צווייגן איבער זיך
ווי אָפט אים ווילט זיך גלאַט־אַזוי,
און קיינער טייטלט נישט אויף אים מיט זיינע פינגער.
אַ מענטש אָבער, וואָס דאַרף זיין ביסל כח נעבעך
אויסבייטן פאַר גאָלד און כבוד —
שווינגט די הענט זיינע בלויז דעמאָלט
ווען סע ווילט זיך אים, זיי זאָלן האַרט ווי שטיינער
אויף אַ ברודער׳ס פּנים פאַלן —
און ווען סע ווילט זיך אים

אַז אַנדערע מיט כּלים מעשׂענע און הילצערנע אַזוינע
זאָלן אויסשרייען זיין ביסל אומבאַהאָלפנקייט
מיט אַזאַ לופטבייגל, וואָס הויבט זיך אָן
מיט טרו־טו־טו פּאַנ־פּיי־פּאַ פּידל־פּי
און וואָס פאַרענדיקט זיך ווי אויף להכעיס דווקא
מיט בריז — גיר — דררר — בררר — טאַראַבאַך
און בריטאָם באַזדאַ — בזשיטש — בזשיטש —
טאַראַבוטש !

1924

און עס חוזק'ט דער רוימער

ווער עס קניט פאַר זיין ווייב, ווי דער פּריסטער אין קלויסטער
פאַר דער מוטער מיטן הייליקן קינד —
איך זוך מאַריאַ מאַגדאַלענאַ,
ווי זיין אויגנליכט אַ מענטש וואָס איז בלינד.

איך טראַכט וועגן איר און איך זע ווי אין חלום
דאָס שטיקל ערד אין גאַליליי,
וואו דער סטאָליאַר יעזוס באַוויינט נאָך דער אַרבעט
אין שיין פון אָוונט די הענט זיינע צוויי.

די פרוי, וואָס אים מאָלט זיך פאַר זיינע אויגן,
ווי נעפּל איז דין אויף איר פּנים די הויט,
נאָר די הענט זי אָנצורירן — זיי הענגען
ווי טאָרבעס אויף אים מיט בעטלברויט.

זיין מי אויף געלעגערס געשניצטע פאַר טויזנט,
נאָר ער ווי אַ הויפן מיסט אויף דער וועלט.
און עס הייסט דאָך אַז די ערד איז אַ מוטער
צום דאָרן, ווי צו דער זאַנג אויפן פעלד.

און דער הימל אויך — אים איז דאָך אַ שפּיגל
דער זומפּ, אַזוי ווי דער קלאָרסטער קוואַל,
און מיט וואָס איז אַ זויג־קינד אין די ווינדלעך —
אין אַ פּאַלאַץ ליכטיקער ווי אין אַ שטאַל?

עס איז אמת, זיין חבר בן־שמאי איז איידל
און קען תורה אויף אויסנווייניק א סך ;
נאָר אים מיידט ער אוים, ווייל ער האָט ניט קיין פּאָטער
און ווייל ער אַרבעט בא א פּראָסטן פּאַך.

און אויך יענעמס כלה — זיין מייסטערס טאָכטער —
גאָלד איז איר אויסגע׳חלומ׳טע פרייד,
און אַזוינעם ווי ער האָט זי מורא באַרירן,
ביים פאַרבייגיין, מיטן זוים פון איר קלייד.

נאָר וואָס — אַז אפילו דאָס קינד דעם שכנ׳ס,
געליימט און פון אַלעמען אָפּגעפרעמדט,
קערט זיך אָפּ פון אים מיט האַס ווען ער רופט עס
און פאַרהויבט — אים ווי צו טאָן — דאָס העמד.

עס איז אמת אַז, לויט ער שווייגט ווען מען שילט אים,
קאָן זיך דוכטן אַז אַלץ דאַרף זיין אַזוי.
נאָר זיי פרייען זיך דאָך אַפילו דעמאָלט
ווען מען זעט צו אים צוגיין א גאַסנפרוי.

איר באַגלייטער, וואָס האַלט אים פאַר א בעטלער,
וואַרפט אים א גאָלדשטיק וואָס טרעפט ווי א שטיין,
נאָר זי — ווי מיט זיך אַליין אין דער פינצטער —
שטעלט זיך אָפּ לעבן אים אין זיין געוויין.

איר באַגלייטער דער שטאָלצער — פאַר אים א פרעמדער,
א רוימישער גאַרדע־אָפיציר.
אים טוט בלויז ווויי וואָס זי זעט ניט אַז קינדער
טייטלען שוין מיט די פינגער אויף איר.

נאָר אין וועמעס בליק עס איז סם פון ווילדגראָז
אין אירן דער טרויער איז פייער וואָס ברינט,
און ער הערט דאָך אַליין ווי עס פרעגט שוין דער רוימער
וואָס זי זעט אין אים, אַזאַ קויטיקן איד.

און וואָס וויל זי טאַקע פון אים — אַז דער בלינדער
מיידט אוים אַ שטיק גלאָז וואָס ער גייט פאַרביי,
און ער טרעט דאָך אויף זיך אַליין אין זיין עלנט,
ווי אַ קראַנקער אויף זיין בלוטיקן שפּיי.

נאָר פון וועמען עס ווערט, ווי דורך אַ וואונדער
די שווערסטע קראַנקהייט אָפּגעווענדט,
אָבער ער וואָס קאָן טאָן, אַז זי פאַלט מיטן פּנים
ווי אַ שטערן פון הימל אויף זיינע הענט?

און וואָס קען ער ענטפערן דעם רוימער
וואָס לאַכט ווען ער רופט זיי אַ געטלעך פּאָר:
אויך דאָס וואָרט אין דעם נביא'ס בלוט גע'טובל'ט,
ווען ער רעדט עס ווייסט ער ניט צי ס'איז וואָר.

ניט איר פרעמדקייט צו גאָט גיט זי איבער אויף הפקר
צום שקר — וואָס זאָל זיך לאָבן מיט איר,
נאָר די הענט אויף די פידלען באַם שפּיל פאַרן וואוילטאָג,
און דאָס ברויט מיטן ווייַן אויף גאָלדן געשיר.

און ער וואַרפט ניט דעם זאַק, וואָס פאַרדעקט זיין הוילקייט,
ווי אויף אַ מצורע אויף איר אַרויף.
די זינד צו זיך אַליין איז אַ האַרצוואואונד
וואָס פאַרהיילט זיך ווען מען עפנט זי אויף.

און די ווייטקייט וואָס צעשיידט זעען אַלע,
נאָר ווער זעט דעם וועג וואָס פירט צונויף?
און צווישן געפאַלענע צווייַ אין דער פינצטער,
ווער ווייסט — ווער־ווען עס הויבט אויף.

עס איז אמת, הענט נאָך גענוג פאַראַנען
אויף אַ פרוי צו וואַרפן דעם ערשטן שטיין,
און פאַר אים און זיין גלייכן — וועמען קאָן ארן
ווען מען זעט זיי צום טויט מיטן צלם גיין?

נאָר איר מאַנטל דער רויטער — דאָס איז דאָך זיין שטראָפקלייד,
וואָס ער האָט פאַר זיך אין חלום באַשטעלט.
לאָזט ער זיך אָנטאָן, און שטרעקט, ווי צום שעכטן
אַ לאַם, זיין האַלדז איבער איר צו דער וועלט.

איבער איר און איבער דעם בלוט פון אַלע
פאַרגאָסן אומזיסט ווי פון אים און פון איר;
און אַזוי ווי אַ ליל־שמורים־צייכן
וועט דער טויט פון זיי אויפגיין אויף טויער און טיר.

נאָר די נידעריקסטע טיר וועט שוין דעמאָלט צו הויך זיין
פאַר דער רייכקייט וואָס קומט צו באַהאַלטן זיך דאָרט,
און די ערד מיט די וואַסערן וועלן בייטן —
ווי די פרייד מיט׳ן טרויער — זייער אָרט.

און די קרוין אויפן קאָפּ וועט ווי חלב שמעלצן,
און מיט הוילע הענט וועט מען ברעכן די שווערד,
און דאָס מענטשנקינד מיט׳ן וואָלף אינאיינעם
וועלן וויינען באַ ליד פונם וואָרעם אויף דר׳ערד.

און אויף רייטוועגן וועט מען צו קבורה פירן
די שרעק און די אומבאַהאָלפנקייט,
און אפילו דאָס פּנים פון נאַר וועט לויכטן
ווי די זון ווען זי קומט און פאַרגייט.

און ווי מעשר וועט איינער צום אַנדערן ברענגען
דאָס אייגענע לעבן זיינס — אַ געשאַנק.
און דער אָטעם פון ווינט — אַ לייטער צום הימל,
וואָס וועט אויפטאָן זיך מיט אַ גרויס געזאַנג.

1924

אַ ליד פון אַ ליבע

פּיתום ורעמסס צוויי נאָענטע שטעט,
פון דער ביבל אונדז באַקאַנט —
פון ניו יאָרק קיין שיקאַגאָ איז טויזנט מייל ווייט,
און איך בין אַ פרעמדער אין לאַנד.

און איך קען דיך ניט ווי אַ קאָלדרע באַנאַכט
אין מיין בענקשאַפט אַ צי טאָן צו מיר.
כ'האָב געזען בלויז איינמאָל אַזאַ ווי דו —
אין טיראָל — מיט יאָרן פריער.

די בערג דאָרט — העכער און שענער אַ סך
ווי די ווענט מיט די הייזער דאָ.
נאָר רופט מען אַ נאָמען און מ'שרייט אָ־האָ,
ענטפערן זיי אָ־האָ.

און מען דאַרף ניט שפּאָרן די מילך פאַר'ן קינד
צו טרינקען אַ גלעזל וויין,
און די פרוי דאָרט צום פרעמדן — אַן אייגענע פרוי
־־יזן היימישער ניט זיין.

איך האָב אויך אַ היים — גאַליציע,
געבורט קען ניט ווערן באַשטעלט.
צו אַ שיקסע באַ אונדז מעג מען נאָענט זיין בלויז
באַם פּלויט פון טויטן־פעלד.

און איידלקייט מיינט ווען אַ מיידל זעט אויס
ווי אַ באָבע פון אכציק יאָר:
איר הילוך — אַ באַרג פון קלייד אויף קלייד
איבער באַרכעט־הויזן אַ פּאָר.

לשם־מצוה האָט מען חתונה דאָרט,
און אַ טאַנץ גיין הייסט באַ זיי:
אַ פאַטשיילע האַלט די כלה וואָס וויינט,
נעמט מען אָן און מ׳טוט זיך אַ דריי.

נאָר מען קען נאָך אַמאָל אַנטלויפן פון טויט,
אָבער ניט פון דער היים און פון זיך.
און דעריבער דאַרף איך קיין שפּיגל ניט
צו זען אַז איך בין איך.

און שוין צוואַנציק יאָר אַז איך שפּיל זיך בלויז
מיט אַלטקייט וואָס איך געדענק —
און קען זיין אַז נאָך דיר טאַקע האָב איך אַמאָל
באַם שטענדער אין קלויז געבענקט.

איך האָב שוין אַפילו געֶרעדט וועגן דעם
מיט מיין אייגענער שטילער פרוי.
דו האָסט האָר — ניט אַזוי ווי אירע בלאָנד,
ניט אויגן ווי אירע בלוי —

נאָר ס׳איז קלאָר, אַז סע וואָלט ניט פאַר׳סמ׳ט די לופט
דער אָטעם פון אונדזערס אַ קינד.
נאָר דיין שיינקייט — האָניק פאַר מיר צו מיין ברויט —
איז אויך בלוט פון מיין האַרץ וואָס רינט.

דאָ זעט דאָס קינד בײַ דער מאַמען אין בויך
אין טאַטן אַ שונא פֿון לאַנד, —
און דו ווילסט זיך דאָך מקריב זײַן פֿאַר מיר
דעם גע׳מל׳עטן עמיגראַנט.

ס׳איז אמת אַז אויך דײַן געטרוימטער פּרינץ,
וואָס ד׳האָסט אים געבראַכט פֿון סטעפּ,
ליגט שוין טויט ווי דײַן מאַנ׳ס פּאַפּירגעלט אין באַנק,
ווי באַם שערער דײַנע צעפּ.

און איך ווייס אַז סע דאַרף מיר ווײ טאָן אויף דיר,
ווי סע טוט מיר ווײ אויף זיך,
ווען איך זע זיך נאַקעט ווי אין אַ באָד,
אין די היגע כאַלאַט און שיך.

נאָר דורך גראַטעס פֿון טויטנצעל קען מען אויך זען
אַרום דער לבנה אַ שטריק,
און איך זאָג דיר: מיך שרעקט אַפֿילו אין טרוים
דײַן האַנט אויף מיר און דײַן בליק.

דו ביסט ווילדקייט פֿון אַ טאַטעריש דאָרף,
און מעסער־טאַנץ — דײַן געשטאַלט;
איך בין זײדע מיט אַ צעשטאָכן אויג
און זויג־קינד וואָס מען באַפֿאַלט.

אין דיר, ווי אויף סטרונעס פֿון אַ באַס,
דאָס געזאַנג פֿון רײַטער אויף פֿערד.
איך — טויטשרעק וואָס האַלט אַ זעקל באַם האַרץ
מיט ארץ־ישׂראל־ערד.

ס׳איז אמת — אזוי ווי אַ מאַרגנזון העל
גייסטו אויף איבער מיין פאַרגיין;
נאָר איבער מיין גרויען קאָפּ דיין ליכט
איז שפּינגעוועב איבער אַ שטיין.

איך ווייס ניט פאַרוואָס אַ שטיין איז האַרט —
פאַרוואָס שזינגוועב איז דין, —
נאָר מיר דאַכט אַז אויך דיין לעבן דאָ ווײַנט
ווי די פליג אונטער דער שפּין.

עס קען אויך זיין, אַז דאָס אַלץ וואָס איך זע
איז אַן איינגערעדטע וואונד.
(איך האָב מיט מיין נידערגעשלאַגנקייט
שוין לאַנג געשלאָסן אַ בונד);

און אַז איך בין אַליין שוין איבריק פאַר זיך,
בין איך איבריק פאַר דיר סאַי ווי.
נאָר דעם פּייף פון אַ באַן ווען איך הער — טוט מיר וויי:
דו ביסט דאָרט — און איך בין הי.

1930

דאָס ליד פון לונג־פּו, דעם לאָונדרי־מען

מיין שכן דער גאָלדזאַמלער בענדזשאַמין וואר,
פאַר מיר אַ מענטש אַ פרעמדער;
נאָר לונג־פּו דער כינעזער קרייט, ווי אַ האָן,
ווען ער קוקט אויף זיינע העמדער:
ווי וואָלקנס אויפן הימל אין הארבסט
לאַטעס איבער לאַטעס:
און אַ מענטש אין אַ העמד אַזאַ זעט אפשר אויס,
ווי אַ מערדער באַנאַכט, ווען ער קוקט אַרויס
פון זיין טויטנצעל דורך די גראַטעס.
נאָר דאָס שיינע מיידל, די ווייסע פליאַ
מיט די רויטע קאַרשנליפּלעך, —
זי ווייזט לונג־פּלו די פלעקן אין העמד
פון די אויסגעליידיקטע קניפּלעך,
זי ווייזט אים די פלעקן, און לאַכט און זינגט,
ווי זי וואָלט וויין געטרונקען,
און רעדט מיט דעם רייכן בענדזשאַמין וואָר
מיט אויגן, ווי פייערפונקען;
זי רעדט און ציילט זיין גאָלד און לאַכט:
ווי דאָס העמד מיט פלעקן און לאַטעס,
פאַרגעסט לונג־פּלו די טויטנצעל,
פאַרגעסט די שוואַרצע גראַטעס.
טרוימט ער, ווי פליאַ, פון גאָלד, וואָס קלינגט
און פון איר ליבע, וואָס רעדט און זינגט

מיט קאַרשנליפּלעך אין אויגן,
ווי אַ ליכטיקער רעגנבויגן.

די ווייסע פּליאַ האָט אַ טאַטן נאָך,
נאָר אויף יענער זייט ערגעץ דאָרטן;
דעקט זי זיך אָפּ דאָס האַרץ מיט די קני
און הייסט זיך ברענגען די קאָרטן.
דערמאָנט דאָס לונג־פּלו אָן דער קלײנער לי
פון אונטער דעם גאָלדן װענטל
וואָס ער האָט אַמאָל — ווי אַ פויגל־פלי,
נאַקעט געזען אין דער היים אין דער פרי
מיט אַ שמעטערלינג אין הענטל.
גיט אַ בליץ, ווי אַ מעסער אין אַ געשלעג,
זיין בליק אויף קני און האַרצן,
ווייזט אים די ווייסע פּליאַ די שווערד
פון דעם קיניג דעם צלם־שוואַרצן.
וואַכט אויף אין אים זיין שטאָם וואָס האָט
פאַר גאָלד זיך צו מאָרד פאַרדונגען.
צעוואַקסט זיך דער געלער סם אין זיין בלוט,
ווי אַ שלאַנג מיט טויזנט צונגען;
פּאַטשט ער זיך מיטן אייזן, וואָס גליט
אין פּנים און אין די זייטן,
און וואָיעט באַם טאַנץ מיט אַ האַנט אויפן שויס,
ווי זיין שטאָם, פאַר אַ מאָרד, פאַרצייטן.
גיט די ווייסע פּליאַ אַ שפּרונג פאַר פרייד,
קלינגט, ווי גאָלד, איר צעפּלאַטערט קלייד
און דאָס ליד פון שויס און לענדן,
דאָס ליכט פון דער זון צו פאַרבלענדן.

נאָר אַז איבער דעם קאָפּ פון בענדזשאַמין וואָר
גיט שוין דאָס מעסער אַ פינקל,

און אז קיין זאַק מיט גאָלד איז נישטאָ
לעבן דעם טויטן אין ווינקל,
צי וועט אים נאָך ליבן די ווייסע פּליאַ, —
צי וועט זי נישט אַנטלויפן?
צי וועט זי אים ניט, ווי אַן אַלט שטיק גרעט,
באַ זיין פּיינט וואָן־יען אין זיין קויטיק בעט
פאַר זילבערגעלט פאַרקויפן?
אָ, היט זיך לונג־פו, נישט די ווייסע פּליאַ
מיט די רויטע קאַרשנליפּלעך,
נאָר די לאַטעס און די פלעקן אין העמד
פון די אויסגעלייזדיקטע קניפּלעך,
די לאַטעס און די פלעקן אין העמד, —
זיי האָבן אַלץ פאַרנומען;
און זיי וועלן זינגען דאָס ליד פון גאָלד,
ווען אפילו וואָן־יען וועט שטומען;
פון פייער, פון גרויען אַש ארויס
וועלן זיי לאַכן און זינגען,
ביז מען וועט הערן, ווי גאָלד פון אַ זאַק,
דאָס האַרץ דיינס קלינגען און שפּרינגען,
נאָר דעמאָלט וועט שוין וואָן־יען אַליין,
ווי דו, אין דער בלוטיקער נעץ זיך דרייען,
וואו מען האָט אים אַריינגעצווינגן
מיט קאַרשנליפּלעך און אויגן.

און אויך אים וועט מען אָנטאָן די קופּערנע מיץ
און נישט פרעגן צי ער וועט וועלן;
און מען וועט נישט קוקן, צי פּאַסט זי אים,
צו זיין פּנים, צו דעם געלן.
און פאַר וועמען די זון אין יענעם טאָג
וועט אויפגיין, אים פרייד צו געבן,

פאַר דיין פיינט וואַן־יען וועט זי, ווי פאַר דיר,
אויפגיין אַזוי ווי אַ שוואַרצע טיר,
אין דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן.
און אַז ער וועט וויינען הויך אויפן קול
מיט מויל און אויגן אָפן,
וועט דעמאָלט די ווייסע שיינע פליאָ
נאָך אפשר רואיק שלאָפן.
און אַז זי וועט אויפשטיין אין האַלבן טאָג,
וועט זי קוקן אין שפיגל און לאַכן
און זיך שפילן מיט דיר און דעם טויטן וואַן־יען,
ווי אַ קינד מיט שיינע זאַכן;
און מעסטן ווידער איר ליבע מיט גאָלד
פאַר יעדן, וואָס איז דאָ אַ פרעמדער,
און וואָס וואַשט, ווי דו, פון בענדזשאַמין וואָר
די בלאָטע פון פרעמדע העמדער.
און ווער עס וועט זען, אַז זי איז שיין,
אים וועט זי הייסן אין טויט אַריין גיין
פאַר דעם ליכט פון רעגנבויגן,
וואָס ער זעט אין אירע אויגן.

1925

דאָס ליד פון בויניסל דעם יתום

זיצט די באָבע באַם טייטש־חומש און לייענט,
און בויניסל אין דרויסן וויינט
מיט נאַכטיקן ווינט און מיט די בוימער, די הויכע.

— בויניסל קליינס, דו פאַר׳יתומ׳ט קינד,
פאַרוואָס וויינסטו מיט דעם נאַכטיקן ווינט
און מיט די בוימער, די הויכע?

— די באָבע באַם טייטש־חומש געבויגן
וויל בויניסלען נישט זען פאַר די אויגן;
און די מאַמע האָט אים איבערגעלאָזן
ווי אַ פעדערל, וואָס דער ווינט קען פאַרבלאָזן;
און דער טאַטע אונטער דער ערד אַליין
שלאָפט שוין — קיינמאָל נישט אויפצושטיין.
איז קיינער נישטאָ, וואָס זאָל בויניסלען שלאָפן לייגן,
שלאָפן לייגן.

— האָט דאָך בויניסל אָבער זיבן ברידער,
גוט־האַרציקע, ווי קינדער־לידער,
אין די שטילע ווינקעלעך פון דער וועלט.

— האָט טאַקע בויניסל ברידער זיבן,
האָבן זיך אָבער אַלע פאַרקליבן
איבערן ים, מיט שיפן צו פאָרן,
קיין פינטשע־מינטשע־דרינטשע.

— פרעגט די וועלט, אפשר ווייסט עמיץ פּאָרט,
בוינים׳ל׳ס ברידער, וואָס טוען זיי דאָרט,
אין פינטשע־מינטשע־דרינטשע?

ענטפערט בוינים׳ל, אַז ער ווייסט;
און ער רופט זיי ביים נאָמען, ווי יעדער הייסט.
און ער זאָגט, אַז דזשייקעלע זאַמלט געלט,
און אַז אייבי שטראָפט אים מיט יענער וועלט,
און אַז מעקסי קלאָגט וואָס ער איז אין דער פרעמד,
און אַז דזשאַני גייט אַרום אָן אַ העמד,
און אַז איזי חלומ׳ט אַ מלך צו זיין,
און אַז סעמי שפּייט גומע אין הימ׳ל אריין,
און אַז באַרני דער עלטסטער בלאָנדזשעט אַרום
אַזוי ווי אַ גולם גרוי און שטום —
אין פינטשע־מינטשע־דרינטשע.

— פרעגט די וועלט: — וואָס וועט זיין דער סוף,
די נאַכט איז דאָך געגעבן פאַר שלאָף,
און נישט מען זאָל וויינען מיטן נאַכטיקן ווינט,
און מיט די ביימער, די הויכע?

— איז טאַקע די נאַכט געגעבן פאַר שלאָף,
נאָר בוינים׳ל ווייסט ניט פון קיין סוף,
זיצט ער און וויינט מיטן נאַכטיקן ווינט,
און מיט די ביימער, די הויכע.

1924

דער משיח־זוכער

א יונגער מאַן מיט אַ בלייך צעשראָקן פּנים
און מיט האָר ווי שפּיזלעך אויפגעשטעלטע
האַלט אַ פּייפל פעסט מיט ביידע הענט
און זיצט אין די גאַטיעס אויף אַ בעט
וואָס וויגט זיך אויף אַ גרויסן טייך.
פרעג איך ביי דעם פאַרבן־קינסטלער:
וואָס באַטייט דאָס בילד?
ענטפערט ער: — דער משיח־זוכער!
און ער הויבט אָן אַזוי:
מאָלט אייך אויס, אַז מיטאַמאָל דאַכט זיך אייך
אַז מען וועקט אייך
און מען זאָגט אייך אין דער פינצטער,
אַז קיניג דוד שיקט אייך אַ פּייפל,
מילא, זעט איר דאָך, אַז ס'איז שוין פאַרפאַלן,
נעמט איר שוין און הויבט אָן שפּילן
ערשט — איר זעט — וואַסער גיסט זיך — — — —
טאַקע פונם פּייפל, דאַכט זיך.
מילא, זעט איר דאָך — ווי געזאָגט — אַז ס'איז פאַרפאַלן.
זוכט איר שוין עפּעס אַ זאַך מיט וואָס צו פאַרשטאָפּן.
קענט איר דאָך אָבער נישט געפינען ס'לעבל אין דער פינצטער.
איז טאַקע ביטער, — וואָרים עס ווערט דאָך אַ טייך.
זיצט איר שוין אין בעט ווי אין אַ לאָדקע
און איר רודערט מיטן פּייפל ווי שטאַרק איר קענט
וואָרים קיין אַנדער זאַך האָט איר דאָך נישט.

ערשט, איר הערט — מער רופט אייך.
— ווער איז ?
— אַ בת־קול.
— וואָס וויל עס ?
— גאָרנישט. עס וויל בלויז פרעגן, צי איר זענט הונגעריק.
זעט איר דאָך, אַז דאָס בת־קול איז אַ בהמה :
וואָרים וואָס עפּעס אין מיטן־דרינען ?
ענטפערט איר — ווי מען זאָגט — אונטער דער נאָז
און פּאָרטיק.
לאָזט זיך אָבער אויס, אַז דאָס זיינען גאָר
צוויי פּרינצעסינס,
וואָס רופן אייך פוןביידע זייטן ברעג.
וואָס ווילן זיי ?
— זיי ווילן זופּן ס׳פּייפל.
דערהערט איר אַזאַ זאַך,
ווערט אייך שוין פינצטער אין די אויגן, פאַרשטייט זיך.
וואָרים — אַ קשיא אויף אַ מעשה — אפשר זיינען דאָס גאָר
נישט־גוטע,
קענען זיי דאָך עפּעס אָפּטאָן אויך.
איז וואָס איז דאָ צו קלערן ?
אודאי האַלט איר דאָס פּייפל מיט ביידע הענט
און איר הויבט אָן שרייען מיטן גאַנצן כח : שמע ישראל !
נאָר, אַז גאָט וויל
און איר כאַפּט זיך אויף דערביי, אויף אַן אמת טאַקע,
זעט איר דאָך שוין אַליין
אַז איר האָט אָפּגעטאָן מסתמא עפּעס אַ נאַרישקייט אַזאַ
וואָס ס׳איז אפילו נישט כדאי צו ריידן וועגן דעם.

1924

מיין שרייענדיגקייט

מיין שרייענדיקייט איז איינגעשלאָפן אין מיר,
ווי אַ קראַנקער אין אַ ווינטער־נאַכט אויף אַ שטיין אין דרויסן.
דאָס ליכט פון דער לבנה אויף אַזוינעם
איז געל, ווי אויף אַ געשטאָרבענעם.
און בלויז דער ווינט, וואָס פליט אַרום — זעט אים.
די וועלט? — וואָס די וועלט?
פאַראַן פענצטער אומעטום.
אַ סך זיינען פינצטער.
די איבריקע לויכטן אַנטקעגן רעלסן
בײַ די ברעגן פון ים,
פון הויכע בערג אַרונטער
און פון פּאַלאַצן אַזוינע מיט גאָרטן און צוים אַרום זיך,
וואו מען שפּילט, דאָרטן טאַנצט מען
מיט וואַרעם לייב אונטער זייד און סאַמעט און קאַמגאַרן.
וואו מען זיצט אַרום טישן געדעקטע,
זעט מען געלן קוכן און ברוינעם קוכן
צווישן פינגער און ציין, ווי פּערל שיינע,
און פלעשער מיט לאַנגע שמאָלע העלדזער,
מיט זילבער פון אויבן און מיט גאָלד —
און בלומען.
אמת. די בלומען קאָסטן אַ סך איבריק געלט,
נאָר זייערע פאַרבן אונטער דעם ליכט,
וואָס באַלויכטן די מענטשן אַרום,

דערמאָנען אַ רעגנבויגן איבער קינדער
און רעגן־טייכלעך.
קינדער אַזוינע הויבן זייערע העמדלעך
ביז איבער די נאָפּלען אַרויף
און זיי האָבן ליב צו לאַכן איינס צום אַנדערן.
און וואָס קינדער באַטאָג — דערוואַקסענע באַנאַכט.
מען לאַכט און מען רעדט אַזוי,
אַז מען ווערט צאַרט און בויגיק דערביי,
ווי ערשט פון מוטער־לייב.
און אויפמאַכן אַ פענצטער פון דרויסן
וועט מען זיי בלויז איבערשרעקן — און מער גאָרניט.
ווי שיין מען זאָל נישט דערציילן וועגן דעם שטיין אין דרויסן
און פון יענעם, וואָס שלאָפט אויף אים
און וואָס זעט אויס ווי אַ געשטאָרבענער —
וועלן זיי ניט גלויבן.
פרויען מיט אויגן הימלדיקע וועלן באַדויערן
דעם, וואָס דערציילט,
און וועלן אויסזען דערביי נאָך שענער ווי פריער.
פרויען מיט טונקעלע אויגן,
וועלן זאָגן — אַ קינסטלער אַ הונגעריקער,
וואָס וויל ניט נעמען קיין ברויט אומזיסט.
דערציילט ער עפּעס דערפאַר.
דאָס אַלטע פּאָר אָבער,
וואָס ביידע זען שוין מער גאָרניט.
און וואָס צוליב זיי איז דער יום־טוב,
וועלן ציטערן מיט אַלע פאַלדן אויף זייערע פּנימ׳ער
און זיך צובויגן איינס צום אַנדערן,
און וואָס מען וועט פירזאָגן, וועט מען נאָכזאָגן.
מען קען זיך עס אויסמאָלן אַפילו אַז מען וויל
מער ווייניקער אַזוי —

זי: שרעק זיך ניט, פּאַטערל;
ער: שרעק זיך ניט, מוטערל;
זי: עס איז גאָרנישט, פּאַטערל;
ער: עס איז גאָרנישט, מוטערל;
זי: דער ווינט גייט דאָס אַלץ, פּאַטערל;
ער: דער ווינט גייט דאָס אַלץ, מוטערל.
דער ווינט גייט, פּאַטערל.
דער ווינט גייט, מוטערל.
דער ווינט גייט —
דאָס אַלץ.

1927

זאָל דאָס זיין אַ וואָרענונג

אַ פרעמדער, רעד׳ ניט קיין בייז אויף מיר,
איך וועל אָנשיקן דעם פויגל אויף דיר.
מיט דעם רויטן טשופּיק, ער בייסט וואו מען דאַרף,
און זיין שנאָבל איז שיר ווי אַ חלף שאַרף.
ערשט נעכטן האָט ער מיר געבראַכט
זיבן צונגען, וואָס האָבן פּליאָטקעס געמאַכט.
און מיין גוטע פרוי האָט זיי אַלע דערקענט,
און האָט זיי דערפאַר מיט די אייגענע הענט
אין אַ שיסל, ווי הערינג איינגעמאַרנירט,
און איך האָב זיי אין מאַרק אַוועקגעפירט,
און איך האָב זיי פאַרצוקערט, אָט זעט אַליין,
איך גיב אָן די נעמען פון זיי, ווי זיי גיין:
די ערשטע, ציפּעס צונג — צוליב שפּאַס,
האָט געקויפט דער שניידער בראָנפּענפּאַס.
און גנעשעס צונג האָט אַ פראנט מיט אַ בוך
געקויפט זיך צו פאַרלאַטען אַ שוך.
און סאָשעס אַ גלאַטיקע ווי אַ פּליך
האָט אַ איד מיט מערידן גענומען פאַר זיך.
און דוואָשעס האָט געקויפט אַ פּאָעט
אָנצואווייזן מיט איר ערגעץ הער.
און חנה׳ס און מירלס זיינען אַוועק
מיט דער אָקסן פּאָסט קיין העקנסעק.
און אפילו יענטעס — די מיטן שפּיץ,
וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ טויטער בליץ

ווייל מען האָט זי צופיל באַטאַפּט און באַפּוצט
האָב איך נאָכדעם אויך אַריינגעשטופּט
עפּעס איינעם אַ קלעזמער, ווי מיר דאַכט,
ער האָט זי מיר באַלד צוריקגעבראַכט.
נאָר דעמאָלט בין איך שוין, לײדער, געווען
פאַרנומען מיט דעם „טשייני־מען“
וואָס האָט זיך ניט אומיסטן פאַר'סמ'ט —
געוואָלט איר קויפן אַ צונג, און פאַרזאַמט.
און געגעבן זיך מיטן קאָפּ אַ שטרעק
צו טאָן צו דער ליידיקער שיסל אַ שמעק.
און שוין, אין דעם זעלביקן אויגנבליק
געפאַלן מיטן קאָפּ אויף צוריק,
ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל צו דער ערד —
און גלייך די אויגן איבערגעקערט.

1927

דער פילאָזאָף מיט דער בולקע

פאַר דער בולקע וואָס מען האָט אים ערשט געבראַכט,
זיצט דער פילאָזאָף און קוקט אויף איר און טראַכט:
ברוין געבאַקן איז די בולקע — ווייך און פריש, —
איז זי בעסער ווי געבראָטנס און פון פיש.
דאָס איז אמת, ווי ס׳איז אמת, אַז איך בין,
ווער עס ווייסט דאָס, איז דאָס שוין אַ גרויס געווין.
פּאַסט זיך אָבער? — דאַרף מען דען נישט זיין אַ גוי
אויפצופרעסן זיך אַ בולקע גלאַט־אַזוי?
דאַרף מען נישט צוערשט אַ טראַכט טאָן וואָס און ווען?
ווי אַזוי די בולקע האָט די וועלט דערזען?
אמת איז, דאָס טראַכטן קומט ניט אָן גאָר לייכט
אָבער פילאָזאָפיש־רואיק ווערט דאָך אַלץ דערגרייכט.
נעמט מען טאַקע אַזאַ בולקע אין די הענט,
און באַטראַכט זי פון היסטאָרישן מאָמענט.
אַלזוי: קודם פרילינג, דאָס גיט יעדער צו,
נאָכדעם וואַקסט אַ בוימל אין אַ גאָרטן וואו.
אויף דעם בוימל וואַקסט אַ בלעטל פריש און גרין,
אויף דעם בלעטל וואַקסט אַ וואָרים קליין און דין.
פרעסט דער וואָרים אויף דאָס בלעטל ביז צום ברעג,
און ער ווערט אַ שמעטערלינג און פליט אַוועק.
קומט דערנאָך די הון פון גאָרטן — טוט אַ שפּרונג,
כאַפּט דעם שמעטערלינג באַם פליגל — און אַ שלונג,
נאָכדעם זיצט די הון און קוואָקעט, אָך און ווי,
ביז זי לאָזט אַרויס מיט מזל זיך אַן איי.

קומט דער בעקער און כאַפּט דאָס איי, און שוין צעקנאַקט,
אויסגעמישט מיט מעל, אין אויוון, און עס באַקט.
באַקט זיך אוים די פרישע בולקע. וואָס איז דאַן?
פאַר אַ גראָשן קויפט זי אָפּ אַ יונגערמאַן.
און ער ברענגט זי דאָ צו מיר אין שטוב אַריין.
עס איך אויף אַצינד אַ בולקע וואָס וועט זיין?
אין מיין מאָגן ווערט זי אָן איר שיין געשטאַלט,
ביז זי קומט אַרוים ווי עפּעס אַנדערש באַלד.
לאָדט זי אויף דער פּויער, אויף זיין גרויסער פור,
שלעפּן זי צוויי פערד צוריק צו דער נאַטור,
צו דעם אָפּשטאַם-בוימל, הייסט עס, — דאָרט אַהין,
גיט דאָס קראַפט אים , וואַקסט דאָס בלעטל ווידער גרין.
נאָכדעם: וואָרים, שמעטערלינג און הון און איך —
און אַזוי, מיין ליבע בולקע, דרייסטו זיך
אין דיין אייגן לעבנס-רעדל אייביק לאַנג,
אייביק, אייביק, אין אַ קיילעכדיקן גאַנג.
אַלזוי! — ווי מען זעט, איז אַלץ היסטאָריש-וואָר, —
פאַר אַ פילאָזאָף מוז אַלצדינג ווערן קלאָר.
איצטער מעג ער זי שוין עסן דאַכט זיך — יאָ?
איז אָבער, וואַרט אַ ווייל! אַ קשיא איז נאָך דאָ;
באַטראַכט די בולקע, מענטש ווי קיילעכדיק זי איז,
און זאָג: וואו גיט מען איר דעם ערשטן ביס?
אמת; פאַר אַ פילאָזאָף איז גאָרנישט שווער.
פונדעסטוועגן האָט ער די בולקע הין-און-הער
געדרייט, געדרייט, אַרומגעטראַכט, געוואָרן בייז!
און נאָכאַמאָל זיך אָפּגעווישט דעם שווייס,
און נאָכדעם מיט אַ קאָפּ, ווי אַ שטיק שווערע בליי,
אָנגעהויבן טראַכטן ווידער אויף דאָס ניי.
דער סוף אָבער, וואָס האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן,
דערנאָך — איז גאָרנישט אַזאַ פריילעכער געווען.

זיבן טעג געגריבלט זיך, געברענט, געברויזט,
געזעצט אין טיש אריין מיט שטערן און מיט פויסט,
און ווידער זיך געקריגט מיט זיך, און זיך געהיצט,
און נאָכאמאָל מיט אייזוואַסער זיך אָפּגעשפּריצט,
נאָר ווי געזאָגט, דער סוף — פאַר קיין שום פּריינט געדאַבט, —
אין סאַמע זיבעטן מעת לעת, אין מיטן נאַכט,
איז ער אַן אָנגעשפּאַרטער מיטן קאָפּ אָן וואַנט,
געשטאָרבן מיט דער בולקע אין דער האַנט.

1924

אין האָטעל „ראָיאַל"

1

טו מיר אוים מיין מאַנטל, באַדינער,
נאָר איך בעט דיך האַלט אים מיטן לאָך אַראָפּ, —
מען מוז נישט זען ווער איך בין;
זאָל מען מיינען, — אַ סוחר פון ווייטן, וואונדערלעכן ווין,
צי גאָר פון סאַמע פּאַריז אַ קינסטלער אַזוינער.
אמת איז,
אַז לויט דער גרוים פון מיינע פיס
זע איך אוים ווי אַ האָלענדישער שיפער
אין הילצערנע שיך.
אָבער מיין זילבער גרויער קאָפּ
און מיינע בלויע אויגן,
און לויט איך שטיי, ווי אַ סטרונע אויסגעצויגן,
בין איך אפשר אַ געזאַנדטער פון ענגליש־קיניגלעכן הויף.
— דעק צו דעם לאָך פון מיין מאַנטל, באַדינער,
דעק צו, אַ פינצטער יאָר אויף דיר!

2

איך האָב היינט אוועקגעטראָגן די הויזן צום שניידער,
ער זאָל אויפבויגן די פּאַלבאַנעם און מאַכן לענגער;
זיי זיינען ווי דורך כישוף געוואָרן קירצער און ענגער.

און די פּיס באַ מיר זיינען, ווי געזאָגט, אַביסל צו גרויס.
און איך האָב נישט קיין אַנדערע זאָקן, ווי ווייסע.
און דאָס איז דאָך באמת גאָרנישט קיין שיינע מעשה; —
מען קען דאָך נישט שמייכלען אַפילו אַזוי ווי עס בעדאַרף צו זיין,
ווען מען שטייט מיט אַזוינע הויזן, אויף אַזוינע פּיס, און
מען רעדט אַזוי,
צו אַ שיינער פרוי,
אין דער גאָלדענער „לאָבי" פון שיינעם ראָיאַל־האָטעל.

3

גיי איך מיר אַזוי פון מיין אייגענער שמחה אין פראַק און צילינדער;
און ווי מען שלעפּט אַ הינטל אַ קראַנקס אויף אַ זיידן שטריקל,
שלעפּ איך עפּעס, וואָס מען האָט מיר געשאָנקען דאַכט זיך,
און וואָס איך ווייס נישט, צי איז דאָס אַ קעלבל צי אַ ביקל.
און הינטער מיר און אַלע מיט קעפּלעך אַרונטער.
און פּאָרוויז און אין ווייסן אַ סך קליינע קינדער
זינגען אַ קאַפּיטל תהילים.
און אַרום זיי עפּעס אַ מאָדנער פרעמדער עולם,
וואָס פרעגט אַפילו נישט צי מען וויל אים,
און העלפט אונטער.
און פון גאָר הינטן, כמעט פון דערוויטנס, — אַ גולם
וואָס טראָגט אויף די פּלייצעס אַ באַרג ביז אונטערן הימל,
און וואָס אַלץ אויף אים איז שפּינגעוועב און שימל.
און באַ מיר אין דער היים, באַם ים מיין אייגן ווייב און קינד —
ביידע מיט גאָלדענע האָר אין דעם זאַלציקן ווינט
וואָס ברעכט איבער זיי אינם איינציקן בוים די צווייגן —
און ביידע בלייך
און מיט אָפענע מיילער —
קוקן און שווייגן.

4

מען נעמט און מען טוט זיך אַ שטריימל אָן, אויב מען וויל,
און מען גיט זיך אַזוי אַ זעץ אַוועק אויפֿן דיל;
און מען הויבט זיך אָן דרייען אויפֿן געזעס אין אַ ראָד,
און מען רעדט זיך איין אַז דאָס לויבט מען אַזוי דעם ליבן גאָט,
וואָס האַלט אַ קליין וויינענדיק מלאכ׳ל אויפֿן שויס
און צופּט אים אײַנציקווייס די גאָלדענע הערעלעך אויס.

נאָר אויב עס דאַכט זיך, אַז גאָט איז מיד פֿון דעם לויב,
נעמט מען און מען גיט זיך מיטאַמאָל אַ הויב,
און מען גיט אַ שטרעק אַרויס דורכן פֿענצטער דעם קאָפּ,
און צום ערשטן־בעסטן, אונטן, גיט מען אַ געשריי אַראָפּ:
פּאַמעלעך, פּעטער, גיט אַכטונג און היט זיך ווי איר גייט,
נאָר אויב יענעם געפֿעלט ניט און ער גיט ווי אַ הונט פֿון קייט
זיך אַ ריס, און הויבט אָן לויפֿן אין דער לופֿטן מיט די הענט
וואוהין די אויגן הייסן, — מיינט ער דאָך, אַז סע ברענט;
טראַכט מען זיך שטילערהייט: מילא, אפֿנים, אַז ס׳איז ניט
באַשערט
צו קענען שרייען ווי אַ נביא און צו ווערן געהערט.

נאָר וויינען צוליב דעם דאַרף מען ניט. דאָס איז ניט שיין,
ניט פֿאַר די ווענט, נאָר אַפֿילו פֿאַר זיך אַליין.
דאָס בעסטע דעמאָלט איז, מען שווייגט, אָדער מען נעמט גאָר
און מען גייט אַראָפּ און מען זעצט זיך צווישן אַלטע ווייבער אַ פּאָר,
און מען הייסט זיי עפֿענען די מיילער, און מיט אַ שטיקל קויל
פֿאַרשרייבט מען וויפֿל איטלעכע האָט ציין אין מויל;
און מען דריקט אָפּ אַ זיגל אויף דעם און מען שיקט דאָס אַוועק
צו דעם גרויסן געלערנטן מעקאַרטי מעקמעק,
וואָס אַלע נאַכט

בינדט ער — מיט אַ גרויס געוויין,
זיך ברילן צום פּופּיק צו פֿאַרן שלאָפֿנגיין;
און וואָס טוט דאָס — ווי סע הייסט — ווייל ער טראַכט,
אַז ווען די אויגן וועלן זיין פֿונם שלאָף פֿאַרשטעלט
זאָל כאָטש דער נאַרישער פּופּיק זען וואָס סע טוט זיך
אויף דער גרויסער וועלט

1924

אַ סאַמעטן קלייד

האָט די פרײַלין אין בעט זיך געשטעלט אויפֿן קאָפּ
און מיט די נאַקעטע פֿיס אין דער לופֿטן
אַזוי ווי אַ ווינט זיך צעווייִנט;
— אַ סאַמעטן קלייד, אַ סאַמעטן קלייד!
האָט איר די אַלטע מיט אויגן פֿאַרמאַכטע פֿאַרשלאָפֿענערהייט
צוגעזאָגט קויפֿן אַ מעשענעם גרויסן טראָמפּייט
זי זאָל קענען די באַקן צעבלאָזן, ווען זי וועט וועלן.
איז דאָס דער פֿרײַלין, וואָס האָט זיך געשטעלט אויפֿן קאָפּ
נישט געפֿעלן.
האָט זי די נאַקעטע פֿיס אין דער לופֿטן,
אַזוי ווי אַ בייגל פֿאַרדרייט
און זיך אײַנגעשפּאַרט דווקא;
— אַ סאַמעטן קלייד, אַ סאַמעטן קלייד!
האָט די אַלטע די אויגן געעפֿנט און שטילינקערהייט
געשוואוירן זיך, — אויב זי וועט שלאָפֿן; זאָגט זי איר צו
צו קויפֿן באָם פֿאַסטוך די רויטינקע פֿלייט
וואָס מען קען אויף איר מאַכן דו־דו־ און דודל־אָו־דו.
האָט דעמאָלט די פֿרײַלין, וואָס האָט זיך געשטעלט אויפֿן קאָפּ
שוין טאַקע אַזוי ווי פֿאַרגעסן כמעט אָן דעם סאַמעטן קלייד,
און מיט די נאַקעטע פֿיס, ווי אַ קינד, מיט די הענטלעך פּאַר פֿרײ־
זיך געשטרעקט און געשפּרייט
און געפּאָכעט מיט זיי אין דער לענג
און געפּאָכעט מיט זיי אין דער ברייט.

ביז זי האָט זיך ווידער דערמאָנט.
און מיט די פּיס אין דער לופטן אַזוי ווי משוגענערהייט
זיך איינגעשפּאַרט דווקא נישט אנדערש ;
— אַ סאַמעטן קלייד, אַ סאַמעטן קלייד !

1924

דאָס ליד פון דעם געשטאָרבענעם פּאַן

געשטאָרבן דימיטרי, אַ פּאַן אין דער וועלט,
— זונעלע מיינער, זונעלע מיינער.
האָט דאָס גלעקל גערופן דעם פּויער פון פעלד:
קום, דער טויטער איז דיינער.
האָט דער פּויער צומערשטן זיך אָפּגעקערט
און געענטפערט: נישט מיינער, נישט מיינער.
נאָר דערנאָך ווען אים האָט זיך געדאַכט אַז ער הערט
אין דעם רוף פון גלעקל וויינען דעם טויטן,
איז ער מיט אויגן אַראָפּ צו דער ערד
מיט דעם גרינעם גאַרטל אין העמד זיין רויטן,
נעגאַנגען הינטער דעם טויטן.

טראָגט מען דעם פּאַן אויפן צווינטער אַרויס,
— זונעלע מיינער, זונעלע מיינער.
האָט דאָס גלעקל גערופן אַ אידן פון קלויז:
קום, דער טויטער איז דיינער.
האָט דער איד צומערשטן דאָס ספר פאַרמאַכט
און געענטפערט: נישט מיינער, נישט מיינער,
נאָר דערנאָך, ווען אים האָט זיך אויסגעדאַכט
אַז ער הערט ווי מען הייסט אים קריעה רייסן,
איז ער שוואַרץ און פינצטער אַזוי ווי די נאַכט
אין זיין אייביק קאַלטן קיטל דעם ווייסן,
געגאַנגען קריעה רייסן.

ליגט דער פּאַן שוין לעבן זיין גרוב, אויפן גראָז.
— זונעלע מיינער, זונעלע מיינער.
רופט דאָס גלעקל דעם הונט אַרום הויף און שלאָס:
קום, דער טויטער איז דיינער.
האָט דער הונט זיך אַ צי געטאָן אַרויף
און געענטפערט: — ניט מיינער, ניט מיינער.
נאָר אַז ער האָט געהאָרכט — און עס הערט ניט אויף
דאָס גלעקל רופן צום גרוב וואָס איז אָפן,
איז ער אַוועק פון שלאָס און פון הויף
און ווי גיך מען קען — צום גרוב געלאָפן
וואָס איז שוין געלעגן אָפן.

ליגט דער פּאַן שוין אונטער זיין בערגעלע ליים.
— זונעלע מיינער, זונעלע מיינער.
שווייגט דאָס גלעקל שטיל, גייט דער פּויער אַהיים —
צוריק, צו דער זאָרג צו זיינער,
זעט דער הונט אים גיין, שטייט ער אויף און גייט מיט.
רופט דער פּויער אים, ברודער מיינער.
דערזעט זיי אינאיינעם פון קלויז דער איד
אַרויסגיין פון צווינטער־טויער,
וויל ער גיין מיט זיי און ער רירט זיך ניט,
ווי דער גאָט דער שטיינערדיק־גרויסער
איבער אים — באַם צווינטער טויער.

1927

דער פּאַן האָט געזאָגט

דער פּאַן האָט געזאָגט: דו קום ווען דו וועסט זען
ווי דיין מאַן האָט צעטראָטן מיין ברויט און גראָז;
און זי האָט אַרונטערגעלאָזן איר קאָפּ,
און זי האָט אים נישט איבערגעפרעגט פאַרוואָס.

דער פּאַן האָט געזאָגט: דו קום צוגיין
אין אַ ריינעם אונטערקלייד און העמד;
און זי האָט געהערט ווי עס וויינט אונטער אים
איר לייב אַזוי ווי אַ הונט אין דער פרעמד.

דער פּאַן האָט געזאָגט: דו קום פאַרנאַכט,
ווען אַלץ איז ווי בלוט, פון קינדער, רויט;
און איר האָט זיך געדאַכט אַז זי הערט ווי עס רעדט
איר קינד, וואָס דער הונגער האָט געטויט.

דער פּאַן האָט געזאָגט: דו קום ווי אַ שוואַלב,
וואָס פליט אַוועק פון דער קאַלטער וועלט;
און זי האָט געטראַכט אַז אויך זיין זון
האָט זי צו זיך ווי אַ הור באַשטעלט.

1927

לאָס־אַנדזשעלעס

באַם קאָנצערט פון אַ וואונדערקינד האָט מיך פאַרמאַטערט
דאָס געוויין פון אַ קלעזמער אַן אַלטן.
ער האָט רומאַטיזם אַזוי, אַז ער קען שוין
קיין פידל אין האַנט ניט האַלטן.

נאָר צו טרייסטן זיך — האָט ער געזאָגט, ר'עט נאָך שפּילן;
ער הערט ניט אויף צו האָפן.
און דאָס האָט מיך דערמאָנט אָן מיין אייגן גורל,
וואָס לאָזט מיך קיין נעכט ניט שלאָפן.

געקומען אַהער אין דער וואַרעמער געגנט
אַ קראַנקער זיך דאָ צו היילן,
און מען שניידט מיין לייב אַזוי ווי לעקאַך
אויף אַ שמחה אויסצעטיילן.

איך בין שטיל, דאַכט זיך, ווי אין ווינט אַ פעדער
פון אַ צעריסענעם פּעכער,
און זיי איבער מיר קויטיק־שוואַרצע און רויטע
ווי קוימענעם איבער די דעכער.

איך זוך ווי אַ קינד אויף דאַטשע אַ בוימל
מיט קאַרשן עטלעכע רויטע,
און זיי שיקן מיר זקנות מיך צו מעסטן
ווי קהל תּכריכים אויף טויטע.

איך וואַרט ווי דורך אַ פענצטער מיט גראַטעס
אויף אַ טרייסטוואָרט אין מיין טרויער,
און זיי — ווי קינדער מיט פּורים-גראַגערס,
מיט סודות פון אויער צו אויער.

זייערע מאַנען, דאַכט זיך, אויסגעדראַרטע
כאָטש איינער פון צווייטן רייכער,
און זיי — דורך סאַמעט און זיידנס — מיט קנייטשן,
ווי מיט וואורשטן אַרום די בייכער.

זעץ אַ שוסטער אַנידער צווישן פרויען —
זעט ער שיך ווען ער זיצט געבויגן.
איך זע ווי אין מרחץ אַ טוקערן אייביק:
ביילן מיט הינעראויגן.

אַ מערדער — אַזוי געבוירן אפשר —
בינדט מען די פיס אין קייטן,
און אַ דיכטער לאָזט מען זיך חנ׳דלען מיט פרויען,
וואָס זיצן מיט שוים צעשפּרייטן.

מיר איז רעכט ניט איינמאָל אַליין זיך צו וואַרפן
ווי אַ זאַק מיט הינט אין וואַסער,
און פאַראַנען לייט אַזוינע מיטברילן
וואָס רופן מיך מענטשנהאַסער.

נאָר מיין פריינדין, — דאָס בלוט דאָס יונגע,
קריגט זיך און גיט זיך ניט אונטער.
מען דאַרף טאַקע — זאָגט זי — ניט קוקן אפשר
ביז אונטער׳ן העמד אַרונטער.

נאָר די צונג איז ניט קיין ווינט — זי זאָל דרייען
די פליגל פון אַלטע מילן,
און אומגליק איז ניט קיין קינד אין וויגל
וואָס לאָזט זיך מיט רייד פאַרשפּילן.

און וואָלט מען אין צייט — זאָגט זי — וועטשערע קאָכן,
קען מען שיין זיין אויך אויף דער עלטער,
און זאָל מען זיך אָנטאָן אַ שאַל אויב סע דראָזשעט
פאַרנאַכט ווען די לופט ווערט קעלטער.

און פרעגט זיך אין דרויסן אַ בלינדער — צו וועמען
קען מען אונטערפירן דעם בלינדן?
און דעם קאָפּ זיך צו וואַשן דאַרף מען ניט וואַרטן
ביז פרייטיק פאַר שבת־ליכט־צינדן.

און קיין שטערן אין הימל — זאָגט זי — לויכט ניט
ווי אַ פרוי אַזאַ פאַר די אויגן,
ווען מען זעט זי זונטיק ביינאַכט ביי אַ לעמפּל
צו אַ שקאַרפּעטקע צוגעבויגן.

און וואָס וואָר איז וואָר. ווען איך הער זי ריידן
ווערט מיר שוין קלאָר אינגאַנצן,
פאַרוואָס מען איז בייז, ווען מען זעט מיך מיט איר
אַמאָל אין אַ יובל טאַנצן.

מען טאָר — ווי געשריבן שטייט — ניט ווייזן
קיין אינגערם פון איר, פאַר דער אישה.
זיי הייסן דיך גריזשען ברויט פאַרעלטערטס
באַ אַ מולטער מיט בולקעס פרישע.

זיי היטן אַליין זיך פאַר פליייש פאַרעלטערטס,
וואָס קען ווערן סם אין מאָגן,
און די שמירעכץ אויף זיי, אונדז צו נאַרן מיט יוגנשאַפט,
דאַרף מען ליידן און איבערטראָגן.

נאָר מיין פרוי — ניט אַנדערשט אַ מלאך פון הימל
געשיקט, מיך קראַנקן צו היטן.
צו ליידן — זאָגט זי — איז אַלץ נאָך בעסער
ווי צו האָבן שוין איבערגעליטן.

און דאָס לעבן גייט צוקינד מיט גוטסקייט
אין דער בייזקייט פון פרויען אפילו,
און באַנאַכט ווען מען זעט ניט וויינען זיי אפשר,
ווי אַ צדיק יום כפור צו נעילה.

מען קען דאָך ניט — זאָגט זי — מאָנען באַם שפיגל
וואָס מען זעט ניט מיט די אויגן.
און ס'איז ניט זייער שולד וואָס מיר זוכן אייביק
אין אַלצדינג רעגנבויגן.

גיצמאַ די גיטאַר, גיצמאַ!

(אַ מתנה חבר דוד בערגעלסאָן).

מאָל איך אַ ים מיט אַ שיף פאַר מיין זון,
און זינג, ווייל איך האָב ניט וואָס צו טון.
שפרינגט אַ האָן ווי אַ לצ׳ל פון ים ארויס
און וויל אַ קריי טאָן — וואַקסט אים פון שויס
אַזוינס עפּעס (ווי איז מיר ניט געשען)
וואָס מע זאָל באַ קיין צדיק אין באָד ניט זען.
זאָגט מיין זון מיר — פּאַ, לאָמיר שותפים זיין,
און כאַפּט דעם האָן אין נעץ אריין.
ער איז אַ וואונדער צו ווייזן פאַר געלט. —
זאָג איך — ניטע, — אויב דיר איז ליב דיין וועלט.
אַ האָן אַזוינער — וואַיצימפּאַקל,
איבערן פּראַקל רויטער יאַקל,
אונטערן פּראַקל לייבצודאַקל,
מאַקערטע גרויס
פון אונטן ארויס,
און דער קיקערי־קיקערי־קיקעריקו —
נישטאָ. נישדראַ. נישטו.

האָב איך מורא — מיין זון, טאָמער פאָלגט ער ניט.
פאַרמעק איך דעם ים. און מאָל אַ יאַריד.
וואַקסט שוין דער האָן ווי אַ סוחרל אויס,
וואָס טאַפּט און צעבלאָזט באַ אַ הינדל דעם שויס.
רופט מען צו מנין — כאַפּט ער און לויפט

מיטן הינדל, וואָס ער האָט נאָך ניט געקויפט.
שריי איך פון מצוה וועגן אים נאָך,
זיך צו בויגן באַ מוידימאַנאַכניל׳אָך.
שפּרינגט ער און מעקעט אַזוי ווי אַ ציג.
קלינג איך מיט גראָשן־געלט, קומט ער צוריק.

אַ האָן אַזוינער — וואַיצימפּאַקל.
איבערן פּראַקל רויטער יאַקל,
אונטערן פּראַקל לייבצעדאַקל,
מאַקערטע גרוים
פון אונטן אַרוים,
און דער קיקערי־קיקערי־קיקעריקו —
נישטאָ. נישדאַ. נישטו.

טראַכט איך — אפשר גאָר בין איך הונגעריק,
מאָל איך אַ וואורשט מיר, מיט ברויט אַ שטיק.
הער איך מען שעפּטשעט — וואורשטוימים־לעבעם
און מען מאַכט מיר פון הינטן אַ בראָכע אויף דעם —
זאָג איך — שאַלאָם — און פאַרשטאָפּ מיר די נאָז,
און שיק צום פאָרוועטס־ און טאָג־באַלעבאָס.
לויפט דאָס סוחרל אויף אַלע פיר,
און קערט זיך וואַיענדיק אום צו מיר
מיט אַ בייל אויף אַן אָפּגעקוועטשטן פּוס,
און מיט געלם אַרום מויל (סימן גאָלד) פאַר אַ גרוס. —
אַ האָן אַזוינער — וואַיצימפּאַקל.
איבערן פּראַקל רויטער יאַקל,
אונטערן פּראַקל לייבצעדאַקל,
מאַקערטע גרוים
פון אונטן אַרוים,
און דער קיקערי־קיקערי־קיקעריקו —
נישטאָ. נישדאַ. נישטו.

זע איך, ער לערנט זיך פּאַר אַ הונט,
ווייל דאָס קרייען איז פאַר אים ניט געזונט.
האָב איך מורא — מיין זון, וואָס לאַכט שוין צו הויך,
ס'זאָל אים עפּעס פון אונטן ניט אויסוואַקסן אויך —
שריי איך — אין האַנט מיט מיין קאַפּעליוש —
אַקאַטאַ, פּשאַקרעוו, און פּאַשאָל און אַהוש.
שרעק איך איבער מיין ווייב. — מאַכט זי: טשעפּע ניט.
וואָס ווייסט מען היינט — זאָגט זי — גאָט־באַהיט.
בעסער גיס אים — זאָגט זי — אין העלדזל אַריין
אַן אייעלע — ס'זאָל אים גרינגער זיין.

אַ האָן אַ זוינער — וואַיצימפּאַקל.
איבערן פּראַקל רויטער יאַקל,
אונטערן פּראַקל לייבצעדאַקל,
מאַקערטע גרויס
פון אונטן אַרויס,
און דער קיקערי־קיקערי־קיקעריקו —
נישטאָ. נישטדאַ. נישטו.

זאָג איך — זוגאָסי, דיך אַרט ניט אַ האָר,
וואָס דאָס איז מיין מזל צום גוטן יאָר.
דער סמאָלעקאָפּ האָט זיך אַ פויגל אין שטייג,
און דער קאָוואַל זינגט ווי אין פויסט דאָס געצייג.
און אישטאָך — קוים וויל ער מיט פּאַרב אין ליד
עפּיס טון מיט דער וועלט, וואָס געפעלט אים ניט —
רוקט זיך אונטער צו אים אַ באַשעפעניש,
אַ דאָס־און־יענצל, — מצרים־געמיש,
און זעצט זיך אים אָן אונטער זיין פּידזשאַק,
ווי אויף צאָנווייטיק אַ געשוואָלענע באַק.

אַ האָן אַזוינער — וואַיצימפּאַקל.
איבערן פּראַקל רויטער יאַקל,
אונטערן פּראַקל לייבצעדאַקל,
מאַקערטע גרויס
פון אונטן אַרויס,
און דער קיקערי־קיקערי־קיקעריקו —
נישטאָ. נישטדאַ. נישטו.

האָב איך אַ לידל

בין איך דער ריצער פון האָצאַצאַ?
איך בין דער ריצער פון האָצאַצאַ.
פרעג איך באַ מיין געליבטער פרוי —
ווי קומען גאָלדענע וואָנסן צוויי
צו אַ קאַץ אַזאַ, וואָס איז ווייסער פון שניי?
ענטפערט זי מיר, אַז דער פּאָליאַק דער גוי,
דער וואָס וואוינט באַ אונדז, נאָשט האָניק פון סלאָי,
און ווען ער ראַזירט זיך פאַרגעסט ער די האָר
צונויפצוקלייבן, צום גוטן יאָר.

רעדט פון גאָלד און פון האָניק מיין פרוי,
האָב איך אַ לידל, וואָס זינגט זיך אַזוי —

אַ זייפנבלאָז מיין רעגנבויגן,
ווי קען איך זיין פריילעך און געזונט, —
ווי קען איך זיין פריילעך און געזונט, —
אַז דו האָסט מיט דיינע קעצישע אויגן
געמאַכט מיר אין מיינעם הארצן אַ וואונד,
מיט דיינע קעצישע אויגן.

בין איך דער ריצער פון האָצאַצאַ?
איך בין דער ריצער פון האָצאַצאַ.
פרעג איך באַ מיין געליבטער פרוי —
ווער האָט דיר דעם שנור מיט די פּערל געבראַכט,

וואָס זינגען אויף דיר, ווי די שטערן באַנאַכט ?
זאָגט זי, דער שטאָפּיק פֿון פֿעסל מיט וויין
האָט אַ שאָס געטאָן ביז אין הימל אַריין,
און האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך אויף צוריק
שטערנדלעך, זיבן מאָל טויזנט שטיק.

רעדט פֿון וויין און פֿון שטערן מיין פֿרוי,
האָב איך אַ לידל, וואָס זינגט זיך אַזוי —

אָ זייפֿנבלאָז מיין רעגנבויגן,
וואָס טויג מיר יעצונטער דיין ליכטיקע שיין, —
וואָס טויג מיר יעצונטער דיין ליכטיקע שיין, —
אַז אומגליק אַ מבול האָסטו מיט די אויגן
מיר געגאָסן, אין מיינעם האַרצן אַריין,
מיט דיינע קעצישע אויגן.

בין איך דער ריצער פֿון האָצאַצאַ ?
איך בין דער ריצער פֿון האָצאַצאַ.
פֿרעג איך בײַ מיין געליבטער פֿרוי —
וואָס האָצקעסטו אויף צעפּוקעניש מיר —
ווער האָט אַזאַ פֿייער צעלייגט אונטער דיר ?
זאָגט זי, אַז לעבן מיר איז איר קאַלט
ווי באַנאַכט אינמיטן ווינטער אין וואַלד,
און ווייל זי האָט פֿיינט אַ פֿייערטאָפּ,
גייט זי אַ טענצל אַרויף און אַראָפּ.

רעדט פֿון טאַנץ און פֿייער מיין פֿרוי,
האָב איך אַ לידל, וואָס זינגט זיך אַזוי —
אָ זייפֿנבלאָז מיין רעגנבויגן,
וואָס דאַרף איך די שאַינע וועלט אַרום דיר, —

וואָס דאַרף איך די שאַינע וועלט אַרום דיר, —
אַז איך שטיי באַ דער שיין פון דיינע אויגן,
ווי אַ יתום אונטער אַ פרעמדער טיר,
באַ דער שיין פון דיינע אויגן

בין איך דער ריצער פון האַצאַצאַ ?
איך בין דער ריצער פון האַצאַצאַ.
פרעג איך באַ מיין געליבטער פרוי —
וואָס זעצסטו מיך אויף מיין זונדל׳ס פערד, —
און וואָס איז די קאַטשעלקע מיר פאַר אַ שווערד ?

זאָגט זי, איך זאָל זיך אָנהאַלטן שטאַרק,
ווען כ׳וועל רייטן איבער אַ טייך מיט אַ באַרג
און זי הייסט מיר אָפּגעבן גרוסן צוואַי
צום באָק מיטן חזן פון קאָלעמאַי.
רעדט פון באָק און פון חזן מיין פרוי,
האָב איך אַ לידל, וואָס זינגט זיך אַזוי —

אַ זייפנבלאָז מיין רעגנבויגן,
חזן און באָק זיינען טאַקע צוואַי, —
חזן און באָק זיינען טאַקע צוואַי, —
נאָר איך — באַ דער שיין פון דיינע אויגן,
זינג איינער אַליין פריטשעם שענער פון זאַי,
באַ דער שיין פון דיינע אויגן

אַזוי כסדר

(צו די מוזיקער: אויב ס׳איז מעגלעך,
בעת איך זינגען דאָס ליד מיטן מאָטיוו פון:
„ליובאַ מאָיאַ ליובאַ״).

פּאַרנאַכט גיט מיין אומעט זיך אַ צעבלי
ווי קראָפּיווע, אונטער אַ חורבה באָם טיר —
טו איך זיך אָן און איך פּאָר אויף שפּאַציר.

וויגן זיך פּעטע ווי יוסף׳ס קי
זיבן ווייבער אין סאָבוויי וואָס פּליט מיט מיר,
בין איך מיר אין מצרים דאַכט זיך מיר.

שטעלט מען זיך אָפּ און איך קריך אַרויס,
שטיי איך שוין ווידער פאַר דיין הויז,
שטרעק איך מיין האַלדז ביז מיר דאַכט איך זע אויס
ווי אַ שוואַן אויף אַ טייך אין אַ פרעמדן גאָרטן,
גיי איך צו אין קאַפּעהויז, צו וואַרטן האָרטן,
מיט אויגן צום טיר ווי אַ שפּילער אויף קאָרטן,
אויף דיר צו וואַרטן דאָרטן.

די קאַווע איז שטאַרק און גיט מיר אַ ברי,
מאָל איך דערווייל ווי אויף פּאַפּיר
אויפן טישטוך, אַ זאַך וואָס איך פאַנטאַזיר.

זאָגט מיין שכן, אַז מען צעפּירט נאָך מיט פּי
אין דייטשלאַנד מילשטיינער, קאָרן און ביר,
און אַז אויך דאָס ווייב זיינס זשליאָקעט ביר.

שלאָגט אים איבער אַ פּריילן, וואָס האָט געזען
אַ סאָלדאַט וואָס איז ניין פוס גרויס געווען
אין אינדיע — צוריק אַ יאָר צען.
זאָגט דער פּראָפעסאָר, אַז כינע איז גרעסער,
און קראַצט זיך אין זיין באָרד מיט אַ מעסער
בעט איך, דאָס פענצטער עפענען בעסער,
ברענגט מען מיר אויך אַ מעסער.

טראַכט איך אָוועקצופאָרן פון הי,
פאַלט אום דאָס טייגלאַז וואָס איך באַריר,
גיט אַ נאָסע די אַש אַ צעשמיר —
דערזע איך צוויי שוואַרצע, אַן ער מיט אַ זי,
ווי שולמית מיט שלמהן, מיך מיט דיר,
טוט מיר ווייַ אויף זיך אַזוי ווי אויף דיר.

מיר קלעפּן זיך, דאַכט זיך, שוין ביידע ווי קיט
מיט די אויגן איינער צום צווייטנס טריט,
און מיר זעען זיך — און זעען זיך ניט.
אַ ציגל לעבן אַ ציגל אין קוימען,
און פּאַרטיק ווי אַגרעס צוויי אָדער פלוימען,
און זוכן זיך ווי שולמית מיט שלמה׳ן
מיט אויגן, אַגרעס און פלוימען.

נאָר איך זאָג דיר אויס, ביסט מיר נאָנט סיי ווי
ווי דאָס קליידל מיט קעסטלעך מיט ווייסע — דיין ציר
לויכטן די נעכט מיר, וואָס איך פאַרליר.

נאָר ווען איך קום אַהיים אינדערפרי
איז דאָס ניט מיין באָרד וואָס איך ראַזיר,
נאָר אַ מצרי ווידער, וואָס איך ראַזיר.

דיין שטוב פון דער ווייטן איז מיין אָריענט,
און ווייל מיר דאַכט אַז דו שטרעקסט די הענט
ווי אַ קינד וואָס מ'האָט איינגעמויערט אין ווענט,
ווערט די זון אין מיין אויג ווי מילך פאַרזויערט,
און איך זוך געצייג וואָס ברעכט און בויערט,
ווי אַ גנב וואָס האָרכט אַרום זיך צי מען לויערט
זוך איך געצייג וואָס בויערט.

דער ראַדיאָ אין הויז וויזאַווי
שפּילט שוין דאַכט זיך אַ מאָרגן־שיר.
אויף אַ פּויק מיט אַ פּלייט מיט אַ קלאַוויר.

נאָר די פרוי דאַרט גיט אויך דאָס הענטל אַ צי
פון עלעקטרישן בעזים, וואָס ווערט אַ געשוויר,
און איבערן טעפּיך זינגט דאָס געשוויר.

צומערשט ווי אַ כריפּעדיקער טענאָר,
דערנאָך ווי קעץ מיט הינט אַ כאָר,
ביז סע ווערט פון דעם דזשעז צום גוטן יאָר.
נאָר אַז איך האָב ניט מיט וועמען צו טאַנצן,
צעקוועטש איך מיר צוויי קאַליפאָרניע מאַראַנצן,
און טרינק אוים מיט אַ זופּ אַליין אינגאַנצן
די צוויי קאַליפאָרניע־מאַראַנצן.

אַרלעקין

פון זיבן גאָרטנס בלומען האָט מען קרענץ געפורעמט
און זיי געבראַכט אהער צו ערן אַרלעקינען;
און ער באַם וואַנטשפּיגל פון אונטערן פאָרהאַנג
שטייט און קוקט אויף זיך אין מיץ און קינדערהויזן,
ווי אויף אַ פרעמדן ערגיץ, וואָס איז קראַנק צום שטאַרבן;
און בלויז דער שאָטן זיינער, אָט די ווייסטע מאַלפּע,
וואָס האָט זיך אויסגעלערנט נאָכצוטאָן דעם מענטשן
בויגט די קני, ווי ער, לאָזט די הענט אַרונטער,
און האָרכט פאַרשטאַרט אַזוי צו דעם סאָליסט דעם פידלער,
וואָס טראָגט דעם הויקער זיינעם אין אַ קלייד אַ זיידנס,
און הייסט די פינגער זיך אליין באַווייינען, —
בעת די טענער זיינע דאַרפן צינדן
פרייד, ווי חופּה־ליכט, צו ערן אַרלעקינען!

וואָס שרייט אַזוי דאָס פאָלק און הייבט די הענט, ווי פאַקלען,
און שטרעקט מיט העלדזער זיך, ווי הענער אויפגעזאַמלטע,
וואָס זאָגן אָן דעם מאָרגן?
אַ גרויסע שיף שניידט דורך דעם ים, — צערייסן זיך וואַלן,
רוישן זיי און הויבן זיך, ווי בערג באַוועגלעכע.
די שיף אָבער ברענגט אפשר גאָלד אהער פון ערגעץ
צי אפשר הענט פון אַלטע לייט, וואָס שטרעקן זיך אהער. —
וואָס אָבער וויל דאָס פאָלק פון אַרלעקינען,
אַז בלויז אפשר צוריק אהינצו בענקט ער,
וואו ער האָט וועגט געהאַט צו איבערשטייגן

אזוינע ריזיקע, ווי בערג, וואָס איבער וואָלקנס —
דאָ ארויפצוגרייכן?
און וואָס האָט ער געבראַכט מיט זיך פון יענע וועגן,
בלויז אפשר טעג אזוינע מאָדנע וויסטע,
ווען ער האָט ווייגענדיק פון טרוקן ברויט גע׳חלומ׳ט,
און נעכט מיט גראָז צוקאָפּנס אונטער קאַלטע שטערן,
און דעמאָלט האָט אים דאָך קיין קרייד
ניט אויסגעפעלט צום פּנים זיינעם,
און נישט קיין פאַרב צו רויטלען זיך די אויגן.
נאָר ווען עס ווייגט אפילו ערגיץ־וואו א הונט
אין אזא נאַכט אין דרויסן,
איז עמיץ דאָ, וואָס גייט פאַרביי און שטילט אים איין.
ארלעקינען האָט דער וועכטער איינגעשטילט,
דער גוטער, — מיט א ברום ווי פון א בער א בייזן,
דער בייזער — מיט דער פּיאַטע אויף די ריפּן זיינע,
און ווייטער האָט זיך קיינער מער נישט אומגעקוקט אויף אים.

נאָר אפשר איז דאָס גאָר דער גרויסער וואונדער־כישוף,
וואָס גיט דעם וואָרט (וואָס איינער רעדט צו טויזנט,)
אזויפיל הייליקייט נביא׳ישע און ריינקייט,
אז אַלע די, וואָס האָרכן, גלויבן טאַקע
ווי קינדערלעך וואָס ווייסן נאָך פון גאָרנישט.
ווי אָבער ווען דאָס רעדט דער וויסטער לץ בלויז,
וואָס ווייזט זיך אין א קרוין מיט זילבער־גלעקלעך
אין אָנהויב און באַם סוף פון אַלע שפּילן,
און יענער קען דאָך צוגלייכן צום שוואונג פון אָדלער,
— אויב נאָר דאָס פּאַסט צום שפּיל — א טויטע קאַץ אפילו?
נאָר זאָל שוין זיין, אז אויך דער מענטש קען שוועבן,
און אז פון אַלע פייגל דאָ
איז ער דער איינציקער, וואָס שוועבט אָן פליגל.

וואָס אָבער טויג דאָס אונדזער אָרלעקינען,
אז גאָר קיין מאָס האָט נישט די בלויע ווייטקייט,
און אז ווי הויך עס זאָל דער מענטש ניט פליען,
זעט מען אים אַ פינטל בלויז פון אונטן,
נישט גרעסער פון אַ פליג, וואָס אויף אַ באַלדאכין?
און אז ער גיט זיך איבער שוין אינגאַנצן צו דער בלויקייט,
אזוי אז אונטן זעט מען גאָרנישט מער,
צי ווײנט ער דעמאָלט נישט אויף זיך אַליין
וואָס ער איז אַפילו נישט דער מינדסטער וואָלקן
פאַר דעם, וואָס היט האָס ברויט אין פעלד,
פאַר אַלע די, וואָס לעבן?

נאָר אפשר איז דאָס פאָלק אַ קינד?
און דעמאָלט איז דאָך אָרלעקין אַ שפּילעכל בלויז,
וואָס קען פון זייער בלינדן כח שפּילעוודיקערהייט
צעבראָכן און אַוועקגעוואָרפן ווערן,
איידער נאָך די זון וועט ווידער אויפגיין?
און אז מען וואַלגערט זיך אזא — אָרום שוין
אויף דער וועלט דער גרויסער,
צי שטרעקט מען דעמאָלט ניט אַליין די הענט שוין
אפילו צו דער מויז, וואָס ווײנט אין ווינקל ערגיץ,
אַפילו צו דער שטרוי, וואָס ציטערט אויף אין ווינט
צוליב דעם זעלבן גורל —?

נאָר אפשר איז דאָס פאָלק מקנא אָרלעקינען
און ס׳איז אַהערגעקומען זיך אַליין צו טרייסטן
פאַר טויזנט נעכט, וואָס האָבן אים געגאַרט
מיט שיינקייטן גע׳חלומ׳טע אַזוינע,
ווי קאָלומבינע, ווען זי טאַנצט פאַר אים, איר אָרלעקינען,

ווי קאָלומבינע, ווען זי פאַלט אַ קינד אַ ציטערדיקס
אין זיינע אָרעמס?
נאָר דעמאָלט איז דאָך ארלעקין געשלאָגענער פון אַלע: —
עס שטאַרבט דאָך אין זיין נאָכגעקרימטן שפּיל —
זיין בענקשאַפט ווי אַ טויב אַ ווייסע אונטערן בלאַנקן חלף,
און סע וויינען דאָך אפילו זיינע הענט,
וואָס גלעטן קאָלומבינען,
ווי אונטער זיי די האָר איִרע די גאָלדענע,
אָן אָרימען פאַבריקן־מאַכערס קונסטווערק, נעבעך,
וואָס איז מיט קופּער־געלט באַלוינט געוואָרן.
און וואָס איז אים די שיינקייט פון איר שענסטן שמייכל,
וואָס שיינט פון ווייטנס, ווי אַ רעגנבויגן,
און פון דער נאָענט געזען איז דאָס אַ ליאַלקע־פּנים,
און איז אַפילו נישט קיין זייפנבלאָז אַזוינער,
וואָס גיט אַ רגע פרייד דעם קינד, דעם נאַרישן,
וואָס ווייסט פון גאָרנישט — ?

פון זיבן גאָרטנס בלומען האָט מען קרענץ געפורעמט
און זיי געבראַכט אהער צו ערן ארלעקינען;
און ער באַם וואַנטשפּיגל פון אונטערן פאָרהאַנג
קוקט אויף זיך און אויף דעם שאָטן זיינעם,
וואָס ווייזט אים שטומערהייט די פינצטערניש די גרויסע,
וואָס ער אַליין פאַרשפּרייט מיט זיך אַליין אַרום זיך,
און ווי אַ בלינדער צווישן ווענט אָן פענצטער
וויינט אין ארלעקינען די נשמה זיינע, וואָס איז קראַנק צום שטאַרבן!

— ווער וועט אים אויסלייזן פון זיך אַליין, דעם פינצטערן?
— די פינצטערניש די אייביקע, די ערד, וואָס וועט אים צודעקן,
זי וועט אים אויסלייזן פון זיך אַליין דעם פינצטערן.

— וואו וועט אהינקומען דאָס לעבן זיינס, דאָס אָפּגעגנאַרטע?
— איינאיינעם מיטן גראָז, וואָס איבער אים,
וועט וויגן זיך דאָס לעבן זיינס דאָס אָפּגעגנאַרטע.
און וויינען וועט עס, ווי דער ווינט, וואָס וועט פאַרבייפליען,
און ווי דער בלינדער צער פון דעם סאָליסט, דעם פידלער
וואָס טראָגט דעם הויקער זיינעם אין אַ קלייד אַ זיידנס
ווען ער חלומט;
און ווי די אייביק טונקל-בלויע ווייטקייט אין דער הויך,
וואָס קוקט אַראָפּ מיט טויזנט קאַלטע אויגן,
אויף אים, דעם גראָז, וואָס וויגט זיך איבער אים,
אויף אים, דעם ווינט, וואָס פליט פאַרביי און וויינט — — — —

די פייער מענטשעלעך

ווי אַ תפיסה אויף אייזערנע ריגלען פאַרמאַכט,
איז געלעגן די שטאָט אין יענער נאַכט.
עס האָט אפילו נישט געברענט
קיין גאַסנלאָמפּ אַרום די ווענט.

נאָר ווען דער בעטלער אין בלוטיקן קלייד
האָט אָנגעקלאַפּט מיט דער שקלאַפן־קייט,
וואָס ער האָט געשלעפּט אויף אַלע פיר —
האָט זיך אויפגעעפנט יעדע טיר.

אָבער נישט מ׳האָט געזען אַ געחלומט ליכט,
ווי מען זעט אין שלאָף אַמאָל אומגעריכט;
נאָר פון בעטלער׳ס טאָרבע אַרויס — זיין ברויט
האָט געלויכטן, אַזוי ווי אַ מאָרגנזון רויט.

און הינטער אים מיט אַ זויג־קינד פאָראויס
איז געגאַנגען די ליבע, ליכטיק און גרויס;
און דער טרויער הינטער איר געשטעלט
האָט געטראָגן דאָס קראַנקע הארץ פון דער וועלט.

און די זקנים האָבן גאָרנישט געזאָגט,
נאָר זיי האָבן אַלע פאַר פרייד געקלאָגט;
און די קינדער האָבן נאַקעטערהייט
געקוקט מיט אויגן, ווי שטערן, פאַר פרייד.

און נישט מען האָט זיך אַליין דעם וועג
פאַרלייגט מיט טויטע אין וויסטן געיעג;
נאָר מיט קעפּ און אָרעמס צו טורעם אַרויף
האָט מען געקוקט צו דעם ליכט, וואָס גייט אויף.

אויפן טורעם — פון קיינעם נישט געהיט —
האָבן אויפגעבליט און אַרונטערגעגליט
זיבן פייער־מענטשלעך, וואָס האָבן גענייט
פאַר דעם טויט אַ גאָלדן טויטנקלייד.

און ווי אַ וואונדערלעך גלאָקנגעקלאַנג,
האָט אַרונטערגעלויכטן זייער געזאַנג
איבער גאָר דער שטאָט, — ווען זי האָט גענייט
פאַר דעם טויט דאָס גאָלדענע טויטנקלייד.

באַם פענצטער דײַנעם רויט און אָפן

ווער עס שטרעקט די הענט צו דיר פון מײַלן־ווײַט
ווי צו דער מוטער איבער זיך אַ קינד, אין אָוונטצײַט.

ווער עס גייט פאַרביי דײַן פענצטער, און ער בויגט אַראָפּ
ווי איבער אַ געשטאָרבענעם זײַן קאָפּ.

איך האָרך צו דעם וואָס זוכט אין חלום דיך,
ווי איך, מיט אויגן אָפענע, וואָס זע דיך לעבן זיך.

פאַר אים דײַן לײַב דאָס נאַקעטע ווי אונטער אים אַ שטיין,
און איבער דיר פאַרשטויסענע וואָס קומען און וואָס גיין.

ניט ווי מלאכים ליכטיקע אויף לייטערס צו דער הויך,
נאָר ווי געשטאַלטן גרויע אין אַ ווייטן רויך.

פאַר אים באַגראָבענע פינצטערע וואָס שאַרן זיך
מיט טויטע קינדער אויף די הענט פון אַש אַרויס
אַרום אַן אָפּגעברענט יתומים־הויז.

פאַר אים דורך אַלע פענצטער פון דער וועלט
די שרעק פון הענט,
וואָס צאַנקען ווי אין לעמפּלעך יאָרצײַט־קנויטן.

צום זון פון דוד, האַר פון אַלע נויטן
רופן זיי —
ער זאָל דאָס שטאַרבן אָפּטון פון דער גרויסער ערד.

נאָר ער אויף ווייסן פערד ביים פענצטער דיינעם רויט און אָפן
ווי זיין האַרץ וואָס האָט פון אַלעמען זיך אָפּגעקערט,

ער בייגט זיך פון דיין וואונק ווי פון א שטיין געטראָפן —

און בלוטנדיק פון אַלע וואונדן זיינע,
אין דעם ליכט דעם לעצטן פון זיין אייגן שטאַרבן —
לויכט ער איבער דיר ווי זון פאַרשפּעטיקטע
אויף גאָלד פון גאַרבן.

1929

די באַלאַדע — דזשאַן ווײַבלע

(אַ געשאַנק — מײַן חבר
יאָסל דראָסטן).

דער פוקס האָט דערוואָרגן די ווײַסע הון, —
האָט דער האָן אַ טרײסל געטאָן מיט זײַן קאַם,
מיט זײַן רויטן קאַם, מיט זײַן רויטן קאַם,
און דעם פאַרמערס יונגע שײנע פרוי
האָט אויף בריוו־פּאַפּיר ווי דער הימל בלוי
געוויינט אַזוי לאַנג בײַ דעם ליכט פון איר האַנט,
ווי צום טאַנץ אין סטעפּ, מיט דעם ליכטיקן יונג,
ביז עס האָט זי געצויגן צום פײַער פון סם, —

רויטהויטיקער פרײַנט מײַנער, — ווער איז דער יונג,
וואָס באַשטײַגט זײַן פערד מיט אַ לײַבן־שפּרונג?
דזשאַן ווײַבלע פון ווײַסן אַלאַסקאַ!

רויטהויטיקער פרײַנט מײַנער — ווער אויף זײַן פערד
בויגט קײן גרעזל נישט אײַן אונטער זיך אויף דער ערד?
דזשאַן ווײַבלע פון ווײַסן אַלאַסקאַ!

און אַז הינטער אים זינגט דער געשוואונגענער שטריק,
ווי אַ שפּין, וואָס איז זיכער צו פאַנגען די פליג, —
ווער לאַכט, ווי אַ וואָלף מיט אַ מויל ווײַסע צײן,
און מיט אויגן, אַזוי ווי דאָס נאָרדליכט שײן?
דזשאַן ווײַבלע פון ווײַסן אַלאַסקאַ!

אָ, וואונדיק האַרץ מיינס, — זינג מיר דיין ליד
פון דער גרויסער און טונקעלער ערד,
וועמען יאָגן מיט פייער און בייטשן אין סטעפּ
די וועסטערנער אויף די ווייסע פערד?
ווי ווילדע פייגל שרייען אין פלי
די וועסטערנער אויף די ווייסע פערד.
נאָר דער טויט נעמט קיינמאָל נישט אָפּ דאָס געשאַנק,
וואָס ער האָט שוין איינמאָל געשאָנקען דער ערד —
און אומזיסט, וואָס מען יאָגט דזשאַן ווינבלע.

עס איז נישט דאָס פערדל רויט פון בלוט,
וואָס זוכט אין ווינט די ווייסע הון.
דאָס פערדל זוכט נישט אין ווינט די הון.
און עס איז נישט דער הוט מיט דעם רויטן באַנד,
וואָס ווײנט אין דער טויטער שטוב אויפן וואַנט.
נאָר דער שוים, וואָס ווײנט אַרום מויל פון די הינט.
און די רייטער פליען דאָך אַלע שוין בלינד
אויף די לעצטע פערד פון זייער טאַבון...
און עס קלאָגט דאָך שוין ווי אַ וואָלף אין הייל,
דזשאַן ווינבלע פון ווייסן אַלאַסקאַ.

רויטהויטיקער פריינט מיינער, ווער אין זיין הייל
באַקלאָגט אַ גרוב איבער טויזנט מייל?
דזשאַן ווינבלע פון ווייסן אַלאַסקאַ!

רויטהויטיקער פריינט מיינער, ווער האָט זיין ברויט
פאַרשאָנקען צום אָפּגרונט — אוים ליבע צום טויט?
דזשאַן ווינבלע פון ווייסן אַלאַסקאַ!

און אין סטעפּ באַנאַכט, — און מיט בלוט אַרום מויל, —
ווער טאַנצט ווי מיט שלאַנגענקעפּ אונטער דער זויל,
ווער טאַנצט ביז צום גרויען מאָרגנטוי,
מיט דער טויטער — אין שלייערן גאָלד און בלוי?
דזשאַן ווייבלע פון ווייסן אַלאַסקאַ!

אָ, וואונדיק האַרץ מיינס, — זינג מיר דיין ליד
פון דער גרויסער און טונקעלער ערד.
וועמען זוכן מיט פייער און בייטשן אין סטעפּ
די וועסטערנער אויף די ווייסע פערד?
ווי ווילדע פייגל שרייען אין פלי
די וועסטערנער אויף די ווייסע פערד?
נאָר דער טויט נעמט קיינמאָל נישט אָפּ דאָס געשאַנק,
וואָס ער האָט שוין איינמאָל געשאָנקען דער ערד —
און אומזיסט, וואָס מען זוכט דזשאַן ווייבלע.

אָבער נישט די מכשפה בוגלי וואַן דיל,
וואָס שפּילט אויף די האָר ווי אויף סטרונעס אין ווינט,
און וואָס גלויבט אין אַלץ, וואָס זי הערט אין ווינט,
נאָר דער אַלטער בול — אַז געבענשט איז זיין בלוט. —
ווי דער אָוונט־הימל ליכטיק און גוט,
איז דאָס ליד, וואָס ער זינגט צו די קינדער פאַרנאַכט.
און עס קאָן דאָך ניט זיין, אַז ס'איז אויסגעטראַכט;
דער אַלטער בול — געבוירן בלינד,
האָט דאָך ליב, ווי די זון, דעם טויטן העלד —
דזשאַן ווייבלע פון ווייסן אַלאַסקאַ!

רויטהויטיקער פריינט מיינער — ווער איז דער העלד,
וואָס זיין בלוט האָט געברענט, ווי די זון אין דער וועלט?
דזשאַן ווייבלע פון ווייסן אַלאַסקאַ!

רויטהויטיקער פּרינט מיינער, — ווער מיט זיין טויט
האָט באַצירט, ווי מיט גאָלד, אונדזער בלינדע הויט?
דזשאָן װיבלע פון ווייסן אַלאַסקאַ!

און ווען די לבנה אין פינצטערן סטעפּ
גייט אַ בלוטיקע אויף איבער אונדזערע קעפּ,
ווער שוועבט פאַר אונדז, ווי אַן אָדלער פאַרויס
ווען עס לעשן זיך אַלע וואונדן אויס?
דזשאָן װיבלע פון ווייסן אַלאַסקאַ!

אָ, וואונדיק הארץ מיינס, — זינג מיר דיין ליד
פון דער גרויסער און טונקעלער ערד,
וועמען יאָגן מיט פייער און בייטשן אין סטעפּ
די וועסטערנער אויף די ווייסע פערד?
ווי ווילדע פייגל שרייען אין פלי
די וועסטערער אויף די ווייסע פערד,
נאָר דער טויט נעמט קיינמאָל נישט אָפּ דאָס געשאַנק
וואָס ער האָט שוין איינמאָל געשאָנקען דער ערד —
מיין פאַרלאָשן בלוט — דזשאָן װיבלע!

.1924

מײַן פֿעטער יונאַלע

אַן אָרימאַן, אַלײן, מעג שטײן באַם פֿענצטער װען די זון פֿאַרגײט.
ער האָט אַ האַלדז, װי באַ אַ האָן צום שעכטן אױסגעצױגן.

און דעם אַ חוץ — נישטאָ קײן געלט אין בײטלען, אונטער אױגן
װאָס נעמען פֿונם טאָג מישטײנסגעזאָגט, די לעצטע ליכטיקײט.

מיט אַ באַגרעבער איז שױן ניט אַזױ. פֿאַרנאַכט באַ אים אין בליק
אַ פֿראָסט אַזאַ, צו האַלטן הינט אױף קײטן אַרום פֿײער.

דאָס פּנים זײַנס דאָס בלױע באַם גוט-אָװנט, קען זײַן טײַער
פֿאַר דעם, װאָס היט אַ טאַטן אױפֿן טױטנבעט — ירושה-גליק.

מײַן פֿעטער יונאַלע — אַ קלעזמער. — באָרד נישטאָ.
און האַלדז נישטאָ. — בלױז גאָמבע מיט אַ ליסע־קאָפּ איז דאָ.

און נױדערס אין אַ ראָד, װי װײַבער דרײ װאָס קיצלען זיך פֿאַרנאַכט.
פֿאַרגלײַכן צו אַ פּױק זײַן בױך, װעט זײַן שױן צוגעטראַכט.

נאָר ניט — װאָס ר'האָט דאָס דריטע װײַב שױן אָפּגע'גט,
און ניט די אױגן װאָס מען זעט זײ ניט, װײַל ר'איז צו פֿעט.

מיך אַרט — װאָס ער באַם פֿענצטער אָװנט־צײַט מיט זײַן געזאַנג
דערמאָנט אָן עפּעס אױך, ס'איז גאָרנישט — נאָר סע טוט מיר באַנק.

א מאָדנע בילד; א שטוב, א פענצטער, און א בוים מיט צווייגן
וואָס רעדט פון דעם, וואָס אַלע ווילן זיך אַליין פאַרשווייגן,

און פון דער ווייט די זון פון אָוונט — קיילעכדיק און רויט
ווי פעטער יונאַלע — שוין דריי־און־צוואַנציק־יאָר אַז ער איז טויט ---

און שטייט די נאָז צום שויב, און הערט זיך איין
צום קלויסטער־גלאָק וואָס זינגט, ווי ער אין הימל־אריין —

און אונטער אים די קינדער אַרום פידל אויך (אויף דר׳ערד) –
זיי וויינען ניט,
נאָר שאָקלען זיך ווי ס׳פערטע ווייב, מיט א שטיק ברויט
אין האַנט, און זינגען מיט.

צום ערשטן באָם און מיטן פיסק אין ברויט אריין און — האָם
און נאָכדעם בים, בום און באָם און ווידער האָם און יאַמטשערדראָם.

זרחי צו מירטלען

גאָלדערנער מאָרגן אויף פענצטער און דעכער,
מירטל, מיין לעבן.
די זון מיטן הימל — א גאָלדענער פעכער,
איבער דער וועלט — א גאָלדענער פעכער,
מירטל, מיין לעבן.
וואָס זאָגן אין גאָרטן פייגל און בלומען,
מירטל מיין לעבן?
זיי זאָגן די נאכט האָט מיטגענומען,
מיט זיך אונדזער טרויער מיטגענומען,
מירטל, מיין לעבן.
דער וועכטער וויל אונדז בלויז פאַרפירן,
מירטל, מיין לעבן.
דער טרויער — זאָגט ער — געגאַנגען שפאַצירן,
מיט דער נאַרישער גאָלדענער פאַווע שפּאַצירן,
מירטל, מיין לעבן.
נאָר דער מאָרגנווינט אין די בוימער ווייסט בעסער,
מירטל, מיין לעבן.
דו הער, ווי ער ברומט — אזוי ווי פון פעסער,
אזוי ווי פון צוואַנציק־הונדערט פעסער,
מירטל, מיין לעבן.
און ער האָט דאָך אליין באַגלייט אונדזער טרויער,
מירטל, מיין לעבן.
באַגלייט ביז צום גאָלדענעם מאָרגנטויער,
ביז צום גאָלדענעם מאָרגנטויער,
מירטל, מיין לעבן.

איך האָב דאָך געהאַט

איך האָב דאָך געהאַט אַ בלויע פרינצעסן,
וואו איז זי אַהינגעקומען?
אַזוי ווי אַ שקאַרפּעטקע אונטער די הענט
באַנאַכט ווען מען כאַפּט זיך אויף און סע ברענט.
פונקט אַזוי איז מיר נעלם געוואָרן
מיין ליכט, מיין פרינצעסן אינמיטנדערינען
און גאָט ווייס וואו מען קען זי געפינען.

נאָך עפּעס דאַכט זיך, געהאַט און פאַרלוירן:
מיין רויטן חדר־לאַמטערן,
פון רויטן פּאַפּיר האָט אים מיר געמאַכט
מיין טאַטע, נעכטן אין דער בלינדער נאַכט,
ווי פאַרכאַפּט פון אַ שד איז ער נעלם געוואָרן
און מיט אים אויך מיין טאַטע אינמיטנדערינען,
און גאָט ווייס וואו מען קען אים געפינען.

נאָך עפּעס, דאַכט זיך, געהאַט און פאַרלוירן:
זיך אַליין האָב איך פאַרלוירן,
אפשר האָבן מיך מענטשן געזען דאָ־דאָרט,
אָדער ערגעץ־וואו אויף אַן אַנדער אָרט
זיך שלאָפן געלייגט און נעלם געוואָרן,
ווי אין וואַסער אַריין אינמיטנדערינען,
און גאָט ווייס וואו מען קען מיך געפינען.

זרחי עליו השלום

ביסט גדוי, זאָגט מיר, זרחי, דערפאַר ווייל דיין טאַטע
האָט אַלערליי משקאות געזשליאָקעט ווי וואַסער.
ביסט גרוי, ווייל אַזוי וויל די שלאַנג און דער טיגער
די בייזקייט אין דיר און דער מענטשן־פאַרהאַסער.

צי בין איך ניט גרוי אפשר, וועלט־חכם זרחי,
דערפאַר ווייל עס האָט מיך אַ וואָלקן פאַרלוירן?
צי קען דען ניט אמת זיין, אַז עס האָט מיך
מיין מאַמע, אַ גרייז־גראָען נעבעך געבוירן.

און אפשר גאָר בין איך אין גאַנצן אַ בלאָנדער,
און דיך נאַרן אָפּ דיינע אייגענע אויגן.
דו גלויבסט דאָך אין אַלץ ווי אַ קינד אַזוי נאַריש —
פאַר דיר איז דאָך רעכט אַז אַ קאַץ איז געפלויגן.

איי, וועסטו דאָך פרעגן: וואו פאַרט איז דער אמת?
דאָס, זרחי, פרעג א י ך דאָך, — וואָס ווייסן מיר טאַקע?
מיר ווייסן דאָך אַלע נאָר דאָס וואָס מיר ווייסן,
און ווייסן דאַבײַ אַז מיר ווייסן אַ מכה.

באנגדיל, קירליקי און די גאַסנפרוי

איינמאָל פאַרנאַכט, ווען באנגדיל איז געזעסן אויפן באַרג, מיט אויגן אַרויף, און אַ צוויי־דריי שפּיל געטאָן אויף זיין דודקע, האָט קירליקי זיין חבר, דאָס גרויע קאַרליקל, צו אים אַזוי געזאָגט:

— עס דאַרף דיר נישט באַנק טון מיין ליבער, וואָס דו קענסט נישט פליען. די ליכטיקייט וואָס שטרעקט זיך צו דיר אַ פאַר־ווינטע, ווען דו טוסט אַ צוויי־דריי שפּיל אויף דער דודקע, איז נישט זייער ווייט און נישט זייער הויך, זי איז אונטן אין שטאָט. און אויב דו ווילסט גיין צו איר, וועל איך דיר ווייזן דעם וועג.

האָט זיך באַנגדיל אויפגעהויבן און איז געגאַנגען מיט אים.

איז מען געקומען אין וואַלד, איז קירליקין זייער קאַלט געוואָרן, האָט באַנגדיל אַ צוויי דריי שפּיל געטאָן אויף זיין דודקע, האָט אַ ווילדע חיה אויסגעטאָן איר פעל פון זיך, און זי אַוועקגעגעבן קירליקין פאַר אַ קלייד אויפן לייב, איז דאָס אים זייער געפעלן געוואָרן.

איז באַ קירליקין אויסגעגאַנגען דאָס ברויט וואָס ער האָט מיטגענומען אין וועג, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער עסער, האָט באַנגדיל ווידער אַ צוויי דריי שפּיל געטאָן אויף דער דודקע, האָבן די פעלדמייז טאַנצנדיק, עסן געבראַכט פאַר קירליקין, איז דאָס אים ווידער זייער געפעלן געוואָרן.

ווען אָבער מען איז שוין געקומען אין שטאָט אַריין, און קירליקי האָט געדאַרפט ווייזן באַנגדילן דעם וועג צו דער ליכטיקייט וואָס האָט געוויינט צו אים, האָט ער אים אָנגעוויזן אויף אַ יונגער פרוי, וואָס איז געשטאַנען באַם טורעם אונטן, לעבן לאַמטערן—נאָר צוגיין צו איר האָט ער נישט געלאָזט.

—ערשטנס — האָט ער אים געזאָגט — וויינט זי נישט, און דאָס איז דאָך אַ סימן אַז זי איז נישט דיינע. און צווייטנס, קען איך זי פריער פאַר דיר.

— וואָס־זשע האָסטו מיך גערופן? — פרעגט באַנגדיל.

ענטפערט אים קירליקי, אַז ער האָט אים גערופן, ער זאָל אַ צוויי דריי שפּיל טון אויף זיין דודקע — זי זאָל קיין סך פון אים נישט פאַרלאַנגען, ווייל ער האָט נישט.

ווי אַזוי באַנגדיל איז דעמאָלט פּלוצלינג אויפן סאַמע שפּיץ פונם טורם אַרויפגעקומען, ווייסט ער אַליין נישט. נאָר אַז ער האָט זיך שוין געזען אויבן, אַזוי ווי אין דער היים אויפן באַרג, האָט ער זיך דערמאָנט אויף וואָס עס וואַרט זיין חבר קירליקי אונטן.

דאָס מאָל אָבער, ווי נאָר ער האָט אויפגעהויבן זיין דודקע, און אַ צוויי דריי שפּיל געטאָן, האָט די יונגע פּרוי אונטן אויסגעשטרעקט די הענט און איז אַרויפגעוואַקסן צו אים, אַזוי ווי דורך אַ וואונדער.

און אַזוי ווי דער טורעם האָט זי שוין מער זיך נישט געקענט פאַרשטעלן פאַר דעם ליכט פון דער אונטן־זון, איז זי טאַקע געוועזן זייער ליכטיק, האָט באַנגדיל נאָך אַ צוויי־דריי שפּיל געטאָן אויף זיין דודקע, האָט זי שוין געוויינט אויך — אַזוי אַז אפילו אַ בלינדער פון אונטן וואָלט דאָס געקענט זען, ווען ער וואָלט נאָר דעם קאָפּ אויפגעהויבן.

— האָסטו נישט געזען מיין חבר קירליקי, יונגע פּרוי?

—ער דרייט זיך אונטן ווי אַ קליין פליגעלע אַרום דעם זוים פון מיין לאַנגן רויטן קלייד, און ער זוכט זיין חבר באַנגדיל, ער זאָל פאַר אים אַ צוויי דריי שפּיל טון אויף דער דודקע.

ווערט מירטל ברוגז

ווערט מירטל ברוגז, זעצט זיך לעבן אים און שווייגט: שטעלט אָן
לייב בער די אויגן אין זאַמד אריין,
זעט ער אַ ליכטיקייט, וואָס גייט אויף איבער אַ וואַסער ערגעץ,
וואָס איז בלוי,ווי דער הימל און שטיל.
זעט ער אַ פעלד מיט בלומען פון וווייטנס, וואָס זעט אוים ווי אַ
פייער וואָס טוט קיינעם קיין בייז ניט.
ווייסט ער דאָך, אַז דאָס איז זיין בענקשאַפט, וואָס קומט צו אים.
שטרעקט ער אוים די הענט צו איר און ער פרעגט: וואָס ווילסטו,
מערליוואַ טאַהאַראַ?
זאָגט זי: נעם אַרונטער דעם צלם, דעם גאָלדענעם, פון מיין האַלדז,
טו מיר אוים מיין טרויערקלייד דאָס פינצטערע.
איך קען שוין מער נישט הערן, ווי עס וויינט די שיינקייט פון
מיינע גלידער אויף מיר.
ליב איז מיר געוואָרן מיין לייב און איך וויל שוין מער נישט זען
אויפן צלם, דיך, מיין מאַן —
דיך מיין קינד דאָס נישטגעבוירענע.
ווער עס האָט ליב בלומען, באַגיסט נישט מיט צעלאָזן בליי דאָס
שטיקל ערד אַרום זיין הויז.
מיר האָט מען אויגן ווי בלומען געגעבן און מיך איינגעשלאָסן
צווישן גרויע ווענט —
מיט פענצטער־גראַטעס אייזערנע.
און דיר האָבן זיי אָנגעטאָן אַ דערנער־קרוין, איך זאָל וויינען
פון שלאָף,
ווען איך חלום דיין קאָפּ אויף מיין האַרצן.

הערט לייב בער, מערליוואַ טאַהאַראַ וויינען,
זעט ער זיך אַליין אַ בערגל ערד אויף טויטן־פעלד,
נאָר איר פּנים איז בלייכער ווי דער חלום פון טויט,
און ציטערדיקער פונם אָוונט־ווינט איבער די טויטן־שטיינער
איז איר טרויער.

וואונדערלעכסטע רעטענישן פון דער וועלט — פּרויען
אויסגעחלומ'טע —
צו אים, דעם בערגל ערד, רעדט מערליוואַ טאַהאַראַ:
— סאַראַ אַרימקייט עס האָט אייביק אַרויסגעוויינט פון דיין שווייגן,
לייב בער,
ווען דער אומעט פון דער וועלט וואָלט אַרויסגעוואָקסן, ווי אַ וואַלד
פון דער ערד,
וואָלט ער נישט געקענט אויסשפּרייטן אַזאַ פינצטערניש אַרום זיך,
ווי דו, מיט דער ליכטיקייט פון דיינע אָפענע אויגן, לייב בער.
ווען דער גייסט פון דער פינצטערניש וואָלט אַרומגעגאַנגען מיט
טריט, וואָס מען הערט איבער דער וועלט,
וואָלט ער נישט געקענט אַרויפלייגן אַזאַ שווערקייט אויף מיין האַרצן,
ווי דיין קאָפּ, ווען איך האָב אים געזען אַ געבויגענעם אין זאַמד אריין.

— סאַראַ בלוטיק וואונדער דאָס איז, ווען מען טראַכט וועגן דעם,
מיליאָנען יאָרן שוין, אַז דער פויגל אין טרויערבוים
הערט וויינען מערליוואַ טאַהאַראַ איבער דעם בערגל ערד.
מיליאָנען יאָרן שוין, אַז ער אָטעמט איין אין פאַרלוירנקייט:
ווען זי וויינט איבער דעם בערגל ערד,
ווער היט זיין בלוט,
עס זאָל נישט ווערן פאַרסמ'ט, אינאיינעם מיט דעם טרויערבוים,
וואָס בליט
איבער דעם בערגל ערד?
וואָלט לייב בער געווען אַ שטריק וואָס בלייבט פון אַ געהאַנגענעם,

וואָלט אים נישט ווי געטאָן, וואָס מען טײלט זיך מיט אים.
אָבער מיט אַ העמדל פון אַ קינד, וואָס דאַרף קומען, טײלט זיך
דאָך קײנער ניט.

מעג ער דאָך פרעגן באַ מערליוואַ טאַהאַראַ:
— וואו איז דאָס העמדל, דאָס ווײסע, וואָס האָט געוואַרט אויף אים
אײדער ער איז אויף דער וועלט געווען?
פאַרוואָס שווײגן די לעבעדיקע אַלע פון איבער דער ערד
און די טויטע פון אונטער דער ערד?
פאַרוואָס זאָגן זײ נישט דעם ווײנענדיקן לײב בער:
— וואו איז אַהינגעקומען זײן העמדל, דאָס ווײסע, וואָס האָט
געוואַרט אויף אים
אײדער ער איז אויף דער וועלט געווען?

זאָל מען אויפשרײבן מיט זײן בלוט אויף אַ פּאַרמעט מיט
גאָלדענעם ראַנד.
— ווי פאַווען מיט זײערע שאָטנס,
אין אַ ווײנגאָרטן ערגעץ אַ רײכן, אונטער דער זון,
גײען יונגע פרויען שײנע שפּאַצירן
מיט גרײזגראָע אַלטע חכמים — קלײנע ווי שרויטלעך, איבער
דער גרויסער וועלט.
— לײ מיר אַ מאַנטל, ברודערל מײנס,
— לײ מיר אַ מאַנטל, ברודערל מײנס,
— לײ מיר דײן ווײסן מאַנטל, ברודערל מײנס,
— לײ מיר דײן רויטן מאַנטל, ברודערל מײנס!
נאָר די חכמים, קלײנע ווי שרויטלעך,
רײדן מיט מויל און מיט הענט און מיט אויגן צו זײערע יונגע שײנע
פרויען,
פון וועגן דער ליבע, וואָס וואוינט צווישן מענטשן;
און זײ הערן נישט דאָס געוויין פון דעם אײנעם,
וואָס גײט אַרום נאַקעט פון זינט זײן געבוירן,

הערן נישט דאָס געוויין פון דעם איינעם,
וואָס קיינער האָט אים נישט ליב.

מערליוואַ טאַהאַראַ,
שיין איז דער אויפגעבלאָזענער זייפן־שוים, —
ער דערמאָנט אָן רעגנבויגן די קליינע קינדער,
לייב בער האָט זאַמד פאַר די אויגן,
און ווי אַ פאַרסאַזשעט־לעמפל אין אים ברענט זיין בייזקייט
צו דיר —
דעם וואונדערלעכן גאָרנישט! — — —

1925

די רויטע רייטער און דער פרינץ — דער הונט

פאַרטאָג אויפן בית עולם האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ סטאַדע הינט און מיט די מאָרדעס צו מזרח אָנגעהויבן ארויפוואָיען צו דעם רויטן שטיק הימל, אַז עס האָט זיך אויסגעדאַכט, נישט אַנדערש, ווי זיי ווילן דעם טאָג צוריק אין זיין באַהעלטעניש פאַריאָגן.

מיטאַמאָל האָט די „זי", וואָס איז געווען צווישן זיי און געשטאַנען לעבן אַן אַלטער מצבה, ארויסגעלאָזט אַן אָפּגעהאַקטן קוויטש און זיך אָנגעהויבן וואַרפן, ארויסגעלאָזט אַן אָפּגעהאַקטן קוויטש און זיך נישט געקענט אַרויסרייסן.

און ווי שוידערלעך דאָס זאָל נישט אויסזען, איז דאָס אָבער פאַרט אמת. אַ מענטש מיט אַ בלויען אָנגעשוואָלענעם פּנים האָט זיך געהאַלטן מיט זיינעביידע דאַרע הענט אַרום איר בויך און האָט זיך מיט אַן אָפן מויל פון אונטער איר געצויגן צו אירע אייטערס.

נאָר זי, ווי אַלע הינט, צוגעוואוינט צו מענטשן, — ווען זי האָט דערפילט, אַז מען וויל איר קיין בייז נישט טאָן, האָט זי זיך באַרואיקט: בלויז מיט די אויגן אירע אַנטקעגן דעם רויטן הימל האָט זי אַזוי ווי שטומערהייט געוויינט.

סע האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי זי זאָגט צו דער זון: אָט האָסטו דיר דעם מענטש, דעם גאָט פון דער וועלט אויך אונטער מיין בויך.

ווען די קנעפּ, די גאָלדענע, אויף דעם שפּענצער פון דעם מענטש, און ווען די עפּאָלעטן מיטן קאָלנער האָט די צויג נישט געטראַכט, ווייל חיות האָבן אין זייערע טראַכטונגען אויך אַ גרעניץ. אַזוי ווי

זיי אַליין גייען אָנגעטאָן בלויז אין זייער אייגענער פעל, האָבן זיי קיין שום פאַרשטעלונג נישט וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך בײַ די מענטשן צוליב די קליידער וואָס זיי טראָגן.

דעריבער איז איר אויך נישט איינגעפאַלן פון וואַנען אַ מענטש אַזאַ קומט אַהער. גענוג אַז ער איז דאָ און ליגט אונטער איר בײַ די אייטערס, וואָס זיינען ליידיק.

זי האָט בלויז מורא געהאַט (דאָס האָט מען אויך געזען אין אירע אויגן), ער זאָל נישט אויסציען בײַ איר דאָס בלוט פון לייב, ווייל אַז ער איז הונגעריק — דאָס האָט זי געפילט.

נאָר דאָ אָבער האָבן אַלע הינט אויפגעהערט וואָיען, און מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער און אָנגעשפּיצטע אויערן זיך אַ ווענד געטאָן צו מערב.

אויף דעם בערגל דאָרט צווישן ערד און הימל האָבן זיך פון דער פינצטערניש ארויס, אַזוי ווי ארויסגעכישופ׳ט צוויי געשטאַלטן אויף פערד.

אין אָנהויב זיינען זיי געזעסן מיט די הענט איבער די אויגן, אַזוי ווי מענטשן, ווען זיי ווילן קוקן ווייט.

קען זיין, אַז ווען די מאָרגן־זון וואָלט זיי נישט באַלויכטן וואָלט מען זיי אינגאַנצן נישט געזען. אַזוי אָבער האָבן זיי אויסגעזען ביידע מיט פערד און שפּיז, אַזוי ווי פון איין שטיק פייער פון דער ווייטנס.

צי די רייטער האָבן דערזען די הינט, נאָך איידער זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן וואָיען, קען מען ניט זיכער זיין — אפשר יע און אפשר ניט. — נאָר ווען זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אהין מיט קעפּ און שפּיזן פאַראויס, האָט זיך געדאַכט, אַז צוויי גרויסע פייערדיקע פייגל פליען און אַז מען דאַרף אַנטלויפן. און אויך די צויג האָט זיך אַרויסגעריסן און טאַקע (אַזוי ווי זי האָט פריער געטראַכט), מיט אַ צעבלוטיקטן אייטער.

— ביסטו דאָס דער פרינץ, וועמען מיר דאַרפן ברענגען אַ טויטן? זאָגן די רייטער אַזוי צו דעם מיט דעם בלוי-געשוואָלענעם

פּנים אויף דער ערד, וואָס קוקט אויף זיי מיט אַן אָפֿן מויל, מיט בלוט־פּלעקן אויף דער מאָרדע, און שווייגט. איינער פֿון די רייטער, דער מיט די קליינע אויגן ווי פּאַסיקלעך, מיט רויטן קרייד אָנגעצייכנט, פֿרעגט נאָכאַמאָל:

— וואָס שווייגסטו, דו הונט?

צעעפֿנט דער אויף דער ערד נאָך מורא'דיקער דאָס מויל, שטעלט אַן אַ פּאָר אויגן, ווי פֿון גלאָז, פּרוּווט זיך אויפֿהויבן, בלייבט שטיין אויף אַלע פיר און הויבט אָן אונטערשפּרינגען. גיט זיך אַ שוואונג אַ שפּיז צום שליידער, — בויגט זיך דער מענטש צו דער ערד אויף די קני, און מיט הענט אויסגעשטרעקטע ווי פֿאָדערשטע לאַפּעס און מיטן גאָרגל אַרויף־צו בלייבט ער זיצן אַזוי. פֿרעגט מען אים נאָכאַמאָל פֿון אַ פֿערד אַרונטער, הויבט ער אָן וואָיען, קודם שטיל, נאָכדעם העכער און נאָך העכער. דערהערט זיך פֿון אַן אַנדער ווינקל אויפֿן בית עולם נאָך אַ הינטיש געוויין און פֿון אַן אַנדער ווינקל נאָך איינס, ביז מען וואָיעט שוין אַרום און אַרום, אַזוי אַז די הינט זיינען זיך צעלאָפֿן אין אַלע זייטן. דער אָבער וואָס מיט דעם געשוואָלענעם פּנים זעט שוין אַפֿילו נישט די שפּיז, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן אים צו טרעפֿן; נאָר צו דעם שטיק רויטן הימל, וואו די זון גייט אויף, וואָיעט ער שוין, און מיט אַזאַ אויסגעצויגנקייט און מיט אַזאַ אימה, אַזוי ווי אַ גאַנצער וואַלד פֿון טויזנטער יאָר צוריק וואָלט זיך אין אים אויפֿגעוועקט.

שוין קראַמפּן זיך באַקנביינער באַ דעם רייטער מיט די רויטע פּאַסיקלעך אויף דעם אָרט פֿון די אויגן; שוין קראַמפּט זיך די פֿויסט זיינע וואָס האַלט אַ שפּיז אין דער הויך. איין בליץ וועט עס טאָן, און דער אַרויפֿגעריסנער גאָרגל, וואָס וואָיעט, וועט זיצן אין דער מיט פֿון דער שפּיז אַזוי, אַז ווי אַ צלם וועט ער אויסזען. נאָר דאָ הויבט זיך אויף די האַנט פֿון דעם אַנדערן רייטער, און די אויגן זיינע, וואָס זיינען גרויס און ליכטיק אַזוי, אַז באַנאַכט וואָלט מען זיי געקענט אָננעמען פֿאַר צוויי שטערן, וואָס וויינען, — שטעלט ער זיי אָן אויף דעם מיט דער אויפֿגעהויבענער שפּיז, אויף

זיין ברודער, און פּאַמעלעך, קוים וואָס דאָס אויג קען זען, הויבט זיך אָן אַראָפּלאָזן יענעמס אָרעם. דער אָטעם איז נאָך פייער, — דאָס דערקענט מען אָן די ברוסטביינער, ווי זיי הויבן זיך און פאַלן, און אַז די אויבערשטע ציין זיצן נאָך, ווי אייזן, אויף די אונטער־שטע, — דאָס ווייזט די מאָרדע, נאָר די שפּיז מיטן קאָפּ אינאיי־נעם זינקט פּאַמעלעך, האָר־פּאַמעלעך. עס דערמאָנט שיר נישט אָן דעם קאַמף, אָן דעם ברעכן זיך וואָס אַ מענטש פירט מיט אַ ווילדן אָקס, ווען ער האַלט שוין בײַ ביידע הערנער.

אַ גרויס וואונדערלעך געזאַנג פון שווייגן איז צו הערן געוועזן אין דעם דאָזיקן ראַנגלען זיך. בייגעקומען אָבער האָבן די ליכטיקע אויגן און נישט די פויסט מיטן שפּיז.

— געזעגנט ביסטו, ברודער, — האָט זיך יענער געבויגן פאַר אים — הייליק דאַרף זיין דאָס געבאָט פון אַ ווייגענדיק פאָלק. אַרויסגעשיקט האָט מען אונדז נאָך דעם בלוט פון די מענער מיט די גאָלדענע קאָלנערס, נאָר נישט נאָך דעם בלוט פון אַ הונט, וואָס איז הונגעריק צום שטאַרבן.

און טריט בײַ טריט, — אַזוי ווי אויסגעזע׳חלומ׳ט פון איין האַרץ, וואָס האָט זיך אין פיין געהייליקט און אין דער ריינקייט פון דורות, — זיינען ביידע רייטער אַוועקגעריטן ווייטער אויף דעם וועג, אַנטקעגן דעם רויטן שטיק הימל, וואו די זון איז אויפגעגאַנגען. און פון הינטער זיי איז נאָכגעשפּרונגען אויף אַלע פיר דער מענטש, מיט דעם בלויען אָנגעשוואָלענעם פּנים, און ער האָט געוואָיעט אַזוי יאָמערלעך, אַז אַלע הינט, וואָס זיינען זיך צעלאָפן, האָבן זיך אומ־געקערט און מיט אים אינאיינעם נאָכגעוואָיעט די צוויי רייטער, אַזוי לאַנג ביז זיי זיינען אַריינגעריטן, מיט געבויגענע קעפּ, אין דער זון אַריין...